YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i32

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 32
August 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 32)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/35

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפּ לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. I. No. 32. New York, Friday, Aug. 22, 1919 פרייטאג, 22טען אויגוסט, 1919 PRICE 3 CENTS

א באגייסטערטער מיטינג פון קלאוקמאכער

אונזער קלאוק פינישער יוניאן, לאק. 9 האט איינגערופען א מעמבער מאססמיטינג לעצטען שבת נאכמיטאג אין קופער יוניאן. דאס איז געוועזען דער ערשטער גרויסער מיטינג אין דער קלאוק מאכער יוניאן, נאך'ן סעטעלמענט פון דעם לעצטען גענעראל סטרייק.

דער מיטינג איז איינגערופען געווארען, ווי ברודער האלפערן, דער מענעדזשער פון דעם לאקאל גיט אונז איבער, מיט א דאפּעלטען צוועק; ערשטענס, צו זעהן די שטימונג פון די גרויסע מאססען פינישער און קלאוק שניידער נאך'ן סטרייק. עס האט זיך געוואלט וויסען ווי אזוי די מיטגלידער פון לאקאל 9 פיהלען זיך אונטער דעם נייעם סיסטעם פון וואך-ארבייט; צו זיי זיינען צופרידען מיט זייערע נייע ארבייטס-באדינגונגען אדער ניט.

צווייטענס, זיך דורכצורעדען מיט די מיטגלידער וועגען בעסער באפעסטיגען דעם לאקאל פינאנציעל; וועגען איינשאפען אין דעם לאקאל גרעסערע פאנדס אום צו זיין בעסער צוגעגרייט, ווי א זאך זאל זיך שפּעטער ניט מאכען.

דער מאססמיטינג אין קופער יוניאן האט גאנץ ברייטהארציג געענטפערט אויף ביידע פראגען.

וואס אנבעלאנגט די שטימונג פון די מיטגלידער פון לאקאל 9, האט אויף דעם מיטינג געהערשט אזא מין ענטוזיאזם, אזא מין אמת הארציגע באגייסטערונג, וואס איז זעלטען פריהער געוועזען צו זעהן אויף א מאססמיטינג פון קלאוק מאכער! עס האט דארט געהערשט אן אומבאשרייבליכער ענטוזיאזם און פרייד! ערשט דארט האט מען ריכטיג געקאנט זעהן וואס עס מיינט אין דער ווירקליכקייט, די גרויסע שטילע רעוואלוציע וואס איז געמאכט געווארען דורך'ן לעצטען דזשענעראל סטרייק; איבערבייטענדיג דעם ארבייטס-סיסטעם אין דער קלאוק אינדוסטרי פון שטיק ארבייט אויף וואך ארבייט.

ברודער דזש. האלפערן, דער מענעדזשער פון לאק. 9, איז געוועזען דער טשערמאן פון דעם מערקווירדיגען מאססמיטינג און ער איז זעהר ווארעם באגריסט געווארען.

א חוץ ברודער האלפערן איז דער מיטינג אדרעסירט געווארען פון אב. באראף, דער סעקרעטער-טרעזשורער פון אונזער אינטערנעשאנאל, ישראל פיינבערג, דער טשערמאן פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן און דער עקס-קאנגרעסמאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי, גענאסע מאיר לאנדאן.

צו זאגען בלויז אז די אלע דערמאנטע רעדנער זיינען אויפגענומען געווארען מיט גרויס ענטוזיאזם און א סך אפּלאדיסמענטען, וועט ניט זיין גענוג געזאגט. אויף דעם מיטינג האט זיך געטראגען אן אויסערגעוועהנליכע ליעבשאפט פון דעם גרויסען עולם, — דער האל איז געווען איבערפול, — צום פלאטפארם, צו די רעדנער. עס האט זיך געפיהלט אויף דעם מיטינג אן אומבאשרייבליכע פריידרליכקייט, טאקע אין אמת'ען זין פון ווארט.

אבער נאך א באזונדערע שטארקע כוואליע פון ענטוזיאזם האט אויסגעבראכען ווען עס האט גערעדט גענאסע לאנדאן. דער גאנצער עולם איז אויפגעשפרונגען פון די פלעצער איהם צו באגריסען און די באגייסטערונג איז געווען אזוי גרויס, אז עס האט אלמען געריהרט ביז טרערען. יא, פון א סך אויגען האבען זיך ארונטערגעקייקעלט פריידענס טרערען!

ווער עס האט נאר ביינעוואוינט יענעם מיטינג פון לאקאל 9 פארשפארט שוין פרעגען צו די פינישער און קלאוק שניידער זיינען צופרידען מיט די נייע ארבייטס-באדינגונגען, מיט דעם וואך-סיסטעם. די מיטגלידער פון דעם לאקאל האבען דאס אויסגעדריקט אויף דעם מיטינג דעמאנסטראטיוו. ווער עס איז נאר געווען אויף יענעם מיטינג האט זיך לייכט געקאנט איבערציינען, אז די מיטגלידער פון לאק. 9 זיינען מיט די נייע ארבייטס-באדינגונגען זעהר און זעהר צופרידען.

און די אנוועזענדע אויף דעם מיטינג האבען אויך גאנץ צופרידענשטעלענד געענטפערט אויף דעם צווייטען פונקט, וועגען מעהר באפעסטיגען דעם לאקאל פינאנציעל; וועגען מאכען איהם פינאנציעל אזוי שטארק און מעכטיג ווי נאר מעגליך. די רעדנער וואס האבען ארומגערעדט דעם פונקט זיינען גאנץ ווארעם אפּלאדירט געווארען. און דאס מיינט, אז דער גרויסער עולם פון דעם לאקאל וועט שטיצען זייער עקזעקוטיוו באארד אין זייניע פלענער צו באזארגען, דאס אלע פאנדס פון דעם לאקאל זאלען זיך פארגרעסערען.

דער מיטינג האט, אלזא, פאלשטענדיג אויסגעהאלטען די פראבע. דער עקזעקוטיוו באארד און די באאמטע פון דעם לאקאל מעגען זיך ווירקליך גראטולירען מיט דעם רעזולטאט.

דער קלאוקמאכער סטרייק אין טאראנטא ווערט פארטגעזעצט

ווי די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" האבען געוויס באמערקט לעצטע וואך, איז אין דעם באריכט פון דעם ספּעשעל מיטינג פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד געוועזען געמעלדעט, אז עס איז באשלאסען געווארען, דאס דער קלאוקמאכער סטרייק אין טאראנטא, קענעדע, זאל איצט אויפגעגעבען ווערען, און דאס דער קאמף זאל דארט ווידער באנייט ווערען פאר'ן אנפאנג פון'ם נעקסטען סיזאן.

אין יענעם באריכט איז געזאגט געווארען:

„דער סטרייק פון די קלאוקמאכער אין טאראנטא האט דערגרייכט א קריטישען מאמענט. דער גרעסטער טייל פון קלאוק טרייד אין טאראנטא ליעגט אין די הענט פון גאנץ רייכע מאנופעקטשורער, וועלכע באלאנגען צו דער אנטי-יוניאן נעשאנאל מאנופעקטשורערס אסס'ן. און א חוץ יוניאן פיינד זיינען זיי נאך אויך גרויסע אנטיסעמיטען און זיי האבען זיך פארנומען בדאי אליין רואינירט ווערען אבי ניט נאכגעבען דער יוניאן.

„נאטירליך, מיט אזעלכע לייט דארף מען לערנען בלק. אבער גראדע איצט, זיינען די אומשטענדען אין קענעדע זעהר ניט גינסטיג פאר דעם. דארט הערשט איצט א גרויסע רעאקציע און מען מוז אפּווארטען פאר א בעסערער געלעגענהייט.

„אויפצוגעבען דעם סטרייק איז, פארשטעהט זיך, זעהר ניט צום הארצען קיינעם פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, אבער באטראכטענדיג די לאגע דארטען, האט מען געמוזט פאסען אזא באשלוס, עס ווערט אבער פארשטאנען, אז ביי דער ערשטער געלעגענהייט, מעגליך אז נאך בעפאר דעם נעקסטען ספּרינג סיזאן, זאל דארט דער קאמף באנייט ווערען, דאך צו צווינגען די רייכע מאנופעקטשורער צו אנערקענען דעם ארבייטער'ס רעכט צו זיין ארגאניזירט."

ווייס פרעזידענט קאלדאווסקי, דער מענעדזשער פון יענער יוניאן איז אנוועזענד געוועזען אויף דעם מיטינג און אויף איהם איז אויסגעפאלען דער שלעכטער גורל, אוועקצופיהרען צו די סטרייקער אין טאראנטא די שלעכטע בשורה.

אבער ווען ברודער קאלדאווסקי האט דאס פארגעבראכט פאר די סטרייקער אויף א מיטינג, גלייך ווי ער איז געקומען פון ניו יארק, איז דארט געווארען א שרעקליכע יללה!

אין קורצען, אויף יענעם מיטינג האבען די סטרייקער אויסגעדריקט די מיינונג, אז דער סטרייק זאל ניט אויפגעגעבען ווערען. דאס זיי זיינען בארייט צו ליידען נאך מעהר ווי זיי האבען געליטען דורך די לעצטע זיבען וואכען זינט דער סטרייק געהט אן אבי דער סטרייק זאל ניט אויפגעגעבען ווערען! עס איז אויך אויסגעדריקט געווארען דער געדאנק, דאס ווען אפילו דער סטרייק זאל טאקע, אונטער דער איצטיגער רעאקציע וואס הערשט אין קענעדע, בשום אופן ניט קאנען געוואונען ווערען, איז נאך אלץ צו פריה איהם אויפצוגעבען, ווייל לויט זייער מיינונג האבען יענע איינגעשפארטע מאנופעקטשורער נאך ניט געקראגען דעם נויטיגען לעסאן, ווי זיי דארפען דאס קריגען.

און ברודער קאלדאווסקי איז גלייך צוריקגעקומען אין ניו יארק מיט אט דער בשורה פון די טאראנטא'ער סטרייקער.

אין דער אבוועזענהייט פון פרעזידענט שלעזינגער, האט סעקרעטער באראף איינגערופען א מיטינג פון די ניו יארקער און פילאדעלפיער מיטגליעדער פון'ם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועגען אט דער אנגעלעגענהייט און מען איז געקומען צום באשלוס, דאס דער קלאוקמאכער סטרייק אין טאראנטא זאל פארטגעזעצט ווערען, און ווי ברודער קאלדאווסקי האט פארזיכערט, וועט דאס איצט דארט געטאן ווערען נאך מיט מעהר חשק ווי פריהער. דער דזשענעראל עקזעקוטיוו האט זיך פארפליכטעט צו שטיצען דעם סטרייק פינאנציעל.

עס איז שווער איצט צו זאגען באשטימט ווי יענער סטרייק וועט זיך ענדיגען. לאמיר האפען, אז עס וועט זיך ווירקליך דארט אויסלאזען ווי די בראווע סטרייקער זאגען פאר און דאס דער סטרייק וועט דאך געוואונען ווערען.

פרעז. שלעזינגער אין קאליפארניא

פרייטאג נאך מיטאג, דעם 15טען אויגוסט, איז פרעזידענט שלעזינגער אפּגעפאהרען נאך לאס אנדזשעלאס, קאליפארניא. ער איז געפאהרען אהין אין די אינטערעסען פון דעם קלאוקמאכער סטרייק פאר וואך-ארבייט און נאך אנדערע פאדערונגען, וועלכער געהט דארט אן זייט די לעצטע עטליכע וואכען. דער סטרייק ווערט דארט אנגעפיהרט פון אונזער לאקאל 52, די קלאוקמאכער יוניאן אין לאס אנדזשעלעס, מיט דער הילף פון דער דארטיגער ארבייטער באוועגונג.

אין פארלויף פון דעם סטרייק איז פון דארט געקומען איינינע טעלעגראמען, דאס פרעזידענט שלעזינגער זאל למען השם גלייך אהין ארויסקומען, אין די אינטערעסען פון דעם סטרייק און אויף דעם לעצטען ספּעשעל מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז דער פרעזידענט באאויפטראגט געווארען גלייך צו פאהרען אהין. ער איז שוין אלזא, דארטען.

פאר'ן אפּפאהרען האט פרעזידענט שלעזינגער אונז פארשפראכען צו שרייבען פאר די „גערעכטיגקייט" און מיר ערווארטען צו באקומען פון איהם אינטערעסאנטע קארעספאנדענציעס פון יענע ווייטע מקומות.

אויף צוריק-וועגס וועט ער באזוכען אלע שטעדט אויפ'ן פאסיפיק קאוסט, וואו עס זיינען דא לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל, אדער וואו אזעלכע לאקאלס קאנען ארגאניזירט ווערען און זיין רייזע וועט אזוי נאך פארוואנדעלט ווערען אין א פאלשטענדיגען אגיטאציאנס טור פאר אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן. פאר יענע לאקאלס וועט דאס זיכער זיין פון אונגעהויער גרויסען פראפאגאנדיסטישען ווערט, וואס וועט זיי צוגעבען נייעם, פרישען מוט צו ווייטערדיגער טעטיגקייט פאר דער גרויסער ארבייטער זאך, פאר א בעסער לעבען, און א שעהנערע וועלט!

אינהאלט-פארצייכניס

נומער 32 „גערעכטיגקייט".

זייט 2. די וואך -- ש. י.
זייט 3. וואס הערט זיך אין דער קלאוק אפּערייטארס יוניאן לאקאל 21 — פ. קאטלער. דער מיטינג פון'ם דזשאינט באארד — ל. לאננער.
זייט 4. וויכטיגע פאסירונגען אין דער ריפער מאכער יוניאן — דזש. העללער. בריעף צום רעדאקטאר.
זייט 5. באנקעט-נאטיצען — א סטאף רעפארטער.
זייט 6. מלחמה נאכוועהעניישען—דזשוליעט ס. פוינטץ. ליעדער — מ. פערעלמוטער.
זייט 7. אונזערע לעצטע קעמפע און געווינען — אב. באראף. בריוועלאך פון פילאדעלפיא — א. קראפּעווע.
זייט 8. לינדעלין — יאנאס ליע.
זייט 9. לינדעלין. אן אפּיעל פאר די סטרייקענדע ציגארמאכער.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 11. די אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר — ש. יאנאווסקי.
זייט 12. די הויכע פרייזען פון לעבענסמיטלען — לילופוט. ווילסאן געבאך! (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 13. אפּטייקערשע געשעפטען — ב. שטיינבערג.
זייט 14. קאנגרעסליים מיט יוניאן ביכלאך אין קעשענע — ב. מיימאן. נו, א וואך! דר. ק. לעא.
זייט 15. אטעניזשע פרויען — דר. אסתר לוריע.
זייט 16. די פרויען-וועלט — ראזע בעדריק-בלינדער. קורצע שמועסען.
זייטען 17, 18 און 19—אדווערטייזמענטס.
זייט 20. אן אפּיעל צו אלע ארבייטער — די לייבאר יוניאן קאנפערענץ קאמיטע. דער מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 25 — י. שעהנהאלץ.

פילאַדעלפיער אַפּטיילונג

פילאַדעלפיער קלאָוקמאַכער ווילען וואָך־ארבייט און א 44־שטונדיגע אַרבייטס־וואָך

וואָך־ארבייט פאַר די פילאַדעלפיער קלאָוק־ארבייטער און 44 שטונדען א וואָך ארבייט פאַר דעם נעקסטען סיזאָן איז דער איינשטימיג באשלוס, וואָס איז געפאַסט געוואָרען ביי א מיטינג פון אַלע שאָפּ־טשערלייטע צוזאַמען מיט א קאָמיטע פון יעדען שאָפּ. דער מיטינג איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען לעצטע וואָך און אַלע ווי איינער האָבען פאַרדאַמט די סיסטעם פון שטיק־ארבייט.

הערענדיג געוויסע באריכטען פון מאַנכע שעפּער, וואָס אבוואהל מען מאַכט אין יעניגע שעפּער אַזוי הויך ווי 90 ביז 100 דאָלאַר א וואָך, דאָך די פיהרונג, דער שטענדיגער רייסען זיך פאַר א גרעסערען באַנדעל ארבייט מאַכט דאָס אַרבייטען אונערטרעגליך, — הערענדיג די אַלע באריכטען, איז אַן איינשטימיגער באשלוס געפאַסט געוואָרען צו רעקאָמענדירען צום דזשאָינט באָארד גלייך אויפצונעהמען די פראַגע פון וואָך־ארבייט.

עס איז ווירקליך געווען א פאַרגעניגען אַנוועזענד צו זיין ביי דעם לעצטען מיטינג פון די שאָפּ־טשערלייטע מיט די קאָמיטעס פון די שעפּער, וואו די פראַגע פון וואָך־ארבייט און אַנדערע פראַגען פון טרייד זיינען אויפגענומען געוואָרען. דער גייסט פון דעם מיטינג, דער ערנסט מיט וועלכען יעדער פראַגע איז דעבאַטירט געוואָרען האָט אונז אַלעמען געמאַכט פיהלען זעהר גוט.

בראַוואָ, קלאָוקמאַכער, סקוירט־מאַכער, פרעסערס און פינישערס! דער לעצטער באשלוס אייערער וועגען וואָך־ארבייט שטעלט אייך אַוועק אין די רייהען פון אונזערע ברידער און שוועסטער פון אַנדערע שטעדט, וועלכע האָבען שוין דיעזע פראַגען געלייזט. מיר זיינען זיכער, אַז מיר קענען זיך פאַרלאָזען אויף אייך. קיום איז די פראַגע פון אייך שוין אויפגענומען געוואָרען, וועט איהר זעהן, אַז זי זאָל דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען.

עס איז שוין געמאַכט געוואָרען דער ערשטער שריט, וואָס וועט אונז פיעל העלפען אין דער ווייטערדיגער ארבייט. דאָס איז דער באשלוס, וועלכער איז געפאַסט געוואָרען ביי דעם מיטינג, אַז פון דעם 16טען אויגוסט אָן מוז יעדער מעמבער פאַרשרייבען זיינע פאַרדיענסטען אין זיין יוניאָן־בוך, מיר זאָלען קענען וויסען ווי גרויס אָדער ווי קליין די פאַרדיענסטען זיינען. מיר בעטען דעריבער אַלע אונזערע מעמבערס צו העלפען אונז מיט דעם, וואָס זיי וועלען פאַרשרייבען זייער פּעי יעדע וואָך. מיטגלידער דאַרפען וויסען, אַז אויב זיי וועלען ניט פאַרשרייבען זייער פּעי אין ביכעל, וועט מען פון זיי קיין דיוס ניט אַננעהמען אין דער יוניאָן.

עס איז ביי דעם מיטינג אויך אויפגענומען געוואָרען די פראַגע וועגען דער קאַרד־סיסטעם, וואָס אונזער יוניאָן האָט יעצט איינגעפיהרט, וואָס יעדער שאָפּ־טשערמאַן וועט דאַרפען יעדען מאָנאַט אויספּילען.

עס איז ווערט צו זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען אונזער קאַרד־סיסטעם. מיר האָבען דיעזען סיזאָן דורכגעפיהרט אַן ארגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין און מיר האָבען ארגאַניזירט יעדען שאָפּ אין פילאַדעלפיא — אינסייד שעפּער, אויטסייד שעפּער, קאָנטראַקטאָרס און סאַב־קאָנטראַקטאָרס. די קאָרפּאָריישאָנס, וועלכע זיינען געוואַקסען ווי שוואָמען נאָך א רעגען, האָבען געשאַפען פאַר אונזער יוניאָן נייע פּראָבלעמען, וואָס אונזער יוניאָן וועט דאַרפען לייזען. עס מוז, נעמליך, זיין קלאָר פאַר דער יוניאָן ווער עס אַרבייט פאַר וועמען, כדי צו קענען האַלטען דעם גלייכגעוויכט, אַז די פּרייזען פון דער ארבייט זאָל זיין גלייך אינסייד און אויטסייד. האַנדלענדיג מיט יעדען מאַנופעקטשורער און יעדען קאָנטראַקטאָר באַזונדער, איז פאַר אונזער יוניאָן אַלע מאָל געווען שווער, אויסצוגעפינען פון די מאַנופעקטשורערס וואו זיי גיבען די ארבייט, און פון די אויטסייד שעפּער — פון וואַנען זיי נעהמען די אַרבייט.

אָט פאַר דיעזען צוועק איז די קאַרד־סיסטעם איינגעפיהרט געוואָרען. אַלע שאָפּ־טשערלייטע און די קאָמיטעס האָבען זיך פאַרפליכטעט צו זעהן קריגען די אַלע אינפאָרמאַציאָנען און יעדען מאָנאַט דיעזע קאַרדס אויסצופילען.

דאַרפען די פּרעסערס אין פילאַדעלפיא האָבען א באַזונדער טשאַרטער?

ווי פּונ'ם הימעל איז מיט איין מאָל לעצטען מיטוואָך ערשינען א הענד־ביל פון פּרעסערס עקזעקוטיוו באָארד, אַז זיי רופען איין א ספּעשעל מיטינג וועגען דער פראַגע צו פאַרלאַנגען א באַזונדער טשאַרטער פאַר די פּרעסערס.

קומענדיג לעצטען שבת צום מיטינג און הערענדיג די ארגומענטען פון די יעניגע, וועלכע ווילען דאָס דעם טשאַרטער, ספּעציעל די ארגומענטען פון איינציגע מענשען, וועלכע זיינען געווען אַלע מאָל נאָהענט צו אונזער אָפיס און וועלכע זיינען געשטאַנען אַן דער שפּיצע פון אונזער יוניאָן, האָבען זייערע טענות ניט געמאַכט דעם געווינשטען איינדרוק. אָך, ווי ניט אויסגעהאַלטען, ווי ענאַאיסטיש די ארגומענטען זיינען!

און אַלע די יעניגע, וועלכע פאַרשטעהען עטוואָס, האָבען איינגעזעהן, אַז עס איז ניט מעהר ווי א פּאַר מענשען, וועלכע האָבען איצט געמאַכט א אישיו פון א באַזונדער טשאַרטער פאַר די פּרעסערס.

אדרבא, לאָמיר באַטראַכטען די פראַגע, צי דאַרפען די פּרעסערס האָבען א באַזונדער קלייזעל פאַר זיך אָדער ניט.

מיט א צעהנדליג יאָהר צוריק זיינען אין פילאַדעלפיא געווען 3 לאָקאַלס, פון פּרעסערס, קלאָוקמאַכער און סקוירט־מאַכער. ווי די עלטערע מעמבערס געבען אונז איבער, זיינען דאָס געווען יוניאָנס, וועלכע האָבען נאָר עקזיסטירט סיזאָן־ווייז — יעדען סיזאָן א נייע יוניאָן — ביז די אַלע לאָקאַלס האָבען איינגעזעהן, אַז פילאַדעלפיא איז ניט גענוג גרויס צו האָבען דריי אָפּגעזונדערטע לאָקאַלס, וואו די כחות זאָלען זיין צושפּליטערט, און מען איז געקומען צו א פאַרשטענדניס. אַלע האָבען זיך צוזאַמענגענומען צו שאַפען איין יוניאָן אין פילאַדעלפיא, און פון דאַן אָן איז ענטשטאַנען נאָר אַן אַנדער לעבען. דאַן איז געבאָרען געוואָרען אונזער יעצטיגע יוניאָן און זיים דאַן איז זי אויסגעוואַקסען צו איהר יעצטיגען צושטאַנד. אונזער יוניאָן האָט שטופּענווייז ארויפגעארבייט דעם טרייד.

דער ארגומענט, אַז די פּרעסערס וואָלטען פאַרדיענט מעהר, ווען זיי וואָלטען האָבען א באַזונדער טשאַרטער — און די זעלבע גיבען צו, אַז די פּרעסערס פאַרדיענען יעצט פון 70 ביז 80 דאָלאַר א וואָך — איז לעבערליך.

אונזער יוניאָן, ווי זי איז יעצט צוזאַמענגעשטעלט, איז גאַנץ דעמאָקראַטיש. זי ארבייט זעהר האַרמאָניש און די פּאַר פּרעסערס, וואָס רעדען פון א באַזונדער טשאַרטער, זוכען בלויז דער יוניאָן צו שאַדען.

דער טשערמאַן פון עקזעקוטיוו באָארד זאָגט, אַז זיי דאַרפען א באַזונדער טשאַרטער, ווייל די מעמבערס זייערע באַזוכען איצט ניט זייערע מיטינגען. וועל, ווער לאָזט ניט אייערע פּרעסערס קומען צו די מיטינגען? האָט אייך אימיצער געשטערט אין דעם? איז דען ווען עס איז פאָרגעקומען אירגענד וועלכע לאָגישע זאַך, וואָס איהר האָט באַשלאָסען און עס איז ניט דורכגעפיהרט געוואָרען? וויעדער תּענען דער פאַרטרעטערשאַפט אין דעם לעצטען טערמין פּונ'ם דזשאָינט באָארד זיינען אי דער טשערמאַן פון דזשאָינט באָארד, אי דער סעקרעטער געווען פּרעסער. 2 מעמבערס פון דעם באָארד און דירעקטאָרס, — פון א קערפּערשאַפט פון 5, — זיינען פּרעסערס: 1 פּרעסער ביזנעס־אייגדזשענט, און מען קען זאָגען, אַז די גאַנצע יוניאָן אונזערע איז געפיהרט געוואָרען פון פּרעסערס.

אָבער וואָס טויגען פאַקטען און ארגומענטען, ווען מענשען זוכען ניט די אינטערעסען פון דער יוניאָן?

מיר אַפּעלירען דאַרום צו די פּרעסער, ביי וועמען די יוניאָן איז געווען אַלע מאָל טייער נעגען דעם פאַלשען שריט. שאָקעלט זיך אָפּ פון די יעניגע, וועלכע פיהרען אייך אויף דעם וועג פון צושפּליטערונג! אַן אייגענע קליישעל יעצט, אין דער צייט ווען מיר געהען אויפנעהמען איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען אין קלאָוק־טרייד, טאָר ניט דערלאָזען ווערען! יעצט, ווען מיר געהען פאַרזאָרגען אונזער צוקונפט, טאָרען מיר ניט זיין אין קיין באַזונדערע קלייזלעך. יעצט, ווען מיר געהען אויפנעהמען די פראַגע פון וואָך־ארבייט, טאָרען מיר ניט מאַכען קיין היים בלוט צווישען אונזערע מעמבערס.

די יעניגע, וועלכע טרייען אין דער איצטיגער צייט, צו צושפּליטערען אונזערע כחות, ווייסען ניט וואָס זיי טוען.

מיר פאָדערען אויף יעדען פּרעסער, ביי וועלכען די יוניאָן איז הייליג און וועלכע זאָרגען פאַר א בעסערען לעבען פאַר זייערע פאַמיליען, צו קומען צו די מיטינגען און אַנטייל צו נעהמען אין דעם לעבען פון דער יוניאָן, וועלכע מיר האָבען אויפגעבויט דורך דעם פּאַרקויף פון אַזוי פיעל יאָהרען און פאַר וועלכער מיר האָבען אַזוי פיעל קרבנות געבראַכט.

וואָס הערט זיך אין די שעפּער?

אבוואהל דער סיזאָן איז ניט קיין שלעכטער, דאָך קען מען ניט זאָגען, אַז אַלע אונזערע ארבייטער זיינען באַשעפטיגט. עס איז, ליידער, ניט ווי אונזער פריינד סילווער האָט זיך אויסגעדריקט לעצטע וואָך אין דער „גערעכטיגקייט“, אַז קלאָוקמאַכער זיינען יעצט אין פילאַדעלפיא מיט ראַדיום צוגלייך. די אורזאַכע דערפון איז פאָלגענדע: פאַר די לעצטע פּאַר יאָהר זיינען פיעלע פון אונזערע מעמבערס געווען צוואוואָרפען ביי פאַרשיעדענע מלחמה־ארבייטען. יעצט האָבען זיך אַלע צוריקגעקעהרט און עס איז געבליבען א געוויסע צאָהל ארבייטער, פאַר וועמען עס איז געווען שווער צו קריגען באַשעפטיגונג.

דער איינציגער וועג ווי אַזוי אונזער יוניאָן טרייעט צו שליכטען די פראַגע, איז דורך דעם אָרדער צו די שעפּער, אַז קיין אָווערטיים טאָר ניט געאַרבייט ווערען. מיט דעם האָפען מיר אַריינצוציהען אונזערע ארבייטסלאָזע אין די שעפּער.

די פאַרדיענסטען אין די שעפּער זיינען בכלל ניט שלעכט. מען מאַכט א גאַנץ אַנשטענדיגען לעבען. עס איז אמת, אַז די פּרייזען, וואָס זיינען געסעטעלט געוואָרען דורך קאָמיטעס, האָט פיעל געהאָלפען פאַרבעסערען די פּרייזען. דאָך איז אין א געוויסער צאָהל שעפּער נאָך אַלץ ניט ווי עס דאַרף צו זיין און מיר זיינען געצוואונגען צו מאַכען די סעטעלמענטס, וועלכע זיינען אין מאַנכע פעלע ניט אַנגענעהם פאַר ביידע צדדים.

אין פיעלע שעפּער האָבען מיר געסעטעלט אויף וואָך־ארבייט מיט אַגרימענטס, וועלכע גאַראַנטירען פון 18 ביז 27 וואָכען ארבייט. דער מינימום־ווייִדזש פאַר אָפּרייטאָרס איז 49 דאָלאַר.

באַטראַכטענדיג די יעניגע שעפּער, וואו עס ווערט געאַרבייט פון וואָך, איז צו זעהן דעם גרויסען אונטערשיעד צווישען די צוויי סיסטעמען. וועהרענד אין די שטיק־שעפּער קומען פאַר קריגערייען ווייל מען קען זיך ניט צוטיילען מיט דער חלוקה, און דאָס רופט ארויס פיעל האַס צווישען די ארבייטער, איז אין גענצען, ביי וואָך־ארבייט גאַנץ רוהיג. די ארבייטער פיהלען ניט קיין האַס איינער צום צווייטען און די ארבייטער מאַכען אַן אַנשטענדיגען לעבען.

א בריוועל צום רעדאַקטאָר.

ווערטהער הערר רעדאַקטאָר:

ערלויבט מיר צו ענטפערען א פּאַר ווערטער אונזער פריינד סילווער אויף דעם לעצטען בריעף זיינעם אין אונזער „גערעכטיגקייט“, וואו ער נעהמט זיך אָן פאַר אונזערע ברידער קלאָוקמאַכער.

איך וויל פרעגען פריינד סילווער, זייט ווען איז ער דאָס געוואָרען אַזאַ מומחה אין קלאָוק־אנגעלעגענהייטען, און פון וואַנען האָט ער דאָס געדרונגען, אַז א קלאָוקמאַכער איז יעצט אין פילאַדעלפיא מיט ראַדיום צוגלייך. ווען ברודער סילווער איז יאָ אַזאַ גוטער פריינד פון אונזערע קלאָוקמאַכער, טו וואָרום איז ער ניט געקומען צו אונזער דזשאָינט באָארד, אַלס ווייס פּרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאָנאַל, און אונז אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף? וואָרום האָט ער געדאַרפט פריהער שרייבען אין דער „גערעכטיגקייט“? עס איז כדאי, מיר זאָלען זיך אָפּשטעלען אויף דעם ענטפער.

נאָך איין קליין פראַגעלע: פון וואַנען ווייס ברודער סילווער, אַז די פילאַדעלפיער קלאָוקמאַכער זיינען געשטימט געגען וואָך־ארבייט? מיר ווייסען גאַנץ אַנדערש, און ברודער סילווער און אַלע אַנדערע וואָס מיינען ווי ער, וועלען זיך נאָר ניכען איבערצייגען אין זייער טעות.

פריינד סילווער, איך קען אייך פאַרזיכערען, דאָס אונזערע פּראָבלעמען וועלען געלייזט ווערען, און געלייזט ווערען אין צייט.

נאָך א וואָרט און איך בין פאַרטיג.

פריינד סילווער, לעצטע וואָך איז ביי אונז אָפּגעהאַלטען געוואָרען א מיטינג פון די ארבייטסלאָזע אין אונזער טרייד. אַט ווי איהר זעהט, זיינען נאָך משמעות ביי אונז אין פילאַדעלפיא די קלאָוקמאַכער וועיט ניט מיט ראַדיום צוגלייך.

א. ניבאַור,
סעקרעטער פון לאָקאַל 2.

וויכטיג פאַר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאָקאַלס!

מיר ווילען דאָ באַקאַנט מאַכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אַלע אינטערנעשאָנאַל לאָקאַלס פון ניו יאָרק, אַזוי גוט ווי פון די קאַנטריס, דאָס די באַריכטען וועגען דער טעטיגקייט אין זייערע לאָקאַלס, וואָס זיי ווילען האָבען געדרוקט אין דעם לויפענדען נומער, מוזען מיר האָבען אין רעדאַקציע ניט שפּעטער ווי דינסטאַג. דאָס זעלבע באַציהט זיך אויך אויף קאָרעספּאָנדענטען, בריעף־שרייבער און אַזוי ווייטער.

די יוניטי הויז אָפען אין סעפּטעמבער

די יוניטי הויז פון דער ליידיעס ווייסט און דרעסס מאַכער יוניאָן לאָקאַל 25 וועט זיין אָפען אין סעפּטעמבער.

פיעלע וואָס האָבען ניט געהאַט די געלעגענהייט צו באַזוכען די יוניטי הויז פריהער וועלען דאָס קענען טאָן יעצט. מען וועט קענען דאָרט פאַרברענגען איבער ראש השנה.

רעדזשיסטרירט זיך גלייך אין אָפיס פון דער יוניאָן, 16 וועסט 21טע סטריט.

וואס הערט זיך אין דער קלאוס אפרייטארס יוניאן לאקאל 1?

פון פ. קאטלער

וואס א וואך ווייטער עס געהט אוועק אין סיזאן, אלץ מעהר און בעסער ווערט די לאגע קריסטאליזירט. די „פעלקער וואנדערונג" האט שוין כמעט ווי אין גאנצען אויפגעהערט, די אפערייטארס האבען זיך שוין מעהר אדער וועניגער איינגעזעצט אויף די פלעצער, וואס דאס מיינט אויך אז יעדער האט שוין מעהר אדער וועניגער געטראפען זיין פרייז צו וועלכען ער איז בארעכטיגט. מיר נעהמען דאס ארויס פון דעם וואס די קאמפליינטס און טראבעלס וועלכע זיינען לעצטענס פארגעקומען דורך די פאדערונגען פון די ארבייטער פון פיעלע שעפער פאר א העכערונג אין די פרייזען, האבען זיך פארקלענערט צו א מינימום, און דאס איז א גוטע ערשיינונג, ווייל, וואלטען דיזע פאדערונגען אנגעהאלטען אלע מאל אין דער זעלבער פארמע ווי עס האט אנגעהאלטען פריהער וואלט דאס געווען א שלעכטער סימן פאר דער גאנצער סיסטעם פון וואך־ארבייט. און עס וואלט אויך באוויזען דעם שוואכען באוואוסטזיין פון אונזערע מעמבערס, אבער ווייל די לאגע האט זיך קריסטאליזירט צייגט, אז די באוועגונג וועלכע איז אנגעגאנגען ביז יעצט איז געווען א נאטירליכע און נים קיין קינסטליך־אויפגעבלאזענע ווי מאנכע האבען אונז געוואלט איינרעדען. אויב אזא באוועגונג איז באשאפען געווארען איז קיינער פאר איהר נים פאראנטווארטליך נאר דער צושטאנד פון טרייד. עס איז נאטירליך, ווען עס פעהלען אוים בעלי־מלאכות, אז זייער פרייז זאל זיך הויבען, און ווען די מאנופעקטשורערס צאהלען העכערע פרייזען איז א באווייז אז זיי קענען צאהלען, אז די אינדוסטריע קען אפארדען צו צאהלען און מיר זעהען אין דעם קיין פארברעכען נים פאר וואס די בעלי מלאכות נעהמען די פרייזען, וועלכע ווערען זיי אנגעבאטען.

דער בעסטער באווייז, אז דיזע באוועגונג איז געווען א נאטירליכע, צייגט דער פאקט, אז די לאגע האט זיך קריסטאליזירט, אז די בעלי מלאכות האבען זיך איינגעזעצט אויף די פלעצער און דער טרייד האט אנגענומען זיין נארמאלען גאנג. ווען עס פאסירען נאך פעלע, וואו דא אדער דארטען זיינען די בעל־מלאכות נים צופריעדען מיט זייערע פרייזען, זיינען דאס בלויז איינצעלנע פעלע, וועלכע וועלען אלע מאל פארקומען, פונקט ווי עס איז פארגעקומען ביי שטיק־ארבייט, אז אין מאנכע פלעצער האט מען געדארפט איבערסעטלען די פרייזען אין מיטען סעזאן.

עס איז דארום יעצט נים נויטיג צו קלאפען איבער דעם „טרעוואגע"; עס וועט זיך שוין איינארדנען ווי עס איז.

* * *

די „בלעק־ליסטינג" סיסטעם.

ווען אבער די באוועגונג פון די בעל־מלאכות צו פארלאנגען העכערע פרייזען האט זיך געענדיגט און אויך די „פעלקער וואנדערונג" האט זיך אפגעשטעלט, האבען אבער די מאנופעקטשורערס נאך נים אפגעשטעלט זייער שעדליכע און צום העכסטען גראד אונמאראלישע סיסטעם פון פארפאלגען יעדען בעל־מלאכה, וועלכער פארלאזט איין פלאץ און וויל ארויף אויף א צווייטען. מיר ווילען אויסמיידען דעם ווארט „בלעק־ליסט", וואס זייער סיסטעמע פון פארפאלגונג מיינט, אבער מיט וואס פאר א נאמען מען זאל דיזע סיסטעמע נים אנרופען — זי עקזיסטירט דאך פארט.

דאס ערגסטע פון דיזער סיסטעמע איז, וואס מען האט זיך צו איהר באצויגען גלייכגילטיג. מען האט פארלאנגט פון אונזערע בעלי מלאכות, אז זיי זאלען איבערציינען שווארץ אויף וויים, אז מען האט זיי געבלעק ליסטעד, וואס דאס איז אונמעגליך, און דערפאר זיינען די בעלי מלאכות נים געקומען קאמפליינען אין די אפיסעס און האבען קאמפליינט ביי די מעמבער־מיטינגען.

אויסער דעם זיינען אונזערע אפרייטארס געווארען שוין מעהר באוואוסטזיניג און זיי שטעהט נים אן צו קאמפליינען אז מען האט זיי דיסטשארדזשט, איבערהויפט ווען זיי קענען אזוי לייכט קריגען אנדערע פלעצער, ווילען זיי נים פארלירען קיין צייט צו קאמפליינען, און דאס האט געגעבען די מאנופעקטשורערס מעהר מוט אנצוגעהן מיט זייערע פארפאלגונגען געגען יעדען פון זייערע בעל מלאכות, וועלכע האבען זיי פארלאזען, ביז מיר האבען אויפגענומען איין קיים און רעפארטעט צו דעם עקזעקוטיוו באארד, וועלכער האט די פראגע גלייך אויפגענומען און געפאדערט פון דעם דזשאינט באארד א באלדיגע פעסטע שטעלונג. און דיזע האנדלונג פון אונזער עקזעקוטיוו באארד האט ארויסגעבראכט פיעלע פאקטען פון בלעק־ליסטינג, וועלכע די מעמבערס פון דזשאינט באארד האבען אליין בייגעוואוינט אין זייערע שעפער.

דער דזשאינט באארד האט ענדליך אויפגענומען די פראגע, און דיזע שענדליכע סיסטעם וועט מוזען אפגעשטעלט ווערען, אויב די מאנופעקטשורערס ווילען באמת איינפיהרען ארדנונג אין דער אינדוסטריע און לעבען בשלום מיט דער יוניאן, ווייל מיר גלויבען נים, אז דאס וועט זיך זיי באצאהלען.

און אונזערע מעמבערס זיינען אויפגעפאדערט צו רעפארטען צו אונז אין אפים פון יעדען פאל, וואו זיי זיינען דיסטשארדזשד געווארען. עס מאכט נים אוים אויב זיי באשטעהען אויף דעם פלאץ אדער נים, עס איז אבער פאר אונז אונבאדינגט נויטיג צו האבען א רעקארד אין אונזער אפים פון יעדער דיסטשארדזש קיים.

* * *

די יאגעניש ביי דער ארבייט

ווען די פראגע פון וואך־ארבייט איז ארויפגעבראכט געווארען ביי אונז אויף דער טאגעס־ארדנונג, איז די ערשטע פראגע, וועלכע מען האט געשטעלט, געווען: וואס וועלען מיר דערביי געווינען? דער ערשטער תירוץ איז געווען, אז אונזערע בעלי מלאכות וועלען קענען ארבייטען נארמאל, אום זיי זאלען קענען לעבען נארמאל. איבערהויפט איז דאס געווען אמת בנוגע צו אונזערע מעמבערס, ווייל דער אפרייטאר, ארבייטענדיג אויף א מאשין, מוז פארלירען מעהר ענערגיע ווי יעדער אנדער בעל־מלאכה אין אונזער טרייד. און דאס ווארפט זיך אין די אויגען, ווייל וועהרענד אין די אנדערע בראנטשעס פון אונזער טרייד, ווי ביי די קאטערס, פרעסערס און פינישערס, געפינען זיך אלטע לייט, וועלכע קענען ארבייטען אין טרייד, זיינען ביי די אפרייטארס אזעלכע נישטא — איינפאך דערפאר ווייל די מאשין נעהמט פון דעם אפרייטאר אוועק זיין גאנצע ענערגיע, אזוי אז צו די עלטערע יאהרען קען ער שוין מעהר נים ארבייטען. ביי וואך־ארבייט אבער וועט דער אפרייטאר אויך ארבייטען נארמאל און ער וועט נים דארפען פארלירען זיין געזונד אין א קורצער צייט.

דאס איז געווען איינער פון די ארגומענטען, וועלכער האט באוואויזען די קלאוק־אפרייטארס אנצונעהמען די וואך־ארבייט־סיסטעם.

דאס איז אלץ געווען אין דער טעאריע. אין דער פראקטיק איז דאס אבער נים אזוי. פיעלע אפרייטארס ארבייטען נאך היינט אויך אזוי ווי ווען זיי האבען געארבייט פאר'ן באנדעל. מען יאגט איינער איבער דעם צווייטען, אום צו קריגען א דאלאר מעהר.

ווען דאס זאל אזוי אנהאלטען, געהט אין גאנצען פארלארען דער צוועק פון די וואך־ארבייט וואס אנבאלאנגט דעם אפרייטאר.

עס איז אמת, אונזער לאקאל ערלויבט נים צו קריגען קיין רעיז אויף דעם פרייז אויף דעם גרונד, וואס מען יאגט זיך ביי דער ארבייט. אבער דאס איז נים גענוג, ווייל נים אלע מאל קען מען באווייזען, אז מען יאגט זיך איבער די כחות. אונזער עקזעקוטיווע האט דארום באשלאסען אנצופאנגען אן אויפקלערונגס־קאמפיין צווישען אונזערע מעמבערס, זיי זאלען ארבייטען נארמאל, און פארלאנגט פונ'ם דזשאינט באארד אזא קאמפיין אנצופיהרען. יעדענפאלס איז יעדער אפרייטאר אויפגעפאדערט צו לאזען וויסען אין אונזער אפים, אין וועלכע שעפער אן אונגאטירליכע יאגעניש געהט אן און מיר וועלען זיי רופען צו מיטינגען, וואו מעמבערס פון דעם עקזעקוטיוו באארד וועלען זיי אדרעסירען.

* * *

אונזער קאנצערט אם לייבאר דעי

די עקזעקוטיווע פון אונזער לאקאל האט באשלאסען צו ארראנזשירען א וויקטארי קאנצערט אויף לייבאר דעי אין קופער יוניאן פאר אונזערע מעמבערס מיט זייערע פאמיליען.

דאס וועט זיין אן ערשטע קלאסע קאנצערט מיט ערשטע קלאסע ארטיסטען. יעדער מעמבער פון אונזער לאקאל וועט קענען קריגען א טיקעט אין אונזער אפים. אבער אזוי ווי קופער־יוניאן נעהמט אריין א באשרענקטע צאהל מענשען, דארפט איהר זיך אנטעראיילען צו קריגען די טיקעטס, ווייל אזעלכע קאנצערטען מיט אזעלכע קרעפטען ווערען נים געגעבען צו אפט.

יעדער מעמבער קען קריגען טיקעטס אויך פאר זיין פאמיליע, און אונזער אראנזשמענטס קאמיטע זאגט זיי צו צו פארשאפען א גייסטיגען גענוס.

* * *

דער קאנסאמפשאן פאנד.

דער קאנסאמפשאן סטעמפ ווערט שוין קאלעקטעט אין אלע אפיסעס, וואו מען צאהלט דיוס. דאס איז א פאנד, צו וועלכען יעדער אפרייטאר צאהלט 25 סענט א קווארטאל צו שטיצען די פאמיליען פון אונזערע מעמבערס, וועלכע ווערען קראנק אויף קאנסאמפשאן.

די אפרייטארס זיינען געבעטען צו פאדערען אין די אפיסעס דעם סטעמפ.

* * *

אונזערע מעמבער מיטינגען.

אונזערע מעמבער מיטינגען זיינען לעצטענס געווארען זעהר אינטערעסאנט און דער כאראקטער פון די מיטינגען איז אן אינטערעסאנטער.

איבערהויפט קומען יעצט צו די מיטינגען מעמבערס, וועלכע צייגען ארוים אינטעליגענץ און א טיעפע אינטערעסע אין אלעס, וואס קומט פאר אין טרייד און אין דער יוניאן. די עקזעקוטיווע פארהאנדעלט יעצט וועגען א פלאן ווי אזוי יעדער מעמבער זאל מוזען באזוכען אם וועניגסטען איין מאל אין מאנאט א מעמבער־מיטינג.

צום נעקסטען מיטינג וועט פארגעלעזען ווערען דער פינאנס־רעפארט, וועלכער וועט אייך זיכער פאראינטערעסירען.

פ. קאטלער,
מענעדזשער.

דזש. באארד מיטינג פון דער ניו יארק קלאוק מאכער יוניאן

עס ווערען פארגעלעזען צושריפטען.

לאקאל 1 פארלאנגט דער דזשאינט באארד זאל עטאבלירען אן ארבייטער ביורא. דער לאקאל ערקלערט אז אזא ביורא וואלט געווען זעהר ווינשענסווערט.

דער צושריפט ווערט איבערגעשיקט צום באארד אוו דירעקטארס.

לאקאל 64 פארלאנגט אז א לעטער זאל געשיקט ווערען צו אלע שאפ טשערלייטע, אין וועלכען זיי זאלען אויפגעפאדערט ווערען צו זעהן אז אלע שעפער זאלען האבען באטאנהאל מאשינען און מעמבערס פון דעם לאקאל זאלען די באטאנהאלס מאכען. אין דעם זעלבען לעטער זאלען ד' שאפ טשערלייט אויפגעפאדערט ווערען נים צו לאזען ארבייטען א באטאנהאל מאכער אהן א ווארקינג קארד.

דער צושריפט ווערט גוט געהייסען.

לאקאל 17 לאדעט איין דעם דזשאינט באארד צו א באנקעט וואס ווערט געגעבען אין נאמען פון ברודער בערקאוויטש, דער געוועזענער מענעדזשער פון דעם ריפער דעפארטמענט און אין דעם נאמען פון ברודער ניסענעוויץ, דער נייער מענעדזשער פון דעם אויבערדערמאנטען דעפארטמענט.

די איינלאדונג ווערט אנגענומען און די ברידער לעוונטהאל, פערלמוטער, ברעס, זוייסמאן, טשיארטשיארא, סליווערמאן, פיק, רעסעל און ביאלאס ווערען אפאינטעט.

לאקאל 48 הייסט גוט די פרעזענטען. דער זעלבער לאקאל אינפארמירט אז ברודער אמיליא איז ערוועהלט געווארען צום דזשאינט באארד. דער ברודער ווערט צוגעלאזען.

די ברידער א. סאוליטש און דזש. זנאיערזאנסקי, פון רוסיש־פוילישען ברענטש ווערען צוגעלאזען אלס דעלעגאטען צום דזשאינט באארד.

די אידישע סאציאליסטישע פעדעראציע אינפארמירט, אז אזוי ווי אב. קאהאן, דער רעדאקטאר פון „פארווערטס" ווערט באלד ערווארטעט אהיים צו קומען דארפען פלענער אויסגעארבייט ווערען ווי דעם גאסט אויפצונעהמען. פאר דיזען צוועק ווערט גערופען א קאנפערענץ און די דזשאינט באארד ווערט געבעטען צו שיקען צוויי דעלעגאטען צו דעם קאנפערענץ.

די ברידער לאנגער און פיינבערג ווערען אינסטרואירט צו אטענדען דעם קאנפערענץ.

אפים רעפארט

ברודער לאנגער באריכטעט, אז ברודער גאלד איז טראנספערירט געווארען אין דעם ריפער און אינדעפענדענט דעפארטמענט. ער ערקלערט ווייטער, אז ברודער בערנאדסקי האט זיך ענטזאגט אריינצוגעהן ארבייטען אין דעם אפים און ער האט געשיקט נאך ברודער מ. קאראלינסקי, וואס איז געווען דער נעקסטער אויף דער ליסט.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ל. לאנגער, סעקרעטער.

וויכטיג פאר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאקאלס!

מיר ווילען דא באקאנט מאכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס פון ניו יארק, אזוי גוט ווי פון די קאנטרים, דאס די באריכטען וועגען דער טעטיגקייט אין זייערע לאקאלס, וואס זיי ווילען האבען געדרוקט אין דעם לויפענדען נומער, מוזען מיר האבען אין רעדאקציע נים שפעטער ווי דינסטאג. דאס זעלבע באציהט זיך אויך אויף קארעספאנדענטען, בריעף־שרייבער און

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. No. 32. New York, Friday, Aug. 22, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103. Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

אבער ווער וויים, אין וואס אזא נעיעג נאך באנדיטען קען זיך פארוואנדלען. איינמאל האט שוין געהאט די אמעריקאנער ארמעע אזא עקספעדיציע. זי איז אריין אין מעקסיקא, אום צו כאפען דעם וואויל־באקאנטען גענעראל ווילא. אין יעמאלט אבער האט די עקספעדיציע געהאט די צושטימונג פון דער קאראנצא־רעגירונג. די עקספעדיציע איז דאן גליקליך אפגעלאפען, כאטש די גאנצע אונטערנעהמונג איז געווען אומזיסט. ווילא איז מאקע געבליבען אונגעכאפט, און ער איז נאך ביז איצט פריש און געזונד און טוט אלעס, וואס ער קען, געגען דער קאראנצא־רעגירונג. די איצטיגע עקספעדיציע איז אבער, ווי עס זעהט אוים, אונטערנומען געווארען אהן דער צושטימונג פון דער מעקסיקאנישער רעגירונג. מעהר נים, ווען די סאלדאטען זיינען שוין געווען איבער'ן גרענעץ, האט דער אמעריקאנער קוירנעל לאנגהארן געלאזט וויסען גענעראל אנטאניא פריענעדא, אז דער מעקסיקאנער גענעראל זאל לאזען וויסען זיינע סאלדאטען אין פעלד וועגען דער דאזיגער עקספעדיציע, אום צו פארמיידען א צוזאמענשטויס.

אבער נים אלע מאל קען אזא צוזאמענשטויס פארהיט ווערען. גיכער נים, ווי יא. און דאן הייסט עס וועלען מיר האבען נאך א נייע מלחמה מיט מעקסיקא, אין סאמע מיטען חלומ'ען וועגען דעם עוויגען וועלט־פריעדען.

די וואָך

פון ש. י.

ניו יארק אהן „על“ און סאבוויים פאר 43 שטונדען

עס איז ניט באשערט געווען, אז אונזער מאנהעטען און בראנקס זאלען זיך קענען שטארק איבערנעהמען נעגען ברוקלין מיט זייערע גליקליכע און צופריעדענע קאנדוקטארען, מאטארלייט און אנדערע אנגעשטעלטע פון די על און סאבוויים אין מאנהעטען און בראנקס. אויך מאנהעטען און בראנקס האט פארזוכט דעם טעם פון א סטרייק פאר כמעט גאנצע צוויי מעת־לעת. דער אונטערשיעד צווישען דעם סטרייק אין ברוקלין און דעם סטרייק אין ניו יארק איז געווען נאר אין זיין כאראקטער. דארט, אין ברוקלין, האט עס באמת געשטורמט. מען האט געבראכען קארס, קעפ, די פריזאנס זיינען געווען ציעמליך פול מיט ארעסטירטע סטרייקערס. ביי אונז איז עס אפגעגאנגען שטיל און רוהיג. קיינעמס קאפ איז ניט צובראכען געווארען, קיין קאר איז ניט צושעדיגט געווארען, קיינער איז ניט ארעסטירט געווארען, אלעס איז צוגעגאנגען העכסט געמיטליך און מאשינמעסיג. זונטאג פיער אין דער פריה זיינען ווי דורך א כשוף אפגעסטאפט געווארען אלע טריינס פון „על“ און סאבוויי, און מאנטאג, ארום עלף ביינאכט, האט אלעס ווידער געארבייט, אזוי ווי עס וואלט גאר קיין סטרייק ניט געווען.

און עס איז דא א גוטער גרונד דערצו.

מען זאגט יאקבי, אז דער סטרייק פון דער בראדערהוד, ד. ה. פון דער יוניאן, וועלכע איז ארגאניזירט געווארען מיט דער הילף פון דער אינטערבארא קאמפאניע און איז געשטאנען ביז איצט אונטער איהר פולסטער השגחה, איז ניט געווען א געוועהנליכער סטרייק, א סטרייק פון ארבייטער נעגען זייערע באסעס, נאר דאס איז געווען א סטרייק, אין וועלכען די באסעס אליין זיינען געווען שטילע פארטנערס.

פארשטעהט זיך, אז דאס איז גאר א ניי־מאדנער סטרייק. און עס איז ווערט, אז מען זאל זיך אביסעלע לענגער אויף איהם אפשטעלען.

מיט א דריי יאהר צוריק זיינען ארויס אין סטרייק די אנגעשטעלטע פון „על“. די ארבייטער פון דער סאבוויי האט די אמאלגאמייטעד, וועלכע האט דאן געפיהרט דעם סטרייק, ניט געקענט איבעררייידען ארויסצוגעהן אין סטרייק, און דערפאר, כאטש די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון ניו יארק איז געווען אין סימפאטיע מיט דעם סטרייק, אזוי אז א צייט נאכדעם ווי די טריינס פון דעם „על“ האבען געהאט זייער פולען סטעיף סקעבס, דאך איז ניו יארק נאך אלץ געפאהרען אויף טראקס, אויף אמניבוסעס, געגאנגען מיילען צו־פוס, אבי ניט צו פאהרען אויף דעם סקעבישען „על“, דאך איז דער סטרייק געבראכען געווארען, און די אינטערבארא איז ארויסגעקומען די זיעגערין.

פון דעסטוועגען, ווער ווייס ווי א זאך מאכט זיך, האט די אינטערבארא געמאכט א יוניאן, לויט איהר וואונש, פון איהרע אנגעשטעלטע. זי האט זיי פארזארגט מיט אל דאס גוטס, מיט א האל, מיט בעאמטע, און דאס בעסטע איז, זי האט געמאכט אזא יוניאן, וואס זאל ניט דארפען איהרע מעמבערס קיין פרוטה ניט קאסטען. דארט זיינען ניט געווען קיינע ביזנעס־איידזשענטס און קיינע אנדערע אזעלכע לעדיג־געהער. צו וואס דארף מען זיי, אז די קאמפאניע אליין טוט אלעס נויטיגע. יע, נאך א זאך; די יוניאן איז געבויט געווארען אויף דעם פרינציפ פון ניט־סטרייקען. דאס איז אפגעשריבען געווארען בפירוש צווישען דער אינטערבארא און איהר נייסטעס־קינד, דער בראדערהוד.

און אזוי האט די בראדערהוד און די אינטערבארא געלעבט בשלום גאנצע 3 יאהר. אין דעם משך פון דער צייט האט די אינטערבארא גערייזט איהרע אנגעשטעלטע זייערע וויידזשעס, אבער דאס איז ניט געווען, חלילה, ווייל די ארבייטער האבען עס געפאדערט, אדער געסטראשעט מיט א סטרייק, נאר ווייל די קאמפאניע אליין האט איינגעזעהן, אז מען דארף זעהן, אז די אנגעשטעלטע פון די „על“ און דער „סאב“ זאלען, חלילה, ניט זיין ערגער אפ פון אנדערע ארבייטער.

אין דער לעצטער צייט האט ווידער די אינטערבארא אליין מיט איהר גוטען ווילען פארגעשלאגען א העכערונג פון צעהן פראצענט אויף זייערע וויידזשעס. דאס איז געווען נאך דעם סטרייק אין ברוקלין. אבער, אה וואונדער, פון דער דאזיגער העכערונג האבען די אנגעשטעלטע זיך ענטזאגט. זיי האבען פארלאנגט פיעל מעהר, און ניט מעהר און ניט ווענינער ווי 50 פראצענט.

דאס האט שוין די קאמפאניע ניט געקענט נאכגעבען. זי קען ניט, זי איז אזוי אויך שוין אויפ'ן שוועל פון באנקראט. זאלען די ארבייטער געהן צו איהר פארטנער, דער שטאדט. זאלען זיי הערען, וואס שטאדט וועט זאגען.

און אז די פיהרער פון דער בראדערהוד זיינען אוועק צו דער שטאדט, ד. ה. צו אונזער מעיאר היילען, האט ער זיי מכבד געווען נאר ווי עס באדארף צו זיין. ער האט זיי פשוט געזאגט, אז ער גלויבט ניט, דאס זיי סטרייקען מיט זייער איינענעם ווילען; אז הינטער זיי שטעהט די אינטערבארא; דאס זי האט עס ארגאניזירט דעם סטרייק, כדי ארויסצורייסען פון יעדען נאך דריי סענט קארפעיר. אנשטאט דעם ניקעל, זאל יעדער מוז צאהלען 8 סענט.

די פיהרער פון דער בראדערהוד האבען עס מיט ענטריסטונג געלייקענט. מיר פאדערען גרעסערע וויידזשעס, ווייל מיר ווילען ניט און קענען ניט ארבייטען פאר ווענינער. און אונז געהט עס נאר ניט אן, צי די אינטערבארא קען עס אדער ניט, האבען די סטרייק־פיהרער געטענה'ט.

בקיצור, די פיהרער פון דער בראדערהוד האבען זיך אויפגעפיהרט, אזוי ווי זיי וואלטען איבער נאכט געווארען פארברענטע רעוואלוציאנערען. זיי ווילען ניט הערען און זעהן פון קיין ארביטריישאן. זיי ווילען ניט אפלעגען זייער סטרייק אויף איין מינוט ניט זאגאר. אדער מען גיט זיי א העכערונג פון 50 פראצענט אדער זיי סטרייקען.

מיט זייער חוצפה'דינער האלטונג האבען זיי נאך מעהר פארשטארקט דעם חשד פון מעיאר היילען און פון דער גאנצער שטאדט כמעט, אז דאס סטרייקען ניט די בראדערהוד־ארבייטער אזוי גלאט, אז הינטער זיי שטעהט די אינטערבארא, און דאס זיי סטרייקען ניט אזוי, אז זיי זאלען קריגען זייער העכערונג אין וויידזשעס, ווי אז די אינטערבארא זאל ענדליך אויספיהרען איהר וואונש פון אן אכט־סענטיגע פעיר, פאר וועלכע זי פיהרט שוין אן א קעמפיין מעהר ווי א יאהר צייט, און וואס זי האט נאך ביז איצט ניט אויסגעפיהרט.

דערמיט ערקלעהרט זיך אויך, וואס די אינטערבארא האט זיך געהאלטען אזוי אמת־פיין אין דעם סטרייק. אז זי זאל עס האבען דאס מינדעסטע געגען איהרע אנגעשטעלטע, וואס זיי האבען געבראכען דעם הייליגען קאנטראקט, אין וועלכען זיי פארפליכטען זיך קיינמאל ניט צו סטרייקען. אז זי זאל כאטש מאכען די מינדעסטע אנשטרענגונג צו קריגען סקעבס אויף דעם פלאץ פון די סטרייקער, עטוואס, אויף וואס זי האט זיך ארויסגעוויזען אזוי פעהיג מיט דריי יאהר צוריק. פארקעהרט, זי האט צוריקגעוויזען יעדען אנבאט פון סקעב־ארבייט. אונטער אזעלכע אומשטענדען, ווען דער באס אליין איז מיט די סטרייקער, האט דער סטרייק געמוזט געוואונען ווערען. נאך עטליכע שטונדען פון פארהאנדלונגען צווישען די פארשיעדענע צדדים, האבען עס די סטרייקער אויסגעפיהרט צו קריגען א העכערונג אויף גאנצע 25 פראצענט, און אלע זייערע אנדערע פאדערונגען וועלען ארביטרירט ווערען. די בראדערהוד קען זיך אלזא באריהמען איצט מיט א פאלשטענדיגען זיעג. אבער פונקט אזוי קען זיך אויך באריהמען די אינטערבארא מיט איהר ארגאניזאציאנס־פעהיגקייט. זי האט ארגאניזירט אין משך פון דריי יאהר א הונדערט־פראצענט יוניאן, און זי קען זיך נאך באריהמען, אז איצט — נאטירליך ניט אזוי באלד, אז עס זאל אויסשטעכען די אויגען, אבער נאר, נאר באלד וועט זי האבען, מיט דער הילף פון איהר יוניאן, אויסגעפיהרט אן אכט־סענט פעיר, וואס ביז איצט, מיט איהר גאנצער פראפאגאנדע, וואס זי האט אנגעפיהרט, און מיט איהר גאנצער סאכער אין אלבאני, און וועלכען נאר פיעלע גרויסע פאליטישענס האבען זיך היבשלאך אנגעווארעמט, האט זי בשום אופן ניט געקענט אויספיהרען. דער מוסר השכל אין דער פון א קלארער: אן עכטע אמת'ע יוניאן, ווי די בראדערהוד, איז א ברכה פאר זיך און א ברכה פאר'ן באס.

גאמפערס אויפ'ן וועג נאך אמעריקא

סעמועל גאמפערס, פרעזידענט פון דער א. פ. אוו ל., וועלכער איז געווען איינער פון דער אמעריקאנער דעלעגאציע צום אינטערנאציאנאלען ארבייטער־קאנגרעס אין אמסטערדאם און איז פון דארט אפגעפאהרען אין פאריז, אום צו שטודירען דארט אביסעל די פארהעלטניסע אין איירא פא, וועט אבער, ווי עס ווערט אין א טעלעגראמע איבערגעגעבען, זיין וואונש דאס מאל ניט קענען ערפילען. ער האט גערעכענט צו פארבלייבען אין אויסלאנד א לענגערע צייט, אבער די לאגע דא אין אמעריקא איז אזעלכע, אז ער מוז גלייך פאהרען צוריק, און, נאטירליך, פליכט איבער אלעס — ער קומט די טעג צוריק. מיט וואס אזוינס וועט גאמפערס קענען העלפען דער פארבעסערונג פון דער לאגע; ווי אזוי, למשל, ער וועט קענען פארלייכטערען דעם יקרות, אדער ווי וועט ער קענען מאכען אונזער רעגירונג גיכער אנצונהמען דעם פלאמב־פלאן, — דאס איז שווער צו זאגען. עס ווערט אויך ניט געזאגט אין דער טעלעגראמע, ווער האט איהם אויפגעפאדערט צו קומען וואס שנעלער. די פראגע איז א בארעכטיגטע, ווייל ערשט ניט לאנג צוריק האט די „טיימס“ אויסגעשריען אין ווילדער פארצווייפלונג: וואס טוט איצט גאמפערס אין איירא פא, אז מען דארף איהם, מיט זיין קלארען קאפ, מיט זיין שארף אויג, אזוי נויטיג אין אמעריקא? עס ווילט זיך ניט גלויבען, אז גאמפערס איילט זיך צו קומען אויף דעם רוף פון דער „טיימס“. נאר, ווי די מעשה איז, ער קומט, און לאמיר האפען, אז עס וועלען זיך פיהלען שטארק ענטוישט די „טיימס“ און נאך אזעלכע פון דעמזעלבען סארט, וועלכע גלויבען, אז גאמפערס וועט זיך שטעלען נעגען דער גאנצער איצטיגער ארבייטער־באוועגונג, ווייל זי געהט צו אביסעל ראשיגער, שטורמדיגער, ווי אין די פריהעריגע צייטען. די אלע רעאקציאנערען האבען זיכער א טעות אין דעם אלטען ארבייטער־פיהרער.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Aug. 22, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די קאנפערענץ אין ווייסען הויז וועגען דעם פריעדענס־אפמאך

די סענאטארען פון דער „פאראיין רילייישאנס קאמיטע“, וועלכע זיינען ביז איצט נאך שטארק ביטערע געגנער פון דעם פריעדענס־אפמאך, און באזאנדערס פון דער ליגע אוו ניישאנס, האבען די וואך געהאט א קאנפערענץ מיט דעם פרעזידענט, וועלכער איז כאראקטעריסטיש דערמיט, וואס דער פרעזידענט האט זיך געלאזט שטעלען פראגען, און ער האט זיך באמיהט אויף זיי צו ענטפערען. מיט נאך עטוואס צייכענט זיך אויס די דאזיגע קאנפערענץ, און דאס איז, וואס די פרעסע איז ניט נאר אויסגעשלאסען געווארען פון איהר, נאר זי איז ספעציעל איינגעלאדען געווארען צו זיין אנוועזענד, כדי צו געבען דער קאנפערענץ די שטארקסטע עפענטליכקייט.

די קאנפערענץ, ד. ה. די פראגען־שטעלעריי און די ענטפערס פון פרעזידענט, האט אנגעהאלטען באלד דריי און א האלב שטונדען. די פראגען און די ענטפערס פארנעהמען אין די מארגען־צייטונגען פולע דריי זייטען מיט גאנץ קליינע שריפט. עס וועט דארום זיין ניט מעגליך איבערצוגעבען אלע פראגען און אלע ענטפערס אין אונזער צייטונג, אפילו ניט דעם תוך זייערען. אבער דער רעזולטאט פון דער דאזיגער קאנפערענץ שיינט צו זיין אזעלכער, אזוי ווי ער וואלט ניט שטאטגעפונדען. די אנהענגער פון דעם פריעדענס־אפמאך גלויבען, אז דער פרעזידענט האט גלענצענד פארענטפערט יעדער פראגע און דאס ער איז ארוים דער פאלשטענדיגער זיעגער. וויעדער די געגנער פון דעם פריעדענס־אפמאך זיינען פון דער מיינונג, אז דער פרעזידענט מיט זיינע ענטפערס האט קיין זאך ניט קלארער געמאכט, קיינעם און גארניט איבערציינט, און פאלגליך בלייבט אלעס ווי עס איז פריהער געווען. דאך זאל דא אנגעוויזען ווערען אויף א פאר הויפט־פראגען און אויף זייערע ענטפערס מצד דעם פרעזידענט.

ווי באקאנט, ארגומענטירט דער פרעזידענט, אז דער פריעדען מוז וואס גיכער געשלאסען ווערען, כדי דער עולם זאל קענען וויסען וואס ער האט צו טאן. דער גאנצער איצטיגער קריזיס, סיי אין אמעריקע, סיי אין איירא פא, קומט פון דער אונגעוויסהייט, פון דער אונבאשטימטקייט פון דער לאגע. אזוי ארגומענטירט דער פרעזידענט פאר א וואס שנעלערע ראטיפיצירונג פון דעם פריעדענס־אפמאך מיט דייטשלאנד. אט אין פארבינדונג מיט דעם ארגומענט פון פרעזידענט איז אינטערעסאנט פאלגענדע קליינע דעבאטע צווישען סענאטאר בראנדיגי און דעם פרעזידענט.

ס ע נ. ב ר א נ ד י ג י : מר. פרעזידענט, די לאגע איז די: אויב דייטשלאנד האט אויפגעגעבען איהר פלאטע, דעמאביליזירט איהר ארמעע און איז ארומגעשארען געווארען פון גרויסע טיילען פון איהר טעריטאריע; אויב מיר האבען ניט קיין פאדערונג פון שאדענערזאץ נעגען איהר; אויב, ווי איהר האט עס געזאגט אין אייער רעדע, די מלחמה איז צו ענד; אויב עס נעהט ניט מעהר אן קיין פייטעריי; אויב דייטשלאנד האט אונטערגעשריבען דעם פריעדענס־אפמאך; אויב, ווי דער פאקט איז, עס הערשט א צושטאנד פון פרידען, און בלויז די רעזאלוציאן פון קאנגרעס, דאס א קריעגס־צושטאנד האט עקזיסטירט מיט א יאהר צוריק איז פארבליבען; אויב דאס אלעס איז אזוי, איז דען נימא קיין וועג, אויף וועלכען דער פאקטיש־עקזיסטירענדער פריעדען זאל קענען געמאכט ווערען געזעליך־ווירקזאם, ווי נאר דורך די אננעהמונג פון דעם פארגעשלאגענעם אפמאך?

פ ר ע ז י ד ע נ ט : סענאטאר, איך וואלט געזאגט, אז עס איז נימא קיין וועג, וואס מיר דארפען וועלען אננעהמען, וועלכער זאל אונז פאנאנדערשיידען אין אונזערע פארהאנדלונגען מיט דייטשלאנד, פון די, מיט וועמען מיר זיינען געווען פאראייניגט אין דעם לויף פון דער מלחמה.

ס ע נ. ב ר א נ ד י ג י : ווארום?

פ ר ע ז י ד ע נ ט : ווייל איך דענק, אז דאס איז א מאראלע פאראייניגונג, וועלכע מיר טארען ניט צוברעכען.

ס ע נ. ב ר א נ ד י ג י : אויב מיר האבען גערעטעט אונזערע ברידער־מיט־קעמפפער פון דער דייטשער געפאהר פריי און אהן אירגענד א באלוינונג; און אויב מיר האלטען פאר בעסער ניט צו האבען קיינע פארפלאנטערונגען מיט די איירא־פעאישע מעכטע, נאר אנצוגעהן מיט אונזער וועג, ווי מיר האבען עס געטאן פאר דער מלחמה, וואו איז דער מאראלער צוזאנג זיך צונויפצושמעלצען מיט איירא פא אויף אייביג?

פ ר ע ז י ד ע נ ט : איך פארשטעה עס ניט אלס א צוזאמענשמעלצונג, אבער איך דענק, אז מיר זיינען פשוט מאראליש פארפליכטעט זיך צו פאראייניגען מיט אונזערע פארבינדעטע און ארויפצווינגען געוויסע פריעדענס־באדינגונגען אויף דייטשלאנד.

הייסט עס, אז א געזעצליכען פריעדען מיט דייטשלאנד וואלטען מיר געקענט שוין באלד האבען, צו דער סענאט האט ראטיפיצירט דעם פריעדענס־אפמאך, צו ניט. דער פרעזידענט וואלט נאר באדארפט פראקלאמירען, אז אונזער מלחמה מיט דייטשלאנד איז געענדיגט, און דאס וואלט געמיינט צו מאכען פאר לעגאל דעם פאקטישען פרידען. נאר וואס דען, דער פרעזידענט מיינט, אז מיר טארען עס ניט טאן נעגען אונזערע פארבינדעטע. עס וועט זיין ניט מאראליש נעגען פראנקרייך, איטאליען און ענגלאנד, וועלכע האבען אליין אין אלץ געהאנדעלט ווי עכטע צדיקים, צו ערקלעהרען פריעדען פון אונזער זייט אהן דעם פריעדענס־אפמאך!

אמעריקאנער סאלדאטען אין מעקסיקא

דערוויל זיינען די אמעריקאנער סאלדאטען אין מעקסיקא ניט מיט דעם צוועק פון מלחמה נעגען מעקסיקא. זייער צוועק, ווי עס הייסט, איז צו כאפען א געוויסע באנדע מעקסיקאנער, וועלכע האט געהאט געפאנגען צוויי פון אונזערע לופט־פליהער און געפאדערט פאר זיי 15 טויזענד דאלאר אויסלייזגעלד. די צוויי לופטפליהער זיינען שוין איצט פריי, און זיי זיינען עס די פיהרער פון די סאלדאטען, אום צו כאפען און באשטראפען די באנדיטען. דערוויל איז עס אלזא א מין שטראף־עקספעדיציע.

ווע באוועגונג און מיר האפען, אז איהר וועט אונז ערלויבען א שטיקעל פלאץ פאר די פאלגענדע שורות.

פרעזידענט ווילסאן, אין זיין לעצטען „מעסעדזש” צום קאנגרעס וועגען יקרות, זאגט: „די מיטלען דורך וועלכע מען פאר-אורזאכט אז לעבענס-מיטלען זאלען טייערער ווערען, זיינען אונגעזעצליך און קרי-מינאל”. אבער וואס קומט ארויס, אז דער יקרות וואקסט פון טאג צו טאג! די איינציגע זאך וואס מיר קאנען ערווארטען פון די פארשטעהער פון קאפיטאל איז, רייד, שעהנע רייד, אבער מעהר ניט. אבער די הויט-שינדערע טראסטס און מאנאָ-פאליסטען שרעקען זיך זעהר וועניג פאר די רייד און סטראשונקעס פון די פאלי-טישענס, ווייל זיי ווייסען, וואס פאר א טרייע דינער פון'ם קאפיטאל זיי זיינען אימער געווען און וועלען דאס אויך אויף ווייטער זיין.

דערפאר דארפען מיר ניט ערווארטען אז דער קאנגרעס, וועלכער האט זיך קיינ-מאל ניט אנגענומען פאר די ארימע און אונטערדריקטע, וועט לעזען די פראגע פון יקרות. ווילט איהר ניט, אז די שפייז-ספעקולאנטען און די „פראפיטירערס” זא-לען ביי אייך אוועקרויבען אייערע שווער פארדינטע דאלארס, דאן מוזט איהר שאַ-פען א קאאפעראטיווע פאלקס באוועגונג, וואס זאל איינצאמען די מערדערליכע אפעטיטען פון די „פראפיטירערס” און די טראסט מאגנאטען.

די לייבאר קאאפעראטיוו ליעג האט אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו שאַ-פען אזא פאלקס באוועגונג, און אויף אונז, ארבייטער, ליגט דער חוב אנצושליסען זיך אלס מעמבערס פון דער לייבאר קאאפע-ראטיוו ליעג, אום זי זאל וואס שנעלער פארוואנדעלט ווערען אין א גרויסער קאָ-אפעראטיווע פאלקס ארגאניזאציאן, וועל-כע זאל האבען די מעגליכקייט צו שטע-רען דעם גרויסען אפעטיט פון די „פראָ-פיטירערס” צו בארויבען דאס פאלק.

פאר דעם צוועק האט די לייבאר קאָ-אפעראטיוו ליעג פאראנשטאלטעט 3 גרוי-סע מאסס-מיטינגען, וועלכע וועלען שטאט-פינדען ווי פאלגט:

דאנערשטאג, דעם 21טען אויגוסט, 8 אוהר אווענד, אין „פארווערטס” האלל, 175 איסט בראדוויי.

מאנטאג אווענט, דעם 25טען אויגוסט, אין די סאָשיאַליסט קלאב רומס, 1540 מעדיסאן עווענו, הארלעם.

פרייטאג אווענט, דעם 29טען אויגוסט, אין לאנדאן קאסינא האלל, 3טע עווענו און קלערמאנט פארקוויי, בראנקס.

די מיטינגען וועלען אדרעסירט ווע-רען פון באוואוסטע רעדנער איבער קאָ-אפעראציאן.

קומט אין מאסען און שליסט זיך אן אלס מעמבערס.

די לייבאר קאאפעראטיווע ליעג,
ס. רוסענאף, ארגאניזער.

א נייער לאקאל אינסטא-לירט אין פעטערסאן

אין פעטערסאן, נ. דזש., איז לעצטען פרייטאג אינסטאלירט געווארען א נייער לאקאל פון אונזער אינטערנעשאנאל, לאקאל 123, פון לידיס טיילארס און אל-טערײשאן שניידער.

דער אינסטאלײשאן איז געפייערט געווארען מיט ענטוזיאסטישע רעדען און דורך א פראכטפולען קאנצערט.

אין דער אינסטאלײשאן האט זיך בא-טייליגט דער סענטראל לייבאר קאונסיל, פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר פון יענער שטאדט און די בעאמטע פון דעם סענטראל לייבאר קאונסיל הא-בען געהאלטען פאסינע, פייערליכע רע-דען.

אונזער אינטערנעשאנאל איז דארט געווען פארטראטען דורך אונזער וויס פרעזידענטין, מיס פאני מ. קאהן און זי האט באקומען א גאנץ ווארימע אויפ-נאהמע.

די אינסטאלײשאן איז בכלל זעהר שעהן דורכגעפיהרט געווארען. פעטערסאן איז ניט נאר קיין גרויסע שטאדט און אין דער ארבייטער-וועלט פון יענער שטאדט איז די אינסטאלײשאן באטראכט געווא-רען פאר אן ארבייטער יום-טוב.

באנקעט נאָטיצען

פון א סטעף רעפארטער

באנקעטען זיינען איצט געווארען א טייל פון'ם לעבען אין דער קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק. דאס איז שוין כמעט געווארען, ביי אונז א „באנקעט-באוועגונג”. א סימן האט איהר, אז עס קומען שוין וועגען דעם ארײן בריעף צום רעדאקטאר, און עס האלט שוין באלד דערביי, אז ארויסצוגעבען א נומער „גערעכטיגקייט” אהן א באנקעט ארטיקעל, זאל הייסען „א בלאסער נומער”...

און עס זיינען דא ביי אונז באנקעטען און באנקעטען; באנקעטען מיט אן אינ-האלט און אהן אן אינהאלט...

* * *

די ריפערמאכער יוניאן, לאקאל 17 האט געגעבען א באנקעט לעצטען שבת אווענט אין סטייוועסאנט קאסינא. אבער דער באנקעט האט געטראגען א גאנץ אנדער כאראקטער ווי די וויקטארי-באנקע-טען פון די אנדערע לאקאלס. און דאס איז איינפאך דערפאר, ווייל ער האט ניט גע-האט קיין אינהאלט.

לאמיר זיך ניט נארען. באנקעטען ווערען געמאכט זיך צו פרעהען. דורך א באנקעט ווערט אויסגעדריקט א שמחה מיט א געוויסער זאך, אדער א געוויסער ערשיינונג. אויף צו באקלאגען עפעס מאכט מען ניט קיין באנקעטען.

די באנקעטען פון לאקאל 9, לאקאל 11, לאקאל 1 און לאקאל 23 זיינען טאַ-קע אלע געווען העכסט פרייליכע, האר-ציגע, ווייל יענע באנקעטען זיינען ארראנזשירט געווארען צו פרייען זיך מיט דעם ג ר ו י ס ע ן ז י ע ג פון דער קלאוקמאכער יוניאן. צו פייערען דעם זיעג פון ו ו א ך - א ר ב י י ט. און אלע אנוועזענדע אויף יענע באנקעטען האבען זיך טאקע אמת הארציג משמח געווען. די שטימונג איז געווען א העכסט יום טוב'דיגע ווי אויף א באנקעט דארף זיין.

גאנץ אנדערש אבער איז געווען אויף דעם באנקעט פון לאקאל 17 לעצטען שבת. עס האט געפעהלט שטימונג. עס איז עפעס ניט געווען דאס וואס אויף א באנקעט דארף זיין. עס איז ניט געווען פריילאך, די רעדנער דארטען זיינען פאר-וואנדעלט געווארען אין א „דעבאטע”. וועגען וואך-ארבייט און עס איז ניט גע-גאנגען. עס איז געווען לאנגווייליג און עס האט א היבש ביסעל געגעניעס. אבער מיינט ניט אז אין דעם זיינען שול-דיג געווען די רעדנער, חלילה וחס! איי-ניגע פון די זעלביגע מענשען האבען אויף די פריהערדיגע באנקעטען אויך גערעדט און דארטען איז געווען א מחיה צו הע-רען. דא אבער איז קיין אינהאלט ניט געווען, עס איז ניט געווען מיט וואס זיך משמח צו זיין. ווי איהר וועט באלד זעהן. האבען די רעדנער, אויב זיי וואלטען נור וועלען טריי בלייבען דעם גייסט פון דעם באנקעט, גיכער געדארפט זיך אוועקזעצען טרויערען... טרויערען ווארום מען האט איינגעפיהרט וואך-ארבייט... און טרויערען ווארום ברודער בערקאוויץ, דער מענע-דזשער פון ריפער דעפארטמענט איז ווי-דער ניט אפאינטעט געווארען פאר'ן אמט. אבער אין גאנצען טרויערען אויף א באנקעט קען מען דאך פארט ניט. איז עס ארויסגעקומען, ניט אהער און ניט אהין; — ניט פריילאך אבער ניט גאר טרויעריג...

אבער לאמיר ארויסקומען מיט אפע-נע דיבורים.

אין אונזער יוניאן איז פאר קיינעם קיין סוד ניט, אז די אדמיניסטראציע פון לאקאל 17 איז געווען געגען וואך-ארבייט. וואך-ארבייט איז אבער איינגע-פיהרט געווארען פאר א ל ע מיט-גליעדער פון דער גרויסער קלאוקמאכער-יוניאן, און די ריפער מאכער, די מיט-גליעדער פון לאקאל 17, ארבייטען אויך פון וואך, גלייך מיט אלע אנדערע קלאוק-מאכער. און דאריבער פארשטעהט זיך, אז ווי די אדמיניסטראציע פון לאקאל 17 זאל איצט ניט פיהלען אין האר-צען אין באצוג צו וואך-ארבייט, אבער עפענטליך זיך פרייען מיט דעם קאן זי געווים ניט...

עס איז אפילו אמת, דאס די צ י י ט פארהיילט אלע וואונדען און זי וועט גאנץ באשטימט אויך פארהיילען די „וואונד”. עס וועט נאך זיכער קומען א צייט, ווען אפילו די אדמיניסטראציע פון לאקאל 17 וועט זיך קאנען עפענטליך פרייען מיט'ן זיעג פון וואך-ארבייט. אבער יענע צייט איז נאך ניט געקומען און א באנקעט מאכען האט מען געדארפט שוין, טאקע באלד, איצטער ווען אלע אנ-דערע לאקאלס פון דזשאינט באארד מא-כען באנקעטען. ניט צו מאכען איצטער א באנקעט וואלט מיינען אז דער לאקאל איז אן אפגעשטאנענער, וואס ער איז דאס זיכער ניט. ווארום לאקאל 17 איז דאך באמת אן ענערגישער לאקאל, איי-נער פון די ענערגישסטע לאקאלס אין דער אינטערנעשאנאל.

אבער, ווי זאגט מען דאס, גאט שיקט אימער צו די רפואה פאר דער מכה... דארף זיך גראדע מאכען, דאס ברודער א. בערקאוויטץ, א באליעבטער, איבערגעבע-נער מיטגליעד פון לאקאל 17 זאל ניט ווידער אפאינטעט ווערען צו דעם אמט פון מענעדזשער אין ריפער דעפארטמענט וואו ער איז געשטאנען איבער א יאהר צייט און די אדמיניסטראציע פון לאקאל 17 האט דאס אויפגעכאפט, ווי א גע-פונענעם אוצר, אלס גרונד אויף שוין צו פראווען א באנקעט. דער באנקעט, הייסט עס, איז געמאכט געווארען אלס „א סענד אף” פאר ברודער בערקאוויטץ.

ליידער אבער, איז דאס ניט געווען גענוג צו געבען אן אינהאלט א באנקעט וואס איז געמאכט געווארען אויף אזא גרויסען מאסשטאב, מיט אזוי פיעל איינ-געלאדענע געסט.

ווי מיר האבען שוין פריהער בא-מערקט, מאכט מען באנקעטען זיך צו פרייען מיט עפעס. אבער ווי פרייט מען זיך מיט דעם וואס א בעאמטער איז ווי-דער ניט אפאינטעט געווארען צו זיין אמט?...

איז דער תירוץ, מען האט זיך טאקע ניט געפרייט! עס איז אויף דעם באנ-קעט ניט געווען מיט וואס זיך צו פריי-ען. עס האט טאקע געפעלט די אמת'ע, הארציגע פרעהליכקייט! עס האט אפילו ניט געהאלפען דאס, וואס ברודער דזש. העללער, דער סעקרעטער פון דעם לאקאל — דער אימער פריילעכער העללער — איז געווען דער טאָסטמאַסטער.

יא, אפילו דאס האט ניט געהאלפען. דער אימער פרעהליכער העלער, האט אין דער ראלע פון טאסטמאסטער אויף דעם באנקעט, אויך זיך ארויפגעצויגען אן ערנסט פארזויערט פנים. דער גאט פון קיבעץ, וואס איז געוועהנליך אימער ביי העלערס זייט, האט איהם דעם מאל אין גאנצען פארלאזען, און וואס ער האט געזאגט איז געווען אזוי ניט באנקעט-מע-סיג, אזוי ערנסט און טרוקען, פונקט ווי די ליעד, „די ריפער מייקערס שבועה”, וועלכע ער האט געזונגען מיט אזא הארצ-רייסענדען, העכסט טרויעריגען ניגון...

אט אזוי איז עס, אז מען מאכט א באנקעט אהן אן אינהאלט...

* * *

זאל שוין דא אויך פארצייכענט ווערען דאס די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 17, האט אויף דעם באנקעט אויסגעטיילט שעהנע פרעזענטען צו ברודער בערקאוויץ און ברודער העלער. ברודער בערקאוויץ האט באקומען צוויי הונדערט דאלאר אין קעש, און ברודער העלער האט באקומען א פיינע זילבערנע „לאווינג קאפ”.

אבער אפילו דאס האט ניט געהאלפען מאכען דעם באנקעט אביסעל פרעהליכער. עס האבען אפילו ניט געהאלפען די טעלע-גראמען וואס זיינען אנגעקומען פון פרע-זידענט שלעזינגער, וויס פרעזידענט האל-פערן, און סעקרעטער פון דזשאינט באארד ל. לאנגער, און אויך פון די ארבייטער פון מאנכע ריפער שעפער. אויך דאס האט ניט געהאלפען דעם באנקעט ארויפצופיהרען אויף דעם ריכטיגען „טרעק” אויף וועלכען עס פאהרען געוועהנליך באנקעטען מיט אן אינהאלט...

* * *

אין די קרייזען פון ניו יערסער דזש. באארד חידוש'ט מען זיך: ווי קומט עס, וואס לאקאל 35, די יוניאן פון די פרעס-סער, וועלכע האט אזוי חיים געוואונשען עס זאל איינגעפיהרט ווערען וואך-ארבייט אין גאנצען קלאוקס-טרייד, האט נאך נאה ניט געלאזט הערען פון זיך מכוח א באנ-קעט?... זאל דאס מעגליך זיין, ספעקו-לירען די באנקעטשיקעס, אז דער לאקאל וועט זיך ארויסדרעהען פון מאכען א באנ-קעט?

ניין! ער וועט זיך ניט ארויסדרע-הען... לויט ווי מען גיט אונז איבער, איז דאס בלויז א פראגע פון צייט. לאקאל 35 וועט שוין מאכען „איין מאל א באנ-קעט!” לויט ווי מיר הערען, זיינען די מיטגליעדער פון לאקאל 35 זעהר און זעהר צופרידען וואס זיי זיינען ניט מעהר די איינציגע וואך-ארבייטער אין די קלאוק שעפער, ווי דאס איז געווען בעפאהר דעם לעצטען סטרייק. זיי זיינען זעהר און זעהר צופרידען וואס אלע קלאוקמאכער אר-בייטען פון וואך, און לאקאל 35 קלייבט זיך צו מאכען א „וויקטארי באנקעט” וואס זאל אריבערשטייגען אלע באנקעטען וואס זיינען געגעבען געווארען פון די אנדערע לאקאלס.

אלזא, אביסעלע געדולד, חברים באנ-קעטשיקעס. ברודער ברעסלוי, דער מע-נעדזשער פון לאקאל 35 ארבייט אפילו וועגען דעם גאנץ אין געהיים, ער וויל הפנים אלעמען איבערראשען, אבער עס האט „ארויסגעליקט”, אז עס קומט א באנ-קעט פון לאקאל 35.

* * *

דערפאר אבער איז שוין אין פולען גאנג די פארבארייטונג פון א שעהנעם באנקעט, פון דער קאטערס יוניאן לאקאל 10. דער באנקעט ווערט ארראנזשירט, אז די „רענק און פייל” זאל זיך דארט באטיי-ליגען, פונקט אזוי גוט ווי די בעאמטע, און פאר דעם צוועק איז גענומען געווארען דער גרויסער טאנץ-זאל פון דער סענט-ראל אפערא הויז, 67טע סטריט און 3טע עווענױ.

עס איז קיין פראגע ניט, אז דער „וויק-טארי באנקעט” פון דער קאטערס יוניאן וועט זיין זעהר א פרעהליכער. עס וועט זיין א באנקעט מיט אן אינהאלט.

אמת, טאקע, די קאטערס האבען פריי-הער אויך געארבייט פון וואך. דורך דעם לעצטען סטרייק האבען זיי אבער געווא-נען א גאנץ באדייטענדע העכערונג אין שכירות און 4 שטונדען א וואך ו ו ע-נ י ג ע ר ארבייט. אז ריפער מאכער דארפען ארבייטען וועניגער שטונדען און דאס ביי זיי קיין שמחה ניט... ביי די קא-טערס אבער, איז דאס שוין גאר א גרויסע שמחה!

און וואס קלעהרט איהר, אויף דעם באנקעט פון לאקאל 10 וועט געווים זיין גאנץ פרעהלאך.

דער באנקעט פון דער קאטערס יוניאן לאקאל 10, וועט פארקומען ערשט צו ענדע פון נעקסטען מאנאט, שבת אבענד, דעם 29טען סעפטעמבער, 1919.

ווי איהר זעהט, אלזא, איז איצט ביי אונז הימעל, ערד און באנקעטען.

* * *

שרייבענדיג לעצטע וואך אין די „גע-רעכטיגקייט” וועגען די צוויי שעהנע באנ-קעטען פון לאקאל 1 און לאקאל 23 אין צופעליגער ווייזע אויסגעלאזען געווארען צו דערמאנען די פראכטפולע בלומען-בא-קעטען, וואס זיינען צו די באנקעטען גע-שיקט געווארען פון דער „באארד אוו אפיי-שעלס”, א פאראיין פון אלע ביזנעס איי-דזשענטס און אנגעשטעלטע אין די אפיי-סעס פון דער קלאוקמאכער יוניאן. דער „באארד אוו אפישעלס” האט אויך צוגע-שיקט א שעהנעם בוקעט בלומען צום לאַ-קאל 17 באנקעט. דער „באארד אוו אפיי-שעלס” איז געווען פארטראטען אויף די אלע באנקעטען וואס זיינען לעצטענס גע-געבען געווארען פון אונזערע לאקאלס, און א פארטרעטער פון זיי האט ביי יעדען באנקעט באקומען א ווארט.

די מיטגליעדער פון דעם פאראיין גע-מען דאס אן פאר „א גרויס נעווינס”... זיי נעמען דאס אן פאר כמעט אן אונאָר-פיציעלע-אפיציעלע אנערקענונג....

פארמערס פון נארט דאקאטא וועלען קעמפפען געגען יקרות

די פארמערס קאאפעראטיווע סאָסייעטי פון נארד דאקאטא פלאנעוועט אנצופאַנ-גען א פראקטישען קאמפיין געגען דעם יקרות פון שפייז פראדוקטען.

דיעזער קאמפיין וועט אנגעפאנגען ווערען מיט א גרויסע בעקערי אין שיקא-גא, וואס וועט פארקויפען א 12 אונצעגען לעבעל ברויט פאר 5 סענט. צאהלענדיג דעם פארמער 2.37 פאר א בושעל ווייץ, וועט די בעקערי ברענגען פון 10 ביז 15 פראצענט פראפיט.

די פארמערס פון נארד דאקאטא זיי-נען דער מיינונג, אז דער איינציגער מי-טעל ווי צו באקעמפען דעם יקרות, איז צו באזייטיגען פון מארקעט דעם מעקלער און דעם הענדלער, וואס איז דער פארמיט-לער צווישען דעם פארמער און די שטאדט באפעלקערונג. זיי זאגען, דאס עס מוז איינגעפיהרט ווערען א סיסטעם, דורך וועלכער דער פארמער זאל קאנען אונמי-דירעקט מיט זיינע פראדוקטען אין שטאדט...

וויכטיגע פאסירונגען אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17

דער באנקעט וואס אונזער לאקאל האט געגעבען צו עהרע אונזער געוועזענעם מע־נעדזשער ברודער בערקאוויץ, איז, ווי מיר האבען געקענט ערווארטען, געווען א סוק־סעס. די אהאנדזשמענט קאמיטע האט זיך זעהר שטארק אויסגעצייכענט מיט איהר געשמאק אין ארגאנזשירען דעם באנ־קעט, אזוי אז אלע אנוועזענדע האבען גע־האט אן אווענט פון אמת'ען פארגעניגען.

דער צוועק פון באנקעט איז געווען ערייכט געווארען. ברודער בערקאוויץ האט געקראגען זיין פולע אנערקענונג, ווי ער האט דאס כשר פארדיענט, וועלכע איז באשטאנען הויפטזעכליך אין א רעזאלו־ציאן פון די פארזאמעלטע שאפ־דעלעגא־טען, אין וועלכע די ארבייט פון ברודער בערקאוויץ איז שטארק געלויבט געווארען. מיר גלויבען אז דאס איז די העכסטע בא־לוינונג פאר איין ארבייטער פיהרער.

די בלומען פון די ארבייטער פון וויינ־שטיין בראס., די ליוב געזאנגען פון די אנוועזענדע טשערלייטע, און דער אויס־דרוק פון אנערקענונג פון אונזער לאקאל אין אלגעמיין, וועט זיכער דיענען אלס א קוואל פאר באגייסטערונג פאר ברודער בערקאוויץ, פארטזעצענדיג זיין ארבייט אין דער צוקונפט.

ביי דיזער געלעגענהייט ווילען מיר באדאנקען אונזערע פריינד פאר דעם פאר־געניגען וואס זיי האבען אונז פארשאפט מיט זייער קומען. אונזערע זאגענאנטע „נעגנער" ווילען מיר ספעציעל באדאנקען פאר'ן קומען. נאך אלעמען וואלט דער לעבען פארלארען זיין גאנצען אינטערעס, ווען עס זאל ניט זיין קיין מיינונגס-פאר־שידענהייטען. אונזער גרעסטען רעספעקט פאר אונזערע אפענע געגנער. די יעניגע וואס באהאלטען זיך הינטער טעלעגרא־מעס, צי פריינד צי געגנער, מאכען פאר אונז ניט קיין אונטערשיד.

* * *

מיר האבען א שאפ אין וועלכען די ארבייטער זיינען גאלע באלשעוויקעס, און אפשר זאלען מיר זיי נאר רופען אנארכא־באלשעוויקעס און אפשר עטוואס אנדערש. ווער קאן וויסען וואס פאר א נאמען צו געבען זיי ביי היינטיגע צייטען. מיר ווייסען בלויז אז זיי האבען עפעס מאדנע איינענשאפטען, און פאנגט זיך נאר מיט זיי אן, איז הימעל עפען זיך — מען שטעלט זיי אפ דעם „פראגרעס", און טו מאך.

מיט א פאר וואכען צוריק האט מען פאר זיי געקראגען א רייז פון א שעהנע פאר דאלאר. האבען זיי צוגענומען. נאכ־הער זיינען זיי געקומען בעטען א רייז פון דער עקזעקוטיוו באארד. די טענות זייע־רע זיינען גראדע געווען גאנץ „לאגישע" — יענעם רייז — האבען זיי געזאגט — האבען מיר געקראגען ווייל מיר זיינען דאך גע־ווען ב א ר ע כ ט י ג ט דערצו. מיר הא־בען דאך איבערצייגט אז מיר זיינען געווען ווערטה א רייז, האבען מיר דאך הייסט עס ק י י ן ר י י ז נ א ר נ י ט ג ע ־ ק ר א ג ע ן. נו יעצט זיינען מיר דער־פאר טאקע געקומען נאך א ו נ ז ע ר ר י י ז! זיי האבען רעכט, ניט? פרעגט מען זיי — סטייטש איהר נעהמט דאך גאנץ שעהנע ווידזשעס, און ווען איהר קריגט מעהר וועט איהר זיך דאך דארפען „קאמאַן" אויף דער „קאטערינקע" — ווערען זיי אויפגעקאכט אז זיי וואלטען אייך איינפאך אויפגעגעסען — ווי קען מען זיי בארויבען פון זייער אינדיווידוע־לער פרייהייט? זיי ווילען זיך יאגען, היינט ווער קען זיין א בעל הבית אויף זייער געזונט? אין נאמען פון פראגרעס, דארף די יוניאן בלויז זעהען אז זיי זאלען קריגען א רייז יעדעס מאל וואס זיי גיבען ארויס מעהר ארבייט. ווענען „דעליווע־רען די גודס" — מאכען ארבייט, וועלען זיי זיך שוין אליין זארגען. נו, פרעגען מיר אייך וואס קען מען אויסזעצען געגען אזעלכע ברידער?

וואלטען מיר כאפש געהאט אזא מין מאס, צו באשטימען, ווען איין ארבייטער „יאגט" זיך און ווען ניט, וואלט נאך גע־ווען א האלבע צרה. איז אבער דער אומ־גליק, וואס דערווייליע האבען מיר נאך ניט אזא „פעטענט", (אפשר וועלען דאס חברה באלד אויסגעפינען, ער וועט זיכער ווערטה זיין איין אוצר), מוז מען דאך גלויבען יעדערען אויפ'ן ווארט, איז בינו־לבינו אזוי — כאפט מען איינעם פאר'ן כאכאל און מען פאנגט איהם אן צו טרייסלען — ר'ב איך, איהר יאגט זיך — מאכט ער זיך — שלאפענדיג, הא? ווער? איך? איינמאל ניט, יענער יאגט זיך! כאפט מען יענעם — דרעמעלט ער נעבאך. „ווער איך? א געפעהרליכער בילבול! שמע ישראל! געוואלט, וואס האט מען צו מיר? ד א ס א י ז ד א ך ג א ר י ע ־ נ ע ר!" אידען בני־רחמנים, האט איהר אפשר א מיטעל ווי אזוי צו כאפען דעם „שיקאגא פלייער"?

* * *

רעדענדיג ווענען „רייזעס" און „רייזעס" (די נייע פראבלעמען), ווילען מיר אייך שוין דערצעהלען איין אינטערעסאנ־טע מעשה'לע, וואס צייגט קלאר ווי דער טאג, אז קישקע קען זיך אמאל אויך צו־עסען. מיר האבען שוין 1 שאפ (נעבאך) איינגעמאטערט. אבער איינפאך איינגע־מאטערט. דיזער שאפ האט א גאראנטי און פאר די לעצטע פאר וואכען זיינען מיר געווען תמיד „ביזי" איבערצושרייבען דעם אגרימענט. אלע וואך איז דארטען געווען א רייז און א נייער אגרימענט. מען האט געדארפט איבערפיקסען די פרייזען כדי דער אגרימענט זאל בלייבען אין קראפט. די ארבייטער פון שאפ פלע־גען צו אונז קומען אלע וואך מיט א גוטער בשורה — געקראגען א רייז, פיקסט דעם אגרימענט. מיר האבען געהאלטען אין איין פיקסען, ביז לעצטע וואך...

לעצטע וואך האבען זיי אונז (נעבאך) געגעבען א געוואלדיגען סורפרייז, דער מענעדזשער ברודער ניסנעוויטש, האט פאררופען א שאפ מיטינג צו באריכטען ווענען א נייעם ז י ע ב — ער האט פאר זיי געקראגען א ד י י ז: האבען זיך דאס אויף איהם די ארבייטער ארויפגעכאפט. ער איז נעבאך געקומען א צושראקענער צוריק אין אפיס. — מיר האבען שוין מעהר קיין כח ניט אריבערצוטראגען די רייזעס! קוים מיט צרות, איז־עס געלונ־גען זיי איינצורעדען צו נעהמען דעם רייז. זיי האבען אבער געמוזט קריגען די פאר־זיכערונג פון אפיס, אז מעהר וועלען זיי שוין קיין רייזעס ניט קריגען, אז ניט הא־בען זיי ניט געוואלט נעהמען.

אפשר איז דאס די מאס?...

קומט צו די מיטינגען. באצאהלט אייערע שולדען. זייט גוטע יוניאן לייט.

דזש. העללער,
סעקרעטער לאק. 17.

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

א ווארט ווענען דער לאגע פון די דעזיינער

ווערטער רעדאקטאר!

ערלויבט מיר א שטיקעל פלאץ אין אייער צייטונג ווענען א זעהר וויכטיגע פראגע.

איך בין א דעזיינער ביי קלאוקס. איך ארבייט שוין ביי דעם אומגליקליכען פאך פאר די לעצטע 18 יאהר. איך רוף עס אומגליקליך דערפאר, ווייל דעם דעזיי־נערס לאגע ווערט פון טאג צו טאג ער־גער. באטראכט דעם דעזיינער היינטיגען טאג און באטראכט די אנדערע ארבייטער אין דער קלאוקס אינדוסטריע, וועט איהר זעהען אז דער דעזיינער ג ע ה ט צ ו ר י ק, ווערענד די אפרייטארס, פי־נישערס, פרעסער און קאטערס געהען פאראויס און פארווערטס. די אפריי־טארס, פינישערס און פרעסערס, וועלכע ווערען אין דער אינדוסטרי פאררעכענט אלס „פראסטע הענד" האבען ניט נאר בא־וויזען צו פארקירצערן זייער ארבייטס־טאג, נאר זיי האבען אויך אויסגעקעמפט ווידזשעס צו מאכען א לעבען פאר זייע־רע פאמיליעס. און וואס איז מיט דעם דעזיינער, „דער קאפ־מענטש" אן וועלכען עס הענגט אפ דער וואהלזיין פון די גאנצע ביזנעס? ער ארבייט לאנגע שטונדען און קריגט א קלעגליכען ווידזשעס! עס איז פאר איהם פשוט אונמעגליך אויסצוקומען אין די היינטיגע צייטען.

דער דעזיינער איז אמאל געווען אן אינדעפענדענט ארבייטער. צי ער האט געארבייט פאר א גרויסע הויז, צי פאר א קליינע הויז, ער איז אימער רעספעקטירט געווארען. מען האט איהם גוט באצאהלט און אויסער דעם האט ער נאך געקראגען א קאנטראקט פאר א געוויסער צייט וואס האט איהם פארזיכערט זיין עקזיסטענץ. יענע צייטען זיינען אוועק. א דאנק פאר־שידענע אורזאכען קריגט ניט מעהר דער דעזיינער קיינע קאנטראקטען טראץ זיינע קליינע ווידזשעס.

זייענדיג, ווי שוין געזאגט, אליין א דעזיינער, קען איך א גרויסע צאהל פון זיי, וועלכע קומען ארויס אין מארקעט טאקע מיט שעהנע ווייסע קאלערס און מיט גראבע סיגארען אין זייערע מיי־לער, אבער דאס איז קאמאפלאזש... זייער לאגע איז אין דער אמת'ען אזא, דאס זיי ווערען געטריבען צו איינפאכער פאר־צווייפלונג.

ווי קען די לאגע פון דעם דעזיינער פארבעסערט ווערען? די האפנונג פון דע־זיינער ליגט אין א יוניאן. זאל זיין אז אונזער טרייד איז טאקע פאררעכענט אלס „קונסט", דארפען מיר דאריבער קיין יו־ניאן ניט האבען? גרעסערע קינסטלער פון אונז זיינען היינטיגע צייטען ארגאני־זירט. ווי א שטייגער, אקטיארען און נאך אנדערע. ווארום זאלען מיר אויך ניט האבען א יוניאן דורך וועלכער מיר זאלען באשיצען זיך און אונזערע פאמיליעס?

איך האב געלעזען ניט לאנג צוריק אן אדווערטייזמענט אין דער „וואומענס ווער" פון דער „מיוטשועל אייד דעזיי־נערס אססאסיאיישאן" אין וועלכען זיי בעטען די קלאוקס פאבריקאנטען אז זיי זאלען העכערען די דעזיינערס די וויד־זשעס, ווייל זיי קענען ניט קיין לעבען מא־כען. ווי לעכערליך דאס איז. קען מיר א מענש באווייזען, וועלכע מאנופעקטשו־רערס האבען זיך אריינגעטראכט אין דער לאגע פון זייערע ארבייטער מיט דעם גו־טען ווילען? איך וועל ניט לייקענען דעם פאקט אז עס קען זיך געפינען דא און דארטען א מאנופעקטשורער וואס זאל אליין העבערן די ווידזשעס זייערע אר־בייטער מיט'ן גוטען ווילען. אבער גאנץ וויינינע טוען דאס. ווי נאריש דאס איז פון יענע דעזיינערס צו ערווארטען, אז דורך אן אדווערטייזמענט וועלען זיך די מאנופעקטשורערס צו אונז צוהערען. מיר מוזען האבען א יוניאן און דאמאלס וועלען זיך די מאנופעקטשורערס מיט אונז רעכענען.

און אין דעם דעזיינער פאך איז שוין דא א יוניאן. זי איז אבער נאך קליין און שוואך. וואס דארפען מיר דעזיינערס טאן? מיר אלע דארפען אהין אריינגעהן און פאראייניגטערהייד וועלען מיר פאר זיך קענען אויסקעמפען בעסערע באדינגונגען. די מעמבערס פון דער „מיוטשועל אייד דעזיינערס אססאסיאיישאן" דארפען די פראגע באטראכטען. דורך אדווערטייז־מענטס וועט דעם דעזיינערס לאגע ניט פארבעסערט ווערען. דער דעזיינער מוז האבען א יוניאן ווען ער וויל ניט זינקען מעהר ווי ער איז געזונקען ביז יעצט.

אין קורצען, ווערטהער הערר רעדאק־טאר, ווען איך באטראכט מיין לאגע און די לאגע פון דעם אלגעמיינעם קלאוק מאכער, זעה איך דייטליך פיעל די דע־זיינער פארלירען דערפאר, וואס זיי זיי־נען ניט ארגאניזירט.

איך ווייס אז די „גערעכטיגקייט" ווערט געלעזען פון פיעלע דעזיינער און דאריבער ווענדע איך מיר צו זיי מיט'ן אויסרוף: ברידער דעזיינער! לאמיר זיך אלע אריינטראכטען אין אונזער לא־גע, לאמיר אלע אריינגעהן אין דער דע־זיינערס יוניאן וואס איז א לאקאל פון דער גרויסער מעכטיגער אינטערנעשיא־נאל. איך בין זיכער אז פאראייניגטער־הייד וועלען מיר קאנען אונזער לאגע א סך פארבעסערען.

דאנקענדיג אייך, הערר רעדאקטאר, פאר דעם פלאץ וואס איהר האט מיר גע־געבען, פארבלייב איך מיט פריינדליכען גרוס,

ג. ב.
א דעזיינער ביי טרייד.

פארוואס ניט געבען קרעדיט אלעמען?

ווערטהער רעדאקטאר פון „גערעכטיג־קייט"!

מיט א וואך צוריק האב איך געהאט דאס פארגעניגען ביי צו וואהנען צוויי וויקטארי באנקעטען פון דער קלאוק מאכער יוניאן, פון לאקאל 1 און פון לאקאל 23, און ער־לויבט מיר א שטיקעל פלאץ פאר א פאר ווערטער.

איך בין אליין א מיטגליעד פון לאק. 1 און צום טראץ פון דעם פאטריאטיזם צו מיין אייגען לאקאל, מוז איך זאגען, אז דער באנקעט פון לאק. 23 איז מיר א סך בעסער געווען געפעלען ווי אונזער אייגענער באנקעט. עפעס האט אויף דעם באנקעט פון די סקירט מאכער זיך גע־פיהלט א סך בעסער, א סך היימישער ווי אויף אונזער באנקעט פון לאקאל 1.

אבער ניט דאס איז די הויפט־זאך וואס האט מיר באוואוגען צו שרייבען. דאס האט זיך מיר ארויסגעכאפט בלויז פארבייגעהענדיג.

איהר ווייסט דאך, ווערטער רעדאק־טאר, אז אויף באנקעטען האלט מען רע־דעס. אנדערע רעדען ערנסט, אנדערע קאמיש. אויף די צוויי וויקטארי־באנקעטען זיינען כמעט אלע רעדנער געווען ערנסט. אין די רעדען האט מען געגעבען קרעדיט די מענשען וואס האבען אגיטירט צווישען די קלאוק מאכער איינצופיהרען וואך־ארבייט.

אבער ווי איז דאס געטאן געווארען? פרעזידענט שלעזינגער האט געזאגט, אז דער קרעדיט דערפאר קומט זיגמאנען. און זיגמאן האט געזאגט, אז דער קרעדיט קומט צו שלעזינגער'ן און פיינבערג'ן, דעם טשערמאן פון דזשאינט באארד.

נו, זאל מיך גאט שטראפען אויב איך פארגין זיי ניט דעם קרעדיט! אדרבה, זיי האבען דאס כשר פארדיענט און זא־לען זיי באקומען דערפון וואס מעהר. אבער זיצענדיג אויף די באנקעטען האט מיר געמאטערט דער געדאנק: זיינען בלויז זיי אליין ענטייטעלט צו דעם קרעדיט? אמת, טאקע שלעזינגער, זיגמאן און פיינבערג האבען שווער געארבייט דורכ־צופיהרען וואך־ארבייט, אבער וואו איז האלפערן פון לאקאל 9, וואנדער פון לאק. 23, בראסלאווער פון לאקאל 35, מאקס פינקעלשטיין, דער געוועזענער מענע־דזשער פון פראטעקטיוו אפיס און אויך די מעהרסטע פון די ביזנעס איידזשענטס פון די קלאק מאכער יוג. איך ווייס, אז זיי אלע האבען ניט ווייניג געארבייט פאר וואך־ארבייט. טו פאר וואס האט מען דאס אויף די באנקעטען גאר ניט דער־מאנט? מיר קאנען אפארדען צו געבען קרעדיט אלעמען, אפילו אלע עקזעקוטיוו באארדס און די פיעלע מיטגליעדער פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע, וועל־כע האבען גאנץ איבערגעגעבען געארבייט אין צייט פון דעם סטרייק פאר וואך־ארבייט.

און איצטער ווערטער רעדאקטאר, וויל איך זיך אביסעל אננעמען פאר אייער קריוודע אויך. איך מיין ניט דוקא פאר אייער קריוודע פערזענליך. איך מיין די קריוודע פון אלע די וואס האבען אין דער פרעסע געשריבען פאר וואך־ארבייט.

איך רעכען, אז מיט'ן שרייבען אין צייטונג פאר וואך־ארבייט האבען אונ־זערע שרייבער אויך עפעס געהאלפען. טו פאר וואס טאקע ניט געבען קרעדיט אונזער פרעסע פונקט אזוי גוט ווי אונ־זערע פיהרער? איך האב אויף ביידע באנ־קעטען ניט געהערט קיינעם דערמאנען א ווארט ווענען אונזער פרעסע. און מיינט ניט, ווערטער רעדאקטאר, אז איך שרייב די ווערטער אום זיך צוצושמייכלען צו אייך כדי איהר זאלט אפדרוקען דאס גאנצע בריוועל. ניין, איך מיין וואס איך שרייב. דער פרעסע קומט א סך קרעדיט פאר העלפען דער גוטער זאך און זי דארף דאס באקומען. קיינער דארף ניט ווערען אויסגעלאזען. אלע וואס האבען געהאל־פען אויפקלערען די קלאוק מאכער ארויסצוגעהן סטרייקען פאר וואך־ארבייט דארפען באקומען דעם פולען קרעדיט וואס קומט זיי.

צו פארענדיגען וויל איך זאגען, דאס איך האף אז אויף די אנדערע וויקטארי־באנקעטען וואס וועלען נאך אודאי גע־געבען ווערען פון די אנדערע לאקאלס, זאל מען ניט אזוי קארג זיין און געבען דעם קרעדיט אלעמען, וועמען דאס קומט.

אין נאמען פון אמת און יושר, פאר־בלייב איך, מיט יוניאן גרוס,

מ. ג., א מיטגליעדער פון ל. 1.

קאאפעראציאן אלס מיטעל צו פארקלענערן דעם יקרות

„ווערטער רעדאקטאר פון די „גערעכ־טיגקייט! —

מיר זיינען זיכער, אז אייערע לעזער, די מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאנאל לעידיס גארמענט ווארקערס יוניאן זיינען פאראינטערעסירט אין דער קאאפעראטי־

אונזערע לעצטע קעמפע און געווינסטען

פון אב. באראף, אינט. סעק-טרעזש.

.2

די „בלוטלאזע רעוואלוציאן", וועלכע איז דורכגעפיהרט געווארען אין קלאוק־טרייד דורך דעם לעצטען דזשענעראל סטרייק, איז ווערט, אז מען זאל זיך ווענ־גען דיזען קאמף און זיעג אביסעל לענגער אפשטעלען. עס איז ווערט צו באטראכטען און אנצוצייכענען, ווי אזוי דיזע ענדערונג אין דער סיסטעם פון ארבייט, וואס האט אריינגע־בראכט אן איבערקעהרעניש אין דער אינ־דוסטריע און אין דעם לעבען פון דעם קלאוק־מאכער צום בעסערען, איז גע־קומען.

דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק־מאכער יוניאן פון ניו יארק, — דיזע מערקווירדיגע קערפערשאפט, — האט זייט דעם היסטארישען דזשענעראל־סטרייק פון 1910 שטענדיג געזוכט צו באפעסטיגען די ארגאניזאציאן און האט געזוכט צו פארזיכערען די אויסגעקעמ־פטע באדינגונגען, וואס די מיטגליעדער פון דער יוניאן האבען פון צייט צו צייט זיך ערווארבען.

סיי דער „פראטאקאל אוו פיעס", סיי דער אגרימענט פון דעם „קאונסיל אוו קאנסיליאיישאן", סיי דער אגרימענט, וועלכער איז געסיינט געווארען אין דעם גרויסען לאקאוט און דזשענעראל סטרייק פון 1916 זיינען אלע פארשריט געווא־רען אלס גוואלדיגע זיעגע פון דער יוניאן. יעדעס מאל, ווען די אינטערנעשאנאל און די דזשאינט באארד־פארטרעטער זיינען זיך צוזאמענגעקומען מיט די פארטרע־טער פון די מאנופעקטשורערס — סיי נאך א סטרייק און סיי אין א רוהיגער צייט — צו קאנפערירען וועגען אויס־בעסערונגען פון די ארבייטס־באדינגונ־גען פון די קלאוקמאכער, זיינען אלע מאל די ארבייטער־פארטרעטער ארויסגעקומען די זיעגער. און עס האט זיך יעדען מאל אויסגעדאכט, אז אט דיזער אגרימענט וועט זיכער פארענטפערען אלע פראגען, וואס מאטערען אזוי דעם ארבייטער. אבער עס האט נאר ניט לאנג געדויערט און די פיהרער פון דער יוניאן האבען ווידער ענטדעקט, אז עס פעהלט עפעס א שרייפעל אין דער מאשינעריע, און אז פון די געווינסטען, וואס די יוניאן האט באקומען, איז פאקטיש געבליבען ניט מעהר ווי די שעהן־געשריבענע אגרי־מענטס, וואס ליגען אין די ארכיוועז פון דער אינטערנעשאנאל און דעם דזשאינט באארד.

פראבלעמען נאך פראבלעמען זיינען כסדר אויפגעשוואומען. די פיעלע „דיס־טשארדזשעס", די „דיסקרימינייש‍אנס" געגען די אקטיווע מעמבערס, דאס פאר־שווינדען פון דער ארבייט פון דעם אינ־סייד שאפ א. ז. וו. — אט דיזע אלע איבלען האבען פשוט ניט געגעבען קיין רוה דער אינטערנעשאנאל, דעם דזש. ב., די לאקאלס — קיינעם ניט. אבער און ווידער זיינען אט די אנגעוועהטאגטע פראגען ארויפגעבראכט געווארען אויף דער טאגעס־ארדנונג פון דזשאינט באארד, און עס איז קלאר געווארען פאר די פיה־רער — סיי פון דער אינטערנעשאנאל און סיי פון דער קלאוקמאכער יוניאן — אז עפעס גרויסעס מוז געטאן ווערען, אז דער גאנצער פונדאמענט פון דער סיס־טעם פון ארבייט מוז געענדערט ווערען. ווייל עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז יע־דעס מאל ווען די ווידזשעס פון די אר־בייטער זיינען דורך אן אגרימענט געהע־כערט געווארען, זיינען די ארבייטער פון די אינסייד־שעפער געבליבען מיט שעה־נע פרייז־ליסטען, וועהרענד די ארבייט איז ארויסגעשיקט געווארען צום סאב־קאנטראקטאר, וועלכער האט אין די מעהרסטע פעלע געהאט אזא סיסטעם פון ארבייט, וואו דער ארבייטער האט ארויס־געגעבען מעהר נארמענטס ווי אין די אנ־דערע שעפער.

היינט דער גרויסער איבעל פון פריי־זען סעטלען. עס איז פשוט ניט געוועזען קיין מאס, מיט וועלכער צו מעסטען ווי אזוי די פרייזען זאלען געסעטעלט ווערען. עס האט זיך אלע מאל ארויסגעשטעלט, אז די ארבייטער פון די סאב־קאנטראק־טינג שעפער האבען געסעטעלט די פריי־זען פיעל בילינער ווי די ארבייטער פון די אינסייד־שעפער, און דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז די אינסייד־אר־בייטער זיינען געבליבען מיט די פרייז־ליסטען, אבער אהן ארבייט.

דערצו האט דאס אייביגע דינגען זיך מיט די מאנופעקטשורערס געבראכט צו דעם, אז דער באס זאל קוקען אויף דעם פרייז־קאמיטע און די אקטיווע יוניאן־מיטגלידער פון שאפ ווי אויף זיינע פער־זענליכע שונאים, און דאס האט געפיהרט דערצו, אז א נייער געדאנק איז געבא־רען געווארען אין די קעפ פון די פיה־רער פון דער אינטערנעשאנאל און דעם דזשאינט באארד — און דאס איז, אז וואך־ארבייט וועט אפשאפען דאס דינ־געניש, וועט אפשאפען די ווילדע יאגע־ניש נאך דעם באנדעל און וועט לייזען די פיעלע אנדערע צרות און פארדרעהע־נישען פון טרייד.

און א לעבהאפטע אגיטאציאן איז אנ־געפיהרט געווארען פאר וואך־ארבייט. די אינטערנעשאנאל האט ארויסגעגעבען 2 בראשורען, געשריבען פון פרעזידענט שלעזינגער, אין וועלכע די פראגע פון וואך־ארבייט איז באהאנדעלט געווארען. פיעלע ארטיקלען פאר וואך־ארבייט זיי־נען געדרוקט געווארען. די אנהענגער פון וואך־ארבייט, צווישען זיי זיגמאן, האלפערין, וואנדער און פיעלע אנדערע, האבען, יעדער אויף זיין אופן, געזוכט צו פראפאגאנדירען די אידעע פון וואך־אר־בייט אין דער קלאוק־אינדוסטריע.

זעהר פיעל טינט איז באנוצט געווא־רען צו באווייזען די קלאוק־מאכער דעם געווינס וואס זיי וועלען האבען, ווען דער שטיק סיסטעם וועט פארביטען ווערען אויף וואך־ארבייט. עס איז געווען א שווערע אויפגאבע. די קלאוק־מאכער, וועלכע האבען צעהנדליגע יאהרען געאר־בייט פון שטיק, האבען מורא געהאט זיך צו שיידען מיט דער סיסטעם. דער גרוי־סער באנדעל האט געהאט א געוויסען חן אין די אויגען פון די קלאוק־מאכער, און זיי האבען זיך אנגעפאנגען געשראקען פאר דעם נייעם געדאנק פון וואך־ארבייט, אבער ביסלאכווייז איז דער אייז געבראכען גע־ווארען, די אנהענגער פון וואך־ארבייט האבען זיך געמעהרט, און ביי דער לעצטער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען אין באסטאן, איז א רעזאלוציאן פאר די איינ־פיהרונג פון וואך־ארבייט אין דער קלאוק אינדוסטרי אנגענומען געווארען. עס איז אמת, אז אויך דארטען האבען זיך אייניגע געשראקען פאר דעם נייען געדאנק, אבער זייער צאהל איז געווען אונבאדייטענד קליין.

זינט דער קאנווענשאן, האבען די פרא־פאגאנדיסטען פאר וואך־ארבייט ערשט ריכטיג זיך גענומען צו דער ארבייט, און ביי דעם לעצטען פערטעל יעהרליכען מי־טינג, וועלכער איז אפגעהאלטען געווארען אין פילאדעלפיא, דאס איז געווען גלייך נאך דעם גרויסען סטרייק פון די ווייסט מייקערס, האט די דזשאינט באארד פון ניו יארק פארלאנגט די גוטהייסונג פאר א דזשענעראל סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטרי, אום דורכצופיהרען א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואך, א וואך־סיסטעם און מינימום סקיילס.

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וועלכע האט די גאנצע צייט געהאלפען אין דער אגיטאציאן פאר וואך־ארבייט, האט דיזען אינדארסמענט געגעבען, און דער דזשאינט באארד פון דער ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן האט גלייך זיך ארייג־געווארפען אין דער ארבייט, צו מאכען אלע פארבערייטונגען פאר דעם גרויסען קאמף אום דורכצופיהרען די גרויסע ענ־דערונג אין לעבען.

מען האט, דעם אמת זאגענדיג ערווואר־טעט א ביטערען קאמף, ווייל די מאנו־פעקטשורערס זיינען געווען געגען וואך־ארבייט, און מען איז געווען כמעט ווי זי־כער, אז מיר וועלען דא האבען דורכצו־מאכען א לאנגען, א שווערען, ביטערען קאמף מיט די מאנופעקטשורערס. ווי עס שיינט אבער, האבען די מאנופעקטשו־רערס פון דער קלאוק אינדוסטרי געלערנט פון דער פארגאנגענהייט, זיי האבען גע־קענט דעם קלאוק־מאכער, זיי האבען שוין פון פריהער גוט געוואוסט דעם אויסדויער און די איבערגעבענהייט מיט וועלכער דער קלאוק־מאכער איז באזעעלט, און זיי האבען בעסער צונעשטימט צו קאנפערי־רען מיט די יוניאן פארטרעטער און קומען צו א פארשטענדניס גלייך ווי דער קימף האט זיך נאר אנגעפאנגען. עס האבען זיך גלייך אנגעפאנגען קאנפערענצען, און די־זע קאנפערענצען האבען געדויערד איבער 2 וואכען. די מאנופעקטשורערס האבען גע־קעמפפט ווי לייבען, זיי האבען אבער גע־טראפען די פיהרער פון דער יוניאן אונ־בויגזאם. זיי האבען געוואוסט אז די יוניאן פיהרער בויען פיעל אויף דעם שטארקען ווילען, און דעם סאלידארישען געפיהל פון די קלאוק־מאכער, וועלכע זיינען ענטשלא־סען דורכצופירען די נייע רעפארם אין דער אינדוסטרי. און זיי, די מאנופעקטשורערס, האבען זיך געפונען געצוואונגען נאכצוגע־בען די פארטרעטער פון די ארבייטער, און דער קאמף, דער בלוטלאזער קאמף פון די קלאוק מאכער, איז בעקרוינט גע־ווארען מיט א הערליכען זיעג.

עס איז נאך אביסעל צו פריה אונטער־צופיהרען דעם גאנצען סך־הכל, און אפ־שעצען ריכטיג דעם געווינס וואס די קלאוק מאכער האבען באקומען דורך דער נייער ארבייטס־סיסטעם. עס איז אבער קלאר, אז דיזע ענדערונג וועט מאכען א גאנצע איבערקעהרעניש אין דעם לעבען פון דעם קלאוק מאכער, וועט ענדערען די פסיכאלאגיע און זיין ארט דענקען, וועט איהם באפרייען פון דעם ווילד־יאגעניש און וועט אין איהם וועקען דעם בעסערען מענש! דער זיעג פון די קלאוק מאכער איז גרויס, און לאמיר האפען אז זיי ווע־לען וויסען ווי דאס אפצושעצען, אז זיי וועלען אפהיטען די רולס פון דער ארגאני־זאציאן. מיר האפען, אז זיי וועלען האנד־לען ווי טרייע, איבערגעבענע יוניאן לייט, און וועלען אנווענדען זייער ענערגיע און טרייהייט צו מאכען זייער ארגאניזאציאן שטארקער, מעכטיגער און איינפלוסריי־כער.

בריוועלאך פון פילאדעלפיא

פון א. קראפעווע.

בעט מיר דער רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט" אז איך זאל איהם שרייבען אינטערעסאנטע, און לאנישע בריוועלעך פון פילאדעלפיא פאר זיין זשורנאל, ווייל, פילאדעלפיא זאגט ער, איז א גרויסע שטאדט, און די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" וועלען זיין צו־פריעדען מיט אפטע גרוסען פון דער שטאדט פון ברודער־ליעבע, ווי פילאדעל־פיא ווערט גערופען.

האב איך אנגענומען זיין פארשלאג און וועל פרובירען שרייבען, ווייל פילא־דעלפיא איז ווירקליך א גרויסע שטאדט, און זי האט אלעס וואס א גרויסע שטאדט מוז האבען, ווי צום ביישפיעל: פאלי־טישענס, פאליסלייט קעשענע גנבים און אויך אנשטענדיגע מענשען. א שטאדט וועלכע האט ארום צוויי מיליאן איינ־וואהנער האט זיך איהרע אייגענע אינ־טערעסען און אפטמאל גרויסע אינטע־רעסען, טא ווארום זאל טאקי די וועלט ניט וויסען וועגען איהר? ווידער דארפט איהר ניט פארגעסען, איז פילאדעלפיא א היסטארישע שטאדט. יעדער ברעקעל ערד פון דער אלטער פילאדעלפיא דער־מאנט אייך אן א היסטארישע פאסירונג, אדער אן א היסטארישע פערזענליכקייט. אין פילאדעלפיא געפינט זיך קארפענ־טערס האל וואו דער ערשטער קאנגרעס פון פארשטעהער פון די דרייצעהן קא־לאניעס איז אבגעהאלטען געווארען; דער אינדעפענדענס האל וואו די דעק־לערישאן אוו אינדעפענדענס איז צום ערשטען מאל פארגעלעזען און אנגענומען געווארען; פילאדעלפיא האט די פריי־הייטס גלאק וועלכע האט דעם פיערטען דזשולייי פון דעם יאהר 1776 אויסגעקלונ־גען פאר דער וועלט אז א פאלק געהט זיך בעפרייען; בעטסי ראסס הויז וואו די אמעריקאנער פלעג איז געבוירען גע־ווארען; אין אינדעפענדענס האל געפינט זיך אויך דער טינטער אין וועלכען די יעניגע וועלכע האבען אונטערגעשריבען די פרייהייטס ערקלערונג און די קאנ־סטיטוציאן פון די פעראייניגטע שטאא־טען, האבען זייערע פעדערס געטונקט; אין פילאדעלפיא געפינט זיך אויך קרייסט טשוירטש וואו די העלדען פון דער רע־וואלוציאן האבען גאט געבעטען אז ער זאל זיי העלפען אין זייער קאמפף פאר בעפרייאונג, און הארציגע סצענעס הא־בען זיך דארטען אבגעשפיעלט. און אין פילאדעלפיא געפינען זיך אנדערע היס־טארישע פלעצער וועלכע דערמאנען אזוי פיעל אן יענע העלדען וועלכע הא־בען, אמת, ניט געקעמפט פאר די פאל־שטענדיגע בעפרייאונג פון דאס אמערי־קאנער פאלק,אבער , זיי האבען זייערע הערצער געגעבען די פיילען פון פיינד גע־טראגען מיט ליעבע און בעגייסטערונג פאר דאס וואס זיי האבען געגלויבט אז עס וועט יא ברענגען אמת'ן גליק פאר דאס אמעריקאנער פאלק. און פאר די יעניגע וועלכע וועלען בעטרעטען דעם אמעריקאנעם באדען. יעדע שטיקעל ערד פון דער אלטער פילאדעלפיא, און זא־גאר יעדע שטיקעל ערד פון ארום פילא־דעלפיא, איז בעשפריצט געווארען מיט דאס בלוט פון די עדעלע מענשען וועלכע האבען געהאט הערצער מיט נשמות; וועלכע האבען זייערע לעבענס איינגע־שטעלט און פון וועלכע פיעלע, פיעלע האבען זייערע לעבענס אוועקגעגעבען פאר דאס גליק פון אלע.

אמת, פילאדעלפיא, די שטאדט וואו די וויגעלע פון דער אמעריקאנער פריי־הייט איז געשטאנען, ווערט יעצט רע־גיערט פון פערזאנען וועלכע זיינען גרא־דע געגען די היילינע שטרעבונגען פון יענע גרויסע און נאבעלע מענשען; זיי זיינען די, וועלכע אונטערדריקען די גע־וואונענע פרייהייט, וועלכע פערשפאטען די מענשליכע רעכטע וואס זיינען דאן געווארען אויסגעקעמפפט. אויפ'ן אינ־דעפענדענס סקווער, וואו די פרייהייטס־גלאק געפינט זיך, זיינען שוין אריסע ארבייטער ברוטאליזירט געווארען. און דארטען זיינען שוין אנדערע זאכען גע־טאן געווארען, וועלכע זיינען געוועזען זעהר, זעהר ווייט פון דעם גייסט און שטרעבונגען פון יענע גוטע מענשען וועלכע האבען זייער בלוט פערגאסען. אבער, וואס איז שולדיג דער וויין־גערט־נער ווען אין זיין וויין גארטען האבען זיך שוויינען פערקליבען?... וואס זיי־נען שולדיג יענע עדעלע מענשען וועלכע זיינען שוין לאנג, לאנג טוידט, אז שלעכ־טע און בייזע מענשען האבען דאס גו־טע און שעהנע ווערק זייערע געשענדעט?

נאר לאמיר אוועקגעהן פון די אומע־טיגע געדאנקען... פילאדעלפיא איז אל־זא א גרויסע און אינטערעסאנטע שטאט, און דאס, וואס מאנכע ווילען איינ־ריידען דער וועלט, אז זי איז א שטאדט וועלכע שלאפט, איז אויך ניט אמת: דאס איז ניט מעהר ווי א בלבול. דער אמת איז אז ניט נור שלאפט מען ניט אין פילאדעלפיא ביי טאג, זאנדערען מען קען אפילו אויך ניט שלאפען רוהיג ביי אונז ביי נאכט צוליעב די גנבים וועל־כע האבען „א נאטור" גראדע ביי נאכט אפצושטאטען וויזיטען אין די הייטען פון דער בעפעלקערונג... די איינציגע וועלכע שלאפען אי ביי טאג און אי ביי נאכט, זיינען די פילאדעלפיער פאליס־לייט. אין דיעזען הינזיכט זיינען זיי קינסטלער; דיעזע נפשות קענען כאפען א דרעמעל זאגאר שטעהענדיג אנגע־שפארט אן א טעלעגראף סלופ... די איינציגע צייט ווען זיי זיינען יא וואך, איז, דאן, ווען א סטרייק ברעכט אויס. דאן האלטען זיי די אויגען אפען און דאן ווערען זיי גרויסע העלדען... איין פאליסמאן קען דאן צושפאלטען א פאאר צעהנדליג קעפ אין פערלויף פון א צעהן מינוטען... דאס הייסט: א קאפ יעדע האלבע מינוט, און — דאס דארף מען קענען; נאך מעהר: זיי האבען עס שוין ניט איין מאל בעוויזען...

און — ענטשולדיגט: עס איז דא נאך א צייט ווען פילאדעלפיער פאליס־לייט שלאפען ניט, און דאס איז דאן ווען עס געהט אן א פאליטישער קאמ־פיין. די רעפובליקאנער גענג וועלכע הערשט אין פילאדעלפיא, גיט דאן ארויס א בעפעהל צו די פאליסלייט אז זיי זא־לען „ארבייטען" פאר די אינטערעסען פון די קאנדידאטען וועלכע ווערען פון דער גענג ארויסגעשטעלט. און, דאן שלאפען זיי ניט; זיי מאכען קיין אויג ניט צו ניט ביי טאג און ניט ביי נאכט, און אום זיי זאלען זיך קענען האלטען אויף די פיס און דער שלאף זאל זיי ניט צוקלעפען די אויגען, שפיעלען זיי

מלחמה נאכוועהענישען

פון דזשוליעט סטוארט פאינטץ

True translation filed with the Postmaster at New York City, on Aug. 22, 1919, as required by the Act of Congress, approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

כמעט 5 יאהר איז פאראיבער זייט די מלחמה האט זיך אפיציעל געענדיגט, און די וועלט איז נאך ווייטער ווי זי איז געווען פון א לעזונג פון איהרע פראבלעמען. די וועלט הויבט ערשט אן זיך אויסרייבען די אויגען און קוקען מיט ערשטוינונג אויף דעם חורבן, און הויבט ערשט אן צו באגרייפען די שרעקליכע לאגע, אין וועלכער די פיער יאהר פון צושטערענדען וואהנזין האבען זי איבערגעלאזט. אונזערע צייטונגען דערצעהלען אונז וועניג אדער גארניט וועגען דער אמת'ער לאגע איבער דער וועלט, און מיר פאלען ווידער אריין אין א צושטאנד פון גלייכגילטיגקייט, גלויבענדיג אז די פעלקער פון אייראפא קומען ווי עס איז אויס. אונזערע אייגענע צרות, אונזערע שאפ-געשעפטען, די רוטינע פון אונזערע קליינע לעבענס ציהט אוועק אונזער אויפמערקזאמקייט פון דער שרעקליכע טראגעדיע, וואס ווערט איצט אפגעשפיעלט איבער דעם ים. מיר ווייסען ניט, אז די ארבייטער פון אייראפא לעבען דורך אן אגאניע פון הונגער און ארבייטסלאזיגקייט, און אז זיי שטרעקען אויס זייערע הענד צו אונז אין דעם נאאיוון גלויבען, אז די אמעריקאנער ארבייטער וועלען זיי ניט פארגעסען. מיר הויבען אן צו באגרייפען די לאגע, ווען מיר לייענען די ערקלעהרונג פון א מעסיגען מענשען, ווי ארטור הענדערסאן, דאס אײדער דער ווינטער וועט קומען וועט א ספאזם פון צארן און פארצווייפלונג ארומכאפען די פעלקער פון אייראפא, אין וועלכען די איבעריגע רעשטלעך פון ציוויליזאציע וועלען אומקומען.

עס זיינען געווען חכמים, וועלכע האבען געזאגט, ווען די מלחמה האט זיך אנגעהויבען, אז זי וועט ניט קענען אנהאלטען מעהר ווי זעקס חדשים, אז אלע פעלקער וואלטען פינאנציעל צוזאמענגעבראכען, ווען די מלחמה זאל אנהאלטען לענגער, און וואלטען ניט געווען אימשטאנד מיט איהר אנצוגעהן. די מלחמה איז אבער יא אנגעגאנגען. פיער לאנגע יאהר האט זי געדויערט, און די פעלקער זיינען געזונקען טיעפער און טיעפער אין חובות, האבען פארזעצט זייער לעצטעס, האבען פאר'משכונ'ט דעם וואוילזיין פון פיעלע דורות, אום צו קענען אנגעהן מיט דער אויסשלאכטונג. די פארגרעסערונג פון דעם נאציאנאלען חוב אליין דערגרייכט צו צוויי הונדערט ביליאן דאלאר פאר אלע קריעג-פיהרענדע לענדער. דער דאזיגער חוב פאלט אויף יעדען בירגער אלס א לאסט פון 400 דאלאר א יאהר, וועהרענד פאר דער מלחמה איז די סומע געווען בלויז 50 דאלאר. בלויז דער פראצענט אויף דעם נאציאנאלען חוב באטרעפט 10 ביליאן דאלאר א יאהר. 10 ביליאן דאלאר צאהלען יעדען יאהר אלס פראצענט פאר אינסטרומענטען פון אויסשלאכטונג און צושטערונג, אנשטאט זיי צו באנוצען פאר דעם וואוילזיין פון מענשען — פאר בעסערע היימען, בעסערע שולען, בעסערע ווײַדזשעס, בעסערע שפייז, פארזיכערונג געגען קראנקהייט, אומגליקס-פאל אדער עלטער.

אחוץ מזומן געלד, וואס מען האט פארשפענדעט פון די נאציאנאלע טרעזשורים, זיינען די קאסטען פון דער מלחמה געווען אונגעהייער גרויס, כאטש זיי איז שווער אויסצורעכענען. דער חורבן אין די מלחמה-געגענדען באטרעפט פיליכט אזוי פיעל ווי די מלחמה האט אפגעקאסט. רעכענט צו צו דעם די געוואלדיגע ווערט פון נאציאנאלען און אינטערנאציאנאלען האנדעל און אינדוסטריע, וואס זיינען צושטערט געווארען. אין שיפען אליין האבען די קריעג-פיהרענדע לענדער פארלארען 15 מיליאן טאן, וואס האט די ווערט 7 ביליאן דאלאר. דעם פארלוסט אין האנדעל און אינדוסטריע קען מען קוים אויסרעכענען, אזוי געוואלדיג איז ער.

דאס איז וועגען געלד. היינט מענשען? זעכציג מיליאן מענשען האבען געקעמפפט ווי ווילדע חיות מיט די אנדערע אויף אלע שלאכטפעלדער. 8 מיליאן פון זיי ליגען טויט אין די שלאכטפעלדער און ביי א 25 מיליאן זיינען פארוואונדעט געווארען. פון יעדע צוויי מענער, וואס זיינען אריין אין די ארמעען אין פארלויף פון דער מלחמה, איז איינער דער'הרג'עט אדער פארוואונדעט געווארען. אין דער היים איז די צאהל טויטע [illegible] ווי אויף די שלאכטפעלדער. פאגראמען, הונגער און קראנקהייטען, וואס זיינען געווען א דירעקטער רעזולטאט פון דער מלחמה, האבען פארניכטעט 9 מיליאן מענשען, און צוזאמען זיינען אין דער מלחמה אומגעקומען 11 מיליאן מענשען — אזוי פיעל וויפיעל ענגלאנד אדער דייטשלאנד האט פארמאגט ערוואקסענע מענשען פאר דער מלחמה. שטעלט זיך נאר פאר א קאטאסטראפע, וואס האט געקענט פארניכטען א גאנצע נאציע מיט אלע איהרע מיליאנען מענשען!

אחוץ די דירעקטע ערמארדונגען דארף מען נאך צורעכענען צו דעם חורבן פון דער מלחמה-צושטערונג די צובראכענע לעבענס פון די איבערגעבליבענע און די פארשפרייטונג פון געפעהרליכע, אנשטעקענדע קראנקהייטען. טובערקולאז, וועלכער האט זיך ענטוויקעלט אין דעם שרעקליכען טרענטש-לעבען און אין די האלב-הונגעריגע באפעלקערונגען אין דער היים, פארשפרייט זיך איצט איבער גאנץ אייראפא. ווענערישע קראנקהייטען אין די שרעקליכסטע פארמען האבען אנגעגריפען א גרויסע טייל פון דער באפעלקערונג פון אייראפא, ווייל די פרויען, וועלכע קענען ניט אויסשטעהן די פארארימטקייט נאך דער מלחמה גיבען זיך איבער צו פראסטיטוציע, וועלכע ווערט אויפגעהאלטען אויך פון דעם אונגאטירליכען לעבען פון די מענער אויף די שלאכט-פעלדער. סיפיליס בושעוועט אין יעדען לאנד אין אייראפא ווי קיינמאל בעפאר. פיזישע דעגענעראציע שטעהט פאר אלס אן אמת'ע געפאהר ניט נאר פאר דעם איצטיגען דור נאר פאר פיעלע צוקינפטיגע דורות פון אייראפא. און היינט די צובראכענע האפנונגען פון די מענשען, די צושמעטערטע לעבענס, די פארצווייפלונג, וואס די מלחמה האט איבערגעלאזט! קענען מיר דען אויסרעכענען אין ציפערען, אין דאלארס און סענטען, די ענדלאזע וועהען וואס די מענשהייט שטעהט אויס, די צושטערטע היימען, די פארלוסטען פאר די געוועבטע און דעם צער איבער די ליידענדע? ווי קענען מיר באשרייבען דעם אלוועלטליכען עלענד און פארצווייפלונג?

און דאס איז נאך ניט דער סוף. די ענדע פון דער מלחמה האט מיט זיך ניט געבראכט קיין פארלייכטערונג און קיין האפנונג. די לאגע איז ערגער ווי געווען. די גאנצע עקאנאמישע סיסטעם האט צוזאמענגעבראכען. די באפעלקערונגען פון אייראפא, וועלכע זיינען אויסגעוואקסען ארום זייערע אינדוסטריען ווי די קליינינקע קאראלען-חיה'לעך ארום א גרויסען קאראלען-ריף, האבען מיט אמאל פארלארען דעם פלאץ, צו וועלכען זיי זיינען געווען צוגעוואקסען. דער באדען איז פארשוואונדען פון אונטער זיי און זיי זיינען געבליבען אין מיטען ים, אהן בכח צו פארדיענען אדער קויפען, אהן מיטלען צו פראדוצירען אדער פארברויכען — אהן ארבייט און אהן ברויט. מיר ווייסען, אז אין דער איצטיגער עקאנאמישער ארדנונג הענגט דעם מענשען'ס לעבען אפ פון א קאמפליצירטער סיסטעם פון אויסטוישונגען פון סחורות און שפייז. קרעדיט איז נויטיג, אום די פאבריקען און מיינס זאלען ארבייטען. דאס איז דאס הארץ, וואס פאמפעט דאס בלוט אין דעם גאנצען ארגאניזם. שיפען און באהנען זיינען נויטיג צו פיהרען די סחורות פון דער פאבריק צו די קראמען, פון די פעלדער אין די שטעדט אריין, פון די מיינס אין די פאבריקען, וועלכע קענען ניט ארבייטען אהן ברען-מאטעריאלען. מיר ווייסען, אז מאנופאקטור אדער פראדוקציע איז נויטווענדיג אום צו בעארבייטען די רויהע מאטעריאלען פאר דעם מענשליכען געברויך, צו בעארבייטען בוימוואל, לעדער, ראבער, אייזען א. ז. וו., און מיר ווייסען זעהר גוט, אז ארבייט אין די פעלדער און אין די פאבריקען איז נויטיג אום צו קריגען ווײַדזשעס, פאר וועלכע מען זאל קענען קויפען די נויטיגסטע לעבענס-מיטעל. וואס וועט איהר, אלזא, זאגען וועגען א לאגע, אין וועלכער די אלע באדינגונגען פאר דעם מענשליכען לעבען פעהלען, וואו קרעדיט, פארקער, ברען-מאטעריאל, פראדוקציע און שפייז האבען אלע צוזאמענגעבראכען, וואו עס זיינען ניטא קיין ווײַדזשעס מיט וואס צו קויפען שפייז און קליידער, ניטא קיין שפייז און קליידער צו קויפען, ניטא קיין באהנען צו פיהרען סחורות, ווייל עס זיינען ניטא קיין קויהלען פאר די לאקאמאטיוון, און פאבריקען ארבייטען ניט ווייל עס איז ניטא קיין ברען-מאטעריאל און קיין מארקען וואו צו פארקויפען און קיין רויהע מאטעריאלען צו בעארבייטען, און קיין באנקען צו געבען קרעדיט דארט וואו זיי זעהען ניט קיין מעגליכקייט צו פראפיטירען דערפון?

דאס, אין קורצען, איז די געשיכטע פון דעם צוזאמענברוך פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם. די דאזיגע סיסטעם האט געפלאצט — אויב דערווייל נאך ניט אין אמעריקא, איז אין אלע אייראפעאישע לענדער. און דער פראצעס פון פאנאנדערפאלונג דרינגט פאמעליך אריין אויך אין אונזער עקאנאמישער סיסטעם. דער צוזאמענבדוך פון אינטערנאציאנאלען קרעדיט מוז אונז אויך אריינשלעפען. פון א גרויסען אינטערנאציאנאלען קריזיס וועלען מיר זיך ניט קענען ראטעווען. די אמעריקאנער ארבייטער קענען ניט אפקויפען צוריק דאס, וואס זיי פראדוצירען אין די פעלדער און פאבריקען, און די פראדוקטען מוזען דעריבער פארקויפט ווערען צו די כינעזער און די בראזיליער. די שפייז וואס מיר פראדוצירען און זיינען ניט בכח צו קויפען פאר אונז אליין, מוז פארקויפט ווערען אין אנדערע לענדער. דער קרעדיט, וואס מיר קענען דא ניט געברויכען, מוז געשיקט ווערען אהין, וואו ווילדע און „קוליס" קענען טאן די ארבייט, וואס וואלט געדארפט געטאן ווערען פון אונזער איינענער באפעלקערונג.

אלס א רעזולטאט פון די דאזיגע אומשטענדען, וועט אמעריקא אין עטליכע יאהר ארום מוזען פאראָרימט ווערען. דאס פאלק וועט מוזען פאראָרימט ווערען, טראץ די אונגעהייערע נאטירליכע אוצרות פון לאנד. ווען דאס וועט פאסירען, ווען די אמעריקאנער ארבייטער וועלען זעהן, אז דער שפיעל פון אימפעריאליזם און אויסערליכען האנדעל האט ביי זיי אוועקגענומען די בכורה, האט אויסגעצעהרט אמעריקא אין די אינטערעסען פון אינטערנאציאנאלער „פראפיטירונג", וועלען זיי אפשר אויפשטעהן און פאדערען זייער „פלאץ אונטער דער זון". די גרויסע מלחמה האט פארגרעסערט די ענטוויקלונג פון אמעריקא. דורך דעם וואס זי האט פארשטארקט דעם קאפיטאליסטישען אינטערנאציאנאליזם און די הענד פון די אמעריקאנער פינאנסיסטען האט זי א האסטיגען שטויס געטאן די עקאנאמישע סיסטעם צו איהר העלער ענטוויקלונג און צו דער זעלבער ענדליכער צושטערונג, וועלכע קומט איצט פאר אין אייראפא.

די נאכוועהענישען פון דער מלחמה וועט ברענגען, הייסט עס, ניט נאר א סאציאלע נאר אויך אן עקאנאמישע רעוואלוציע. ניט נאר האבען די ארבייטער-מאסען זיך אויפגעוואכט, נאר זיי ווערען געטריבען פאראויס פון קרעפטען, וואס זיי קענען ניט קאנטראלירען. נאך מיליאנען וועלען מסתמא שטארבען פון אויסשלאכטונג, עפידעמיעס און הונגער. אבער די עקאנאמישע קרעפטען הערען ניט אויף צו ווירקען, און זיי טרייבען די וועלט שנעל צו אן עקאנאמישער קאאפעראטיווער פאראייניגונג.

ליעדער

פון מ. פערעלמוטער.

1

דו ביזט מיר אנטקעגען געקומען
מיט פרייד אין די אויגען, —
דיין ליעבער, מעלאדישער נאמען
געוועזן איז מיר אייגען...

איך האב דיך ביים האנד אנגענומען,
געקוקט אין די אויגען,
א טאג נאך א טאג איז געקומען:
די צייט איז געפלויגען...

2

שוין א צייט פון פיעלע יאהרען
זיינען מיר ביינאנד, —
אפטמאל דוכט מיר: פון געפארען
ביזטו מיר באקאנט...

יא, אן אייביגקייט, מיין טרייע,
ווי זשע קומט עס, זאג,
וואס פאר מיר ביזטו א נייע
יעדען ליעבען טאג?!

3

יעדע רגע, ווי געפונען,
יעדע שטונדע, ווי א נס,
טויזענד ניסים, טויזענד זונען —
יעדער איינציגער מעת-לעת...

ווען אין דרויסען איז א שטורעם
און דאס לעבען איז אין קאן, —
גאט, באשיין זי און באשירעם,
קיינער זאל איהר שלעכטס ניט טאן!

4

קום, מ'ין העלע, זאל ניט שטערען
קיינער אונזער רוה,
קיינער זאל ניט אונטערהערען,
ווי איך זאג דיר „דו".

קאן דאך ניט מיין קוש פארטראגען,
ווען דאביי איז ווער, —
פונקט אזוי דיר „דו" צו זאגען
איז פאר זיי מיר שווער...

5

דו קלאגסט זיך, אז די עלטער,
זי ווארט שוין ביי דער טיר,
און איך, איך קריג דיך העלטער,
וואס לענגער ביזט מיט מיר.

דו קענסט דאך אלט ניט ווערען,
ווי ס'ווערט ניט אלט די ערד,
דער הימעל מיט די שטערען,
ווי זון-שיין אלט ניט ווערט...

6

דו ביזט א פארבענקטע געפאהרען
אויף ווילד-פרעמדע וועגען,
און האסטו דעם ריכט-שנור
פארלארען, —
ביי לייט פלעגסטו פרעגען.

דיך האט אלץ געצויגען פון דאנען
דאס ווייטע קליין-שטעדטעל,
דאס ארט, וואו אמאל איז געשטאנען
מיין קינדעריש בעטעל.

דו ביזט א צעשטראלטע, א לייכטע,
געקומען בשלום —
מיט אויגען צועפענטע, פייכטע,
געפאנגען דיין חלום....

פון וועלכער דער פריסטער האט אנגעטאָן זיין מאַנטעל, און אז זיין אייגענליכע קראַנקע שטאַט פון איהר.

נאָך די ראַזינע געשפּרעכען, האט לינדעלין געגעבען איהר מאַן עצות, ווי צו האַנדלען, וואו ער זאָל שטראָפען און וואו ער זאָל טרייסטען און ערמוטיגען.

ווי נאָר עס האט אנגעהויבען צו טאָגען, האט זי איהם גליך אויפגעוועקט און געזאָגט, אז עס איז שוין טאָג און אז שטענדיג קען מען געפינען א נשמה, וואָס מען דאַרף רעטען, און צו זיין פליכט איז צו זוכען די נשמה.

אַפּטערנדיג אַזוי ארום איהר פליכט אלס זיין העלפערין, איז זי ווידער רוהיג און שטאַרק איינגעשלאָפען מיט'ן באוואוסטזיין פון א ריין געוויסען.

איינמאָל, ווען ער איז שפּעט ביינאכט געקומען א פאַרמאַטערטער א היים, האט זי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אויסגעצויגען זיך און געזאָגט איהם, אז ער האט זי אויפגעוועקט אין מיטען פון א העררליכען חלום. איהר האט זיך גע'חלום'ט, אז ער איז געכאַפּט און געפייניגט געוואָרען, ווי א מאַרטירער, און אין דעם מאָמענט, וואָס זי האט זיך אויפגעכאַפּט, האט מען גענומען ארונטערדרייסען פון איהם די הויט.

ער האט אויסגעשטעלט אויף איהר אן אונבאַוועגליכען בליק. דער שטערן איז געוואָרען איהם נאַס פון שווייס.

דערווייל האָבען איהרע אויגען גענומען קוקען אויף איהם מיט א זאָנדערבאַרען גלאַנץ, וועלכען ער האט נאָך קיינמאָל ניט באַמערקט ביי קיין מענשען. קוקענדיג אַזוי אויף איהם, האט זי אויסגעשריען, אז זי וויל, ער זאָל פאַלען אין חלשות דעם קומענדען זונטאָג אין דער קירך פאַר אַלעמען אין די אויגען. דאַמאָלט וואָלטען אַלע געזעהן, ווי זי מיהט זיך ניט צו שטערען איהם אין זיינע פליכטען.

דאַמאָלט האט דער פריסטער אויסגעפּראָבירט זיין האַרץ און איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז עס איז געווען א חוצפה פון זיין זייט צו נעמען זיך א ווייב, וואָס איז די פאָלקאָמענהייט אַליין.

אין דער זעלבער צייט האט מען ביים טיי ביי פרוי לינדעלין פיעל גערעדט וועגען א טרויעריגער פּאַסירונג.

מען האט דערצעהלט וועגען פיעלע געזעצטע מענער און פרויען, וואָס זיינען געלאָפען קוקען אויף א נייער טרופּע רייטער, וואָס האָבען געגעבען פאָרשטעלונגען אין א צירק.

פיעל האט מען געזיפצט, וועגען דער דאָזיגער פאַרפיהרונג.

האַלב נאַקעטע מענער האָבען חוצפה'דיג באַוויזען זייערע קערפּערס, און פרויען אין די אונאַנשטענדיגסטע קאָסטיומען זיינען געשפּרונגען פון פערד, דורכגעשפּרונגען דורך רייפען און געדרעהט זיך אַזוי אין דער לופט, אז אַלע האָבען זיך געשעמט צו קוקען.

מיט טרומייטערס האט מען גערופען דאָס פאָלק אין צירק אריין, און רויטע, גרויסע פּלאַקאַטען האָבען פאַרנאַרט מענשען מיט פאַרפיהרערישע צוזאָגונגען.

זיי האָבען דערצעהלט און באַשריבען די דאָזיגע נעץ פאַר מענשליכע נשמות מיט די קלענסטע איינצעלהייטען.

עס איז אַנאָנסירט געוואָרען א נייע פּראָגראַם.

דאַמאָלט האט לינדעלין געזאָגט דעם פריסטער, אז ניט איצט איז די צייט פאַר שוואַכקייט און קליינמוטיגקייט.

מען דאַרף באַקוקען די פעסטונג פון'ם ניט־גוטען אום צו זעהן, צי מען קען זי ניט באַזיגען און איבערוועלטיגען. דערפאַר דאַרף ער מיט איהר מיטגעהן היינט אָוונד און זעהן די פאָרשטעלונגען, כדי זיי זאָלען אַליין קענען אַלץ זעהן און אורטיילען.

אָבער דער פריסטער האט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. ער האט ניט ערמוטיגט איהר פּלאַן. ער האט איהר געזאָגט, אז דאָס פּאַסט ניט פאַר מענשען פון זייער שטאַנד.

דאַמאָלט האט זי זיך צולאַכט איהם אין פּנים אריין, א שפּיי געטאָן, און איהר פּנים האט אויסגעדריקט פאַראַכטונג צו זיין מיאוס'ער פיינהייט.

און ווען דער פריסטער האט איהר גענומען איבערצייגען, אז זיינע געדאַנקען זיינען ריין, האט זי איהם ערקלערט, אז ווי עס זעהט אויס, האט זי חתונה געהאַט פאַר א היפּאָקריט. זאָל ער איהר באַווייזען, אז זי האט א טעות.

דערווייל האט ער איהר מיט א שטימע, וואָס האט געקלונגען ווי פון א קבר, געשוואָרען, אז ער וועט געהן נאָך איהר אפילו צום טויט.

אין דעם זעלבען אָוונד זיינען זיי געזעסען אין צירק אויף אַזאַ פּלאַץ, פון וואַנען מען האט געקענט אם בעסטען זעהן די רייטער און וואו עס האָבען זיך געפונען אַלע באַקאַנטע מענשען פון שטאָדט.

דער פריסטער איז געווען די גאַנצע צייט בלייך, ווי א סטאַטוע און ער האט זיך געקליבען אויפצוהויבען זיין שטימע.

אָבער זי האט איהם געהאַלטען פאַר'ן אָרעם, געמורמעלט און געוואָרענט איהם, אז זיין צייט איז נאָך ניט געקומען.

ווען א געשיקטער רייטער האט זיך פאַרבייגעטראָגען נאָהענט פון איהר אַזוי ניך, אז דער זאַמד איז געפאַלען אין אַלע זייטען, האט לינדעלין געקוקט אויף איהם פון אונטער דעם שלייער און אין גיכען איז אויך זיין בליק געווען געצוואונגען בלויז אויף איהר.

ווען ער האט גענומען עלאַסטיש טאַנצען אויפ'ן רוקען פון פערד, אום זיך צוצוגרייטען דורכצושפּרינגען דורך די שטריק, האט ער געשמייכעלט צו איהר.

און ווען ער איז אונגעדולדיגערהייט ארונטערגעשפּרונגען, האט זי ארויסגעלאָזען א שוואַכען געשריי. זי האט מורא געהאַט פאַר איהם.

אויף מאָרגען אין דער פריה, איידער זי האט נאָך געהאַט צייט צו עפענען די אויגען, האט זי מיט גרוים באַגייסטערונג ערקלערט, אז מען דאַרף זיך ניט וואַקלען, נאָר ערקלערען דעם עולם, אז אין צירק אריין ציהט איהם בלויז א היליג געפיהל.

און אַזוי, ווי זיין אַמט צווינגט איהם אָפט צו זיין פאַראַנט מען אין די וואונדען, נעמט זי אויף זיך אליין צו באַקעמפען די פאַלשע מיינונגען, וואָס ווערען פאַרשפּרייט. זי וועט זיצען אַלע אָוונד אויפ'ן זעלבען פּלאַץ אין צירק, סיי די וואָך און סיי די נעקסטע וואָך. זי האט געהערט פון פאַרטרויאונגס־ווערטע קוועלען, אז מען בייט ווידער די פּראָגראַם, און די נייע פּראָגראַם וועט זיין נאָך רייצענדער, פון דער איצטיגער.

דער פריסטער איז געווען אן ערפאַהרענער און גוטער קענער פון מענשליכע נשמות. אויף א רגע איז א צווייפעל געבאָרען געוואָרען אין זיין האַרצען; ווער ווייס, אפשר איז איהר נשמה אויך ניט פריי אין גאַנצען פון זינד.

אָבער, ווען ער האט דערזעהן, ווי עס האָבען באַגייסטערט געלויכטען איהרע אויגען, האט ער זיך אפּגעזאָגט פון דעם געדאַנק.

יעדען אָוונד, ווי נאָר עס האָבען די טרומייטען אָנגעהויבען צו בלאָזען און די מוזיק צו שפּיעלען, איז זי אנגעקומען אין צירק און פאַרנומען איהר פּלאַץ, וואָס איז געווען אין דער ערשטער רייה. דאָס זאַמד פון אונטער די פערדישע פיס פלעגט זי באַשפּריצען.

ווי נאָר דער שעהנער רייטער איז פאַרביי איהר פאַרבייגעריטען, שטעהענדיג אויסגעצויגען אויפ'ן רוקען פון פערד, האט ער אריינגעבויגען זיין קאָפּ מיט די צופלאָנטערטע שוואַרצע האָר, וואָס האָבען געגלאַנצט פון פּאָמאַדע און לאַנג, און זאָנדערבאַר האט ער מיט א גנב'ישען קוק געקוקט אויף איהר. זי האט צו איהם צוריקגעשמייכעלט פון אונטער דעם שלייער.

ער האט געקירעוועט דאָס פערד אַלץ נעהנטער צו דעם ארט, וואו זי איז געזעסען, ביז דאָס פערד איז צוגעקומען האַרט צום צוים.

ווען דער גאַנצער צירק האט געהילכט פון דעם בראַוואָ פאַטשעריי און פון דעם שאַלען פון די טרומייטערס, האט זי געשיקט געוואָרפען א רויז, וואָס פלעגט שטענדיג פאַלען אָדער אויף זיין ברוסט, אָדער אויף זיין זאָטעל.

מיט פיעלבאַדייטענדע בליקען האט דער רייטער צוגעדריקט די בלום צו זיינע ליפּען. זיי האָבען זיך דורכגעוואָרפען און דורכגערעדט אין דער שטיל. איהרע אויגען זיינען געלאָפען אונטער די אראָפּגעלאָזענע ברעמען.

און דער פריסטער האט דערווייל ערפילט זיינע פליכטען.

אָבער איינמאָל, ווען ער איז אהיימגעקומען פריהער ווי געוועהנליך און גענומען אויסטאָן זיין ראָק, איז איהם טרויעריג געוואָרען אויפ'ן האַרצען.

וואָרים אנשטאָט די נאָטספּאַרכטיגע מאָטיווען, וואָס זיין פרוי פלעגט שטענדיג זינגען, האט ער דערהערט, ווי זי שפּאַנט ארום אין שלאָף צימער און זינגט אונטער לייכטזיניגע מעלאָדיען, וועלכע ער האט, ווי איהם האט זיך אויסגעדאַכט, געהערט דאַמאָלט אין צירק.

ווען ער האט אריינגעקוקט צו איהר, איז זי געשטאַנען אנגעטאָן זיך, אום צו קענען געהן אויך היינט ביי נאַכט אין צירק אריין.

זי איז געשטאַנען מיט א צוועגנעל פריזירט זיך די האָר, אז עס זאָלען איהר ארונטערפאַלען שעהנע לאָקען.

ער האט זיך זעהר פאַרוואונדערט, ווייל שטענדיג פלעגט זי גלאַט פאַרקעמען איהרע האָר.

און אין דער צייט, וואָס זי האט געהאַלטען א ליכט אין דער האַנד, אום בעסער צו זעהן, איז ער אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו איהר.

אָבער ער איז געבליבען שטעהן ווי דערשלאָגען פון א דונער.

פונקט אויף דעם זעלבען ארט, וואָס איז שטענדיג געווען פאַרשטעלט מיט'ן אויערינגעל, האט ער דערזעהן א קאַרב מיט האָר.

און אין דער צייט, וואָס ער איז, ווי א צוגעשמידעטער געשטאַנען און אַלץ געקוקט אויף איהר, האט זי איהם געמערקט. צוויי גרינע פייערלעך האָבען אויפגעפלאַמט אין איהרע אויגען און זי האט מיטאַמאָל פאַרלאָשען דאָס ליכט.

ווען מען האט דאָס ליכט ווידעראַמאָל אנגעצונדען, האט זי גענומען אויף ניך אָנטאָן די אויערינגלעך.

זי האט גענומען זיפצען און מיט א ריהרענדער שטימע גענומען רעדען וועגען דעם, וואָס זי דאַרף אַלע טאָג, אום אָפּצוקומען פאַר איהרע זינד, געהן אין געצעלט פון ניט גוטען.

און אין דער צייט, וואָס זי האט געהאַלטען אין איין אָ־רעדן ארום איהם, האט דער פריסטער ניט אראָפּגעלאָזען פון איהר זיין בליק.

ער האט זי מיט זיין בליק געהאַלטען פון דער ווייטען פון זי. נאָך דעם האט ער גענומען צוריקטרעטען אין זיין ארבייטס־צימער.

ער האט א כאַפּ געטאָן דאָס שוואַרצע וויטענבורגער בוך. ער האט גענומען ארויסלעזען באַשווערונגען.

(פאָרטזעצונג פאָלגט)

סעק. באַראָף אַפּעלירט פאַר די סטרייקענדע סיגאַר מאַכער

א קאָמיטע פון די סטרייקענדע ציגאַר מאַכער איז לעצטע וואָך געקומען אין אָפיס פון אונזער אינטערנעשיאָנאַל נאָך הילף, און סעקרעטער באַראָף האט אַרויסגעלאָזען דעם פאָלגענדען אַפּיל צו די מיטגליעדער פון אונזער אינט. יוניאָן:

שוועסטער און ברידער! אין דער צייט ווען די ארבייטער פון פאַרשידענע אינדוסטריען האָבען דורך דער מאַכט פון זייער אָרגאַניזאַציאָן און אייניגקייט אויסגעקעמפּפט קירצערע ארבייטס-שטונדען, העכערע וויידזשעס און מענשליכערע באַדינגונגען, זיינען די סיגאַר ארבייטער פאַרבליבען אין דער זעלבער לאַגע ווי געוועזן. זייערע בעלי בתים האָבען פריי עקספּלאָאַטירט דיזע ארבייטער, האָבען אָהן רחמנות געריסען די פּרייזען און געלאָזען זיי ארבייטען פאַר א קלעגליכען לוין. זיי, די גרויסע מאַנופאַקטשורערס, דער טאַבעק טראַסט, האָבען זיך ניט צוגעהערט צו די ליידען, צו די הונגער־געשרייען פון זייערע שקלאַפען, און ענדליך האָבען די סיגאַר מאַכער אין זייער פאַרצווייפלונג זיך גענומען צום לעצטען מיטעל — א דזשענעראַל סטרייק איז ערקלעהרט געוואָרען, און די 34 טויזענד סיגאַר מאַכער, מענער און פרויען פון אַלע נאַציאָנאַליטעטען, אפילו די וועלכע האָבען קיינמאָל ניט באַלאַנגט אין דער יוניאָן, האָבען געוואָרפען די ארבייט, פאַרלאָזען די שעפער און האָבען זיך אנגעשלאָסען אין דעם דזשענעראַל סטרייק.

שוין זעקס וואָכען ווי די בראַווע סיגאַר מאַכער פיהרען אן ביטערען קאַמף מיט זייערע שטיינרייכע מאַנופעקטשורערס; שוין זעקס וואָכען ווי די סיגאַר מאַכער שטעהען אייניג אין קאַמף פאַר א בעסערען לעבען.

די סיגאַר מאַנופעקטשורערס, וועלכע צעהלען צווישען זיך די זיילען פון דעם טראַסט, זיינען ענטשלאָסען אויסצוהונגערען די סיגאַר מאַכער און זיי טרייבען צוריק אין די שעפער פאַרצווייפעלטע, נידערגעשלאָגענע, אום זיי זאָלען קענען ווייטער פאָרטזעצען זייער פרייע עקספּלאָאַטאַציאָן.

דער שרעקליכער יקרות איז געקומען צו הילף די גרויסע מאַנופעקטשורערס, און מאַטערט דעם אָרימען סיגאַר מאַכער און זיין פאַמיליע.

דער יקרות איז איצט די בעסטע וואָפע אין די הענד פון די געלד-גייציגע מאַנופעקטשורערס. זיי ווייסען אז זייערע שקלאַפען האָבען ניט אָפּגעשפּאָרט קיין געלד פון די קלעגליכע פאַרדיענסטען, און זיי זיינען זיכער אז דער שרעקליכער הונגער וועט העלפען זיי צו צוברעכען די אייניגקייט פון די סיגאַר מאַכער.

אין דעם נאָמען פון אונזער ארבייטער אייניגקייט און די אידעאַלען פון דער ארבייטער באַוועגונג, אַפּעליר איך צו די מעמבערס פון אונזער אינטערנעשאָנאַל, וועלכע האָבען זיך אַלע מאָל אויסגעצייכענט מיט זייער סאָלידאַריטעט, וועלכע האָבען שוין ביי פיעלע געלעגענהייטען געצייגט, אז זיי פאַרשטעהען דעם קלאַסען קאַמף.

שוועסטער און ברידער, זאָל דער סטרייק פון די סיגאַר מאַכער ווערען אייער סטרייק, זאָלען די ארבייטער, די מעמבערס פון אונזער אינטערנעשאָנאַל זאַמלען אין די שעפער געלד; לאָמיר געבען ברייט צו די בראַווע סטרייקערס, לאָמיר העלפען די פאַמיליען פון די טריע קעמפער.

זאַמעלט, זאַמעלט געלד, ברידער און שוועסטער. שיקט אייערע קאָלעקשאַנס צום „פאָרווערטס”, וועלכער וועט זיי קוויטירען. זאָל קיין ארבייטער ניט פאַרפעהלען צו טאָן זיין פליכט, מיר טאָרען ניט דערלאָזען אז די סיגאַר-טראַסט מאַגנאַטען זאָלען טריאומפירען איבער דעם אָרגאַניזירטען ארבייטער.

האָפענדיג אז דיזער אַפּיל וועט געפינען אן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון אונזערע מעמבערס פון דער אינטערנעשאָנאַל, ערוואַרטענדיג אז א ברודער-האַנד וועט געגעבען ווערען צום סיגאַר מאַכער אין בראַווען, גערעכטען קאַמף —

פאַרבלייב איך מיט טרייד יוניאָניסטישען גרוס,

אב. באַראָף.
דזשענעראַל סעקרעטער און טרעזשורער אינטערנעשאָנאַל לייעדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

זיך מיט זייערע קלאבס און אנדערע פא-
לים נעציינ אויף די קעפ פון די יעניגע
אויף וועמען זיי האבען א פערדאכט אז
זיי וועלען ניט וואוטען פאר די „ריכטי-
גע" קאנדידאטען... ווען קיין סטרייקס
זיינען אבער נישא און ווען קיין פאליטי-
שער קאמפיין געהט ניט אן — דאן
שלאפען דיעזע בלויע נפשות, אבער, די
אלגעמיינע בעפעלקערונג איז וואך, און,
ווי איהר זעהט, איז דאס וואס מען האט
אויסגעטראכט אז פילאדעלפיא איז א
פערשלאפענע שטאדט, ניט מעהר ווי א
העסליכער בלבול...

נאר אז איך האב שוין יא דערמאנט פילאדעלפיער פאליסלייט, טא לאמיך איך דערצעהלען א שעהנע מעשה'לע וועגען אונזערע בלויע העלדען — איך מיין וועגען די עטליכע פון זיי וועלכע זיינען מיט עטליכע טעג צוריק אוועק געשיקט געווארען אין פריזאן וואו זיי וועלען מוזען פערבלייבען היבשע טערמינען. די מעשה'לע איז א שעהנע און עס איז ווערטה אז איהר זאלט זיך מיט איהר בעקענען, ווייל גאנצע פיער פון די זעקס פאליסלייט זיינען אידען. און זאגאר דער לייטענאנט וועלכער איז איינער פון זיי, איז אויך א איד. טא פאר וואס זאלט איהר ניט וויסען וועגען „אידישע אינטערעסען?"... אלזא, כסדר:

געווען איז דאס מיט אונגעפעהר צוויי יאהר צוריק. די רעפובליקאנער גענג איז דאן געווען צושפאלטען אין צוויי — דאס הייסט: די ליעדערס פון דער רעפובליקאנער פארטיי האבען זיך צוריסען איבער דער שטאדט שיסעל, און זיי האבען געשונדען די פאליטישע הויט איינע פון די אנדערע. ביידע צדדים האבען ארויסגעשטעלט קאנדידאטען; סענאטאר פענראוז און סענאטאר מעקניקאל זיינען געווען די ליעדערס פון איין צושפאלטענעם טהייל פון דער גענג, און די ברידער וועיר זיינען געווען די ליעדערס פון דעם צווייטען טהייל, און זיי האבען געקעמפפט.

אין פילאדעלפיא געפינט זיך א ווארד וועלכער רופט זיך אויף ענגליש „די בלאדי פיפט" וואס דאס מיינט אויף אידיש: „דער בלוטיגער פינפטער ווארד". דיעזער ווארד האט דעם נאמען געקריגען ווייל יעדעס מאל ווען עס זיינען פארגעקומען עלעקשאנס, האט זיך אין איהם בלוט געגאסען; די פאליטישע פארטייען האבען געהאט גאסען יונגען אלס מיטהעלפער צו די פאליסלייט, און — פרעגט שוין ניט; יעדער פאליטישער צד האט געוויזען וואס ער קען... מען האט דאן מורא געהאט ארויסצוגעהן אין די גאסען פון דיעזען ווארד; מען האט געשלאגען רוק און לענד; מען האט אבגעשלאגען די לונגען און די לעבערס. דערפאר האט דיעזער ווארד דאס געקריגען דעם נאמען „בלוטיגער". ווייסט איהר שוין אלזא עפעס וועגען דעם בלוטיגען פינפטען.

וועלען מיר אלזא איצטער געהן ווייטער:

מיט א פאאר יאהר צוריק, אין דער צייט פון די פריימערי עלעקשאנס, האבען ביידע פאליטישע צדדים, דאס הייסט פענראוז און חברים, און די ברידער וועיר, ארויסגעשטעלט קאנדידאטען פאר סעלעקט קאונסילמען (אלדערמען בלשון נויארק) און דער קאמפף פאר א זיעג האט זיך אנגעהויבען. א געוויסער פאליטישען מיט'ן נאמען דזשיימס קערי, וועלכער איז געווען פענראוז'עס קאנדידאט, און וועלכער איז אויך געווען דער פאליטישער באס פון דיעזען ווארד האט אנגעהויבען צו ארבייטען אויף טיש און אויף בייניך צו זיעגען. דער קאנדידאט פאר דיעזען אמט פון דעם וועירס צד, איז געווען א אידישער פאליטישען מיט'ן נאמען אייזיק דייטש. דיעזער דייטש האט זיך אונטערנומען צו געווינען דיעזען ווארד פאר די וועירס, און ער האט דערפאר געקראגען פון די הויכע פענסטער „אלע רעכטע צו זיעגען". ער איז געווארען דער באס, דער הערשער פון דער סטיישאן הויז וועלכע געפינט זיך אין דעם 5טען ווארד, און דער פאליס לייטענאנט דייוויד בענעט, האט געמוזט אויספאלגען זיינע בעפעהלע. בענעט האט אלזא געגעבען ארדערס צו זיינע פאליסלייט אז זיי זאלען טהאן אלעס וואס דייטש וועט זיי הייסען, און — זיי האבען געטהאן... קעפ זיינען געשפאלטען געווארען. הונדערטע מענשען זיינען געווארען ארעסטירט און מען האט זיי אין די סטיישאן הייזער געשלעפט אט ווי זיי וואלטען געווען די גרעסטע פארברעכער. דער אנדער צד האט אויך ניט געשוויגען; ער האט אויך געהאט גאסען יונגען וועלכע זאלען טהאן „די נאבעלע ארבייט". און — עס איז געווען א געפאהר אין סטריט ארויסצוגעהן, ניט בלויז ביי נאכט, זאנדערען אויך בייטאג.

עס איז ענדליך געקומען די נאכט פאר עלעקשאן. אין פינפטען ווארד האבען זיך אנגעהויבען צו בעווייזען דונקעלע געשטאלטען — מענשען וועמען מען האט אין דיעזען ווארד ניט געזעהן פריהער. א קוק געבענדיג אויף די ליכטיגע פנים'ער פון דיעזע נפשות, האט מען געקענט באמערקען, אז זיי זיינען געקומען "טהאן ביזנעס" — בלוטיגע ביזנעס... זיי זיינען, דארפט איהר ניט פארגעסען ניט געווען אבי ווער; זיי זיינען געווען אימפארטירטע גענגסטערס פון ניו יארק, וואס זיינען געבראכט געווארען פון דער דייטש חברה, און — זיי האבען געוויעזען וואס זיי קענען... בלוט האט אין די גאסען געפליצט; קעפ זיינען געשפאלטען געווארען רעכטס און לינקס.

און פאליסלייט האבען זיי געהאלפען אין דיעזער ארבייט. פאליסלייט האבען זיי אנגעצייגט וועמען מען דארף לאזען „געהן" און וועמען מען דארף אבשלאגען די לונגען, ווייל, זיי זיינען דאך געווען פרעמדע אין פילאדעלפיא...

און דער מארגען איז געקומען. מען האט אנגעהויבען צו שטימען.

אין א פאר שטונדען שפעטער האבען זיך דערהערט קראכען פון רעוואלווערען. דאס האבען די גענגסטערס זיך „גע-פלייסט"; זיי האבען עס געוויעזען די יעניגע וועלכע האבען זיי געבראכט אין פילאדעלפיא צו העלפען געווינען די עלעקשאנס, אז זיי פערדיענען עהרליך זייער ברויט, און אז מען קען זיך אויף זיי פארלאזען... דערווייל זיינען אנדערע גענגסטערס בעפאלען דזשיימס קערי, און מען האט איהם אנגעהויבען צו שלאגען איבער'ן קאפ מיט בלעק דזשעקס וועלכע זיינען זיי, ווי עס ווערט פערזיכערט, געגעבען געווארען פון פאליסלייט... האט זיך אבער געפונען אין פינפטען ווארד א „פרעמדער" פאליסמאן מיט'ן נאמען עפלי און זעהענדיג אז מען שלאגט קערי'ן, איז ער געקומען איהם צו הילפע. האט א רעוואלווער וויערער געקראכט, און עפלי איז געפאלען טוידט: א קויל האט זיין הארץ דורכגעלעכערט.

און עס זיינען ארעסטירט געווארען עטליכע גענגסטערס, און עס זיינען אויך ארעסטירט געווארען פאליסלייטע וועלכע זיינען בעשולדיגט געווארען אין מאכען א מארד קאנספיראציע. צוזאמען מיט זיי זיינען אויך אנגעקלאגט געווארען א געוויסער וויליאם פינלי, די רעכטע האנד פון די וועירס וועלכע זיינען די מיירפיס פון פילאדעלפיא, און — האט געדולד לעזער נאך א וויכטיגע פערזאן איז געווארען אנגעקלאגט אין דער קאנספיראציע און דיעזע פערזאן איז ניט קיין אנדערער ווי אונזער סיטי מעיאר טהאמאס ב. סמיטה. עס איז געווען א פערהער פון דעם סיטי מעיאר, פינלי, פאליס-לייטענאנט דייוויד בענעט, אייזיק דייטש און פינף פאליסלייט. אלע זיינען פערהאלטען געווארען פאר קאורט. האט דער סיטי מעיאר ארויסגעווירקט דורך זיינע לאיערס אז ער זאל ניט גע'משפט ווערען צוזאמען מיט די פאליסלייט, ווייל ער איז דאך ניט אבי ווער: פינלים טריעל איז נאך געווען, און ביים טריעל זיינען אייזיק דייטש פאליס לייטענאנט בענעט און די פאליסלייט געפונען געווארען שולדיג — — — אין פערברעכען נעגען די עלעקשאן געזעצע... זיי זיינען פערמשפט געווארען צו היבשע טערמינען פריזאן. זיי האבען אפעלירט אין העכערע קאורטס, אבער, אומזיסט; זייערע אפילס פאר א נייעם טריעל זיינען ניט אנגענומען געווארען, און — מיט עטליכע טעג צוריק האבען זיי עס געמוזט געהן אין פריזאן גאר אהן פאראד.

וועט איהר דאך פרעגען: וואס איז געווארען מיט אייזיק דייטש און מיט'ן סיטי מעיאר? וועל, אייזיק דייטש איז מיט עטליכע וואכען צוריק געפאלען אין גאס טוידט, ווי מען זאגט, פון אפאפלעקסי. די קלאגע נעגען סיטי מעיאר אז ער איז געווען בעטהייליגט אין דער מארד קאנספיראציע איז ארויסגעווארפען געווארען; די קיים נעגען איהם אז ער האט געמאכט א קאנספיראציע צו פערברעכען נעגען די עלעקשאן געזעצע — וועל, ער איז געפונען געווארען ניט שולדיג און ער האט דאן געווייגט פון שמחה...

און די גענגסטערס? עטליכע פון זיי זיינען געפונען געווארען שולדיג, און מען האט זיי אוועקגעשיקט אויף לאנגע טערמינען אין פריזאן און דארטען האבען זיי איצטער חרטה.

און — ביי די וועי: מיינט איהר אפשר, אז די גענגסטערס האבען געקריגען די טויזענד דאלאר וועלכע מען האט זיי געדארפט געבען פאר דעם „דזשאבעל"? דאס געלד איז טאקע אוועקגעלעגט געווארען אין א באנק פאר זיי. אבער, אזוי ווי עס איז באנאנגען געווארען א מארד און עס איז געווארען א צו גרויסער טומעל האט מען מורא געהאט די טויזענד דאלאר ארויסצונעהמען. און ווי מען זאגט, ליעגען נאך די פאאר דאלאר דארטען, און קיינער קומט ניט נאך דעם... מיט אזא פאאר סענט וואלט אן ארימאן געקענט עפעס א גאנץ פיינע גראסערי, ווי מיינט איהר? אלזא, צום ווידערזעהען.

לינדעלין

ערצעהלונג
פון יאנאס ליע
אידיש פון זישא לאנדוי

(פארטזעצונג.)

ווען ער האט זי געטראגען, האט זי אין פארצווייפלונג ארומגעוויקעלט איהרע הענד ארום זיין האלז, ווי א קינד, וואס ווייסט ניט, וואס עס טוט זיך מיט איהם און וואס זוכט א הילף אין זיין אומגליק.

ער האט איהר פנים באשפריצט מיט וואסער און געגעבען איהר צו שמעקען שטארקען עסיג.

ליגענדיג א ווײלע אונבאוועגליך, איז זי מיט אמאל אויפגעשפרונגען אין שרעק, אפגעשטויסען איהם פון זיך און אויסגעשריען:

„ווי קום איך אהער, פריסטער? אפשר חלום'ט עס זיך מיר בלויז, אז איך בין ביי דיר?"

דערנאך, האט זי, יאמערנדיג, געפרעגט: „פארוואס האסטו אזוי געהאנדעלט? פארוואס האסטו אריינגענומען אין דיין הויז א פרעמד ווייב און אונז ביידען געמאכט צו שאנד און שפאט?"

און שמייכלענדיג דורך טרערען האט זי איהם מיטגעטיילט, אז זי האט היינט ביינאכט פארלאזען איהר מאן, ווייל ער האט זי געוואלט אריינפיהרען אין א זינדיגען לעבען, אין א לעבען פול מיט גנבות, רציחות און אזוינע עקלהאפטע טאטען, אז פון שרעק איז איהם אין די אדערען פארקיהלט געווארען דאס בלוט.

אבער ליידען צוליעב איהר געוויסען איז פאר איהר איצט א פרייד. זי וויל לעבען צוליעב דעם איינציגען צוועק, אז זי זאל קאנען תשובה טאן און זי איז גרייט איצט זיך מודה זיין פאר אלעמען אין איהרע גרויסע זינד.

און אין גרויסער פארלעגנהייט האט זי זיך איהם מודה געווען, האלטענדיג אראפגעלאזען די אויגען. זי דארף בעטען מחילה פאר דער ערדישער ליעבע, וואס האט באהערשט איהר הארץ. די ליעבע איז אזוי שטארק, אז זי זעהט קיין זאך ניט, אויב דער, צו וועמען איהר הארץ שטרעבט, געפינט זיך ניט נעבען איהר.

אונטער'ן צופלוס פון געדאנקען, האט זיך דער יונגער פריסטער געפיהלט אויפגערעגט און פארלארען. אין איהר גרויסער פשטות האט די דאזיגע שעהנע פרוי ניט פארשטאנען, אז דער מענשליכער משפט איז א גיפטיגע פייל.

אמת, ער האט פאר פיעלע יאהרען געטראכט, אז ער וועט קיינמאל ניט חתונה האבען.

אבער אזוי, ווי זי האט איהם צוגעצוינגען צו זיך מיט איהר שעהנהייט און גאטספורכטיגקייט, און אזוי, ווי זי איז נאך ממש געווען א קינד און גארנישט ניט פארשטאנען, וואס עס קומט פאר אויף דער וועלט און לויט דער טיפקייט און ריינקייט פון איהר הארצען איז זי געווען עהנליך אויף א הייליגע — האט זיין הארץ אנגענומען א באשלוס.

מיט אלע קרעפטען האט ער געוואנדעט זיין בליק צו איהר און זי בעפרעגט, צו זי וויליגט איין, ווען זי וועט זיך אפ'גט'ן פון איהר מאן, צו ווערען זיין ווייב.

א געריהרטע און ציטערנדיג אין גאנצען, האט זי צוגעשטימט מיט א שוויינענדיגען קוש. זי האט קוים צוגעריהרט איהרע ליפען צו זיין קאפ, אבער דער קוש האט איהם א בריה געטאן, ווי פייער.

און די גאנצע צייט ביז'ן טאג, איז לינדעלין ארומגעגאנגען אן איינזאמע און א דעמוטיגע, שטענדיג אין א גרויען שלייער, ווי א זינדערין, וואס האלט אין תשובה טאן.

מען האט זי גענומען עהרען, ווי א הייליגע.

און ווען זי האט זיך גע'גט פון איהר מאן און דער פריסטער האט איהר דערמאנט איהר צוזאג, האט זי מיט אן אראפגעלאזטען קאפ איינגעשטימט צו ווערען זיין ווייב.

גרויס פרייד האט געהערשט צווישען אלע באזוכער פון דער קירך.

יעדער האט געבראכט א מתנה דעם יונגען פאר פאלק.

מען האט געבראכט אלץ, פון שרייב-טישען ביז קיך-געשיר, און אלץ איז געווען פון אזא כאראקטער, וואס האט געפאסט פאר א גייסטליכען.

די חתונה איז אויך געווען א באשיידענע; די כלה און די געסט זיינען געווען אנגעטאן אין טונקעלע קליידער, ווי זונטאג אין דער קירך.

זיסע האניג-מאנאטען האבען זיי פארבראכט. דעם יונגען פריסטער האט זיך אויסגעדאכט, אז א דאנק זיין שעהנער, גאטספורכטיגער ווייב, האט דער הימעל ארונטערגענידערט צו איהם אויף דער ערד.

און אין געגענזאץ צו אנדערע ווייבער, איז זי געווארען וואס א טאג אלץ מעהר איבערגעגעבען, און געזעהן, אז ער זאל ניט פארנאכלעסיגען זיינע פליכטען.

ניט קוקענדיג אויף רעגען, שניי און פינסטערניש, האט זי איהם געטריבען פון הויז צו טאן זיין פליכט.

זי אליין האט ארום זיך ארומגעקליבען אלע גאטספורכטיגע ווייבער און מיידלעך, און ביי א גלאז טיי זיי געזאגט מוסר.

און מיט ערנסט און ליעבע האבען זיי געעפענט זייערע הערצער. די גאטספורכטיגקייט איז געווען בלויז א מאנטעל, וואס האט פארדעקט חוצפה און א עהרגייציגען פארלאנג; זיי האבען געזוכט געהערט צו ווערען פון די איבריגע באזוכער פון דער קירך.

פיעל זיפצען האבען זיך געטראגען אין צימער צוליעב דער שוואכקייט פון איינער אדער א צווייטער פון די געסט. און מיט אראפגעלאזענע אויגען האט ניט איינע אויפגעעפענט איהר הארץ, א הארץ וואס האט טרויעריג געמאכט די גאטספורכטיגע נשמה.

מיט זייערע רייד און באוועגונגען, האבען זיי אלע אפען אנגעדייט אויף דעם, אז לינדעלין, איז יענער שטילער פייער

די אמעריקאן פעדעריישאן און לייבאר

איהר וועלט־אנשויאונג און איהרע פאליסים, ווי זיי האבען זיך אפגעשפי־געלט אויף איהר קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי.

פון ש. יאנאווסקי

.4

ווער עס איז ניט געווען דעם צווייטען און דריטען טאג אויף דער קאנווענשאן פון דער א. פ. א. ל. אין אטלאנטיק סיטי, דער קען זיך קוים פארשטעלען, מיט וועלכע שטורמדיגע אוואציעס עס זיינען אויפגענומען געווארען די רעדען פון מר. ג. ע. פלאמב, אין וועלכער ער האט פאר־געליינט פאר דער קאנווענשאן זיין פלאן פון דער סאציאליזירונג פון דעם גאנצען אייזענבאהן־סיסטעם, און פון די רעדען פון די ענגלישע דעלעגאטען, אין וועלכע זיי האבען דערצעהלט פאר דער קאנווענ־שאן פון דעם, וואס די ענגלישע ארגאני־זירטע ארבייטער האבען שוין אויפגעטאן, און האפען נאך ווייטער אויפצוטאן. און אורטיילענדיג לויט דעם ענטוזיאזם, וואס די דאזיגע רעדען, אלע סאציאליסטישע אין זייער גייסט, האבען ארויסגערופען, וואלט איינער געקאנט מיינען אז די אלע דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן פון דער א. פ. א. ל. זיינען דורך און דורך סא־ציאליסטען, און דאך, ווי מיר האבען גע־זעהן, איז די א. פ. א. ל. אין דער שטארק־סטער אפאזיציע צו דער סאציאליסטי־שער פארטיי אין אמעריקא. ווי־זשע קען מען עס פארשטעהן? מיט וואס איז פלאמב'ס פלאן פאר די סאציאליזירונג פון די אייזענבאהנען ניט קיין סאציא־ליזם, וואס געפעלט אזוי דער א. פ. א. ל., און דער סאציאליסטישער פלאן יא סא־ציאליזם?

דאכט זיך, דער ערשטער גרונדזאץ פון דעם פלאן פון די בראדערהודס, ווי ער ווערט ערקלערט אין דעם פלאמב־פלאן, איז, אז עס איז ניטא און עס קען ניט זיין, אזא זאך, ווי פריוואט־אייגענ־טום אין אייזענבאהנען; אז די אייזענ־באהנען זיינען פ א ב ל י ק הייוועיס, אז דערפאר מוזען זיי געהערען צום פאב־ליק. איז דאס דען ניט איינע פון די וויכ־טיגסטע סאציאליסטישע דאקטרינען? א צווייטער פרינציפ פון דעם נייעם איי־זענבאהן־פלאן איז די אפשאפונג פון דער קאנקורענץ, ווייל די קאנקורענץ פיהרט ניט צו „עפישיענסי", אלס איהר ציעל; ווייל דער ציעל איז הויפטזעכליך פרי־וואט־פראפיט, און דאס די עפישענסי איז נאר א בייזאך, און דאס נור אין גע־וויסע גרעניצען. דאס איז אבער א לעהרע וואס איז אין גאנצען להיפוך אונזער גאנ־צער איצטיגער בורזשואזער ארדנונג. און דאך קיין איינציגע שטעלע אין מר. פלאמב'ס רעדע איז ניט אזוי שטורמדיג אפלאדירט געווארען ווי גראדע אט די, און דאס איז דאך ווירקליך מערקווירדיג. פון איין זייט ווערט אפלאדירט זעהר שטארק דער גאווערנאר פון ניו דזשוירזי, ווען ער ערקלערט, אז אזוי לאנג ווי די מעכטיגע א. פ. א. ל. שטעהט פאר די הערשענדע ארדנונג אין אמעריקא, האט ער גארניט וואס מורא צו האבען פאר די צושטערענדע כוחות, וואס ווילען איבער־קעהרען אמעריקא מיט'ן קאפ אראפ. און פון דער אנדער זייט, אויף דעם צווייטען טאג, ווערט גוואלדיג אפלאדירט גראדע אזא מין צושטערער, וועלכער האט א פלאן, ווי די גאנצע ארדנונג פון איצט זאל אין גאנצען, פון גרונד אויס, געענ־דערט ווערען.

נאטירליך, קען איינער מיינען, אז דער פלאן פון די „בראדערהוד" האט דערפאר געפונען חן אין די אויגען פון דער קאנווענשאן, ווייל אין דעם פלאן איז ניטא דער עלעמענט פון צונעהמען דעם אייגענטום אהן א פערגעלטיגונג צו די אייגענטימער. לויט דעם פלאן דארפען די איצטיגע אייגענטימער באצאלט ווערען יעדע פרוטה, וויפיעל זייער אינוועסט־מענט איז ווערט. אבער דער פונקט מאכט איהם נאך אלץ ניט אויף א האר ווייני־גער סאציאליסטיש, ווארים, צווישען די סאציאליסטען גופא זיינען דא זעהר פיע־לע, וועלכע זיינען נעגען יעדע קאנפיס־קאציע פון עפענטליכע ניצליכקייטען אהן א פערגעלטונג פאר זייערע פריהעריגע באזיצער. אויך זיי גלויבען, אז די רעגי־רונג דארף אין דעם געשטאלט פון באנדס באצאהלען אלע די פריהעריגע אייגענטי־מער. די סאציאליסטישע פארטייען אין די לעצטע יאהרען פון פאר דער מלחמה־צייט אין כמעט אלע לענדער, האבען נאר ניט געפאדערט קיין אנדער קאנפיסקא־ציע פון די עפענטליכע ניצליכקייטען. טו פאר וואס איז דער סאציאליזם אזוי טריף, און דער פלאמב־פלאן אזוי כשר, אז זאגאר גאמפערס אליין שעהמט זיך ניט צו זיין דער עהרען־פרעזידענט פון דער פלאמב־פלאן־ליגע?

ווען דא וואלט זיך געהאנדעלט וועגען מענשען, וואס גיבען זיך ניט אפ קיין דין וחשבון וועגען אלץ וואס זיי טוען, וועגען יעדען שריט, וואס זיי מאכען וואלט מען געקאנט גאנץ לייכט פאר־ענטפערען די דאזיגע פראגע. מען וואלט געקענט זאגען אז די דאזיגע מענשען זיינען טומעל־קעפ, זיי ווייסען ניט, אויף וועלכע וועלט זיי זיינען, און זיי קענען היינט טאן עטוואס, וואס זאל זיין פונקט להיפוך צו דעם, וואס זיי ווילען און קע־נען טאן מארגען. דאס אבער קען מען ניט באהויפטען וועגען די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן, און איבערהויפט וועגען די פיהרער פון דער פעדעריישאן. ווער עס איז געווען אויף דער קאנווענשאן, און זיך צוגעהערט צו די רעדען פון דווקא די קאנ־סערוואטיווע פיהרער, דער האט געמוזט צוגעבען, אז, איינפארשטאנען מיט זיי, צי ניט, אבער דאס זיי זיינען מענשען מיט גאנץ קלארע קעפ, מיט א הארטער שטרענגער לאגיק, און וועלכער נאר אפט גם האבען זיך אנגעשטויסען גאנץ הארט און צופולווערט געווארען נאר מאנכע ראזען פון אונזערע „ראדיקאלען", אזוי, דאס ניט איינמאל האב איך געוואונשען הלואי וואלט כאטש צווישען די ראדי־קאלען געווען אזוי לאגישער קאפ אזעל־כער, ווי צווישען די רעאקציאנערען. טו ווי קען מען עס ערקלערען?

אפשר איז דער פלאמב־פלאן פארגע־בראכט געווארען אזוי קונציג, אז די דע־לעגאטען צו דער קאנווענשאן אין זייער „הייליגער פראקטקייט" האבען ניט בא־מערקט דעם סאציאליסטישען סם אין איהם? אויך דאס איז ניט דער פאל. בלויז נאר דאס, וואס דאס ווארט „סאציא־ליזם" איז אויסגעלאזען אין איהם. אין אלעם איבעריגען אבער וואלט קיין סא־ציאליסט ניט געקאנט קלערער מאכען דעם סאמע ענד־ציעל פון דעם פלאן. ער פארדינט דא איבערגעגעבען צו ווערען.

„נון, — האט מר. פלאמב געזאגט צו ענדע פון זיין רעדע, — דאס איז דער קורצער מעכאנישער סקעטש פון דיזען פלאן, וועלכע האט אלע נויטיגע תנאים צו מאכען די קאסטען פון דער אפערא־ציאן פון די אייזענבאהנען אלץ קלענער, און פאר דעם אייזענבאהן ארבייטער די פארזיכערונג פון דעם טייל פון די פראפי־טען וואס ער פראדוצירט, און צו וואס ער איז בארעכטיגט. אבער ווען נאר דאס אליין וואלט געווען אין דעם פלאן, גלויב איך ניט, אז איך וואלט געווען פאראינ־טערעסירט אין איהם. עס איז דערפאר, ווייל עס איז דא א גייסט הינטער איהם, ווייל עס איז דא א נשמה אין דעם פלאן. עס איז דער גייסט פון דער צייט, וועל־כער גיט צוריק צו יעדען איינצעלנעם זיין געלעגענהייט פאר ענטוויקלונג.

„זיי זאגען, מיר קענען ניט האבען קיין „עפישענסי" אהן קאנקורענץ. אבער, איהר, מענער, ווייסט דאך, דאס אונטער דעם אלטען צושטאנד האט קאנקורענץ עקזיסטירט בלויז פאר פראפיט, און ניט אום גרעסער צו מאכען די „עפישיענסי". דער בענעפיט פאר'ן עולם איז געווען בלויז א בייזאך פון דיזען שפיעל פאר פראפיטען. דאס איז ניט געווען דער ציעל פון דעם סיסטעם, נאר א ביי־פראדוקט, און איהר ווייסט דאך אז דער פרייז פון קאנקורענץ האט אהן צוויפעל איבער־שטיגען דעם בענעפיט. קאנקורענץ איז בלויז א פארזוך פון איין צד, אין א גע־וויסער אונטערנעמונג, ארויסצוקריגען וואס מעהר פראפיט פון א צווייטען צד. און פאר יעדען פריוואט־בענעפיט וואס קומט ארויס פון דער אלגעמיינער קאנקו־רענץ איז דא פונקט אזא גרויסער פרי־וואט־פארלוסט.

„ווער איז געווען פאראינטערעסירט אין קאנקורענץ? דער, וועלכער האט גע־צווינגען נוצען פון איהר; דער, וועלכער האט געקראגען אביסעל א גרעסערע בא־לוינונג, ווייל ער האט פארשטאנען, ווי אזוי אביסעל מעהר אוועקצורויבען פון דעם צווייטען. נון, איהר ווייסט, אז בלויז די מענשען אויפ'ן סאמע שפיץ האבען געקראגען מעהר געלד, א דאנק אט די קאנקורענץ־סיסטעם, אבער אלע אנדע־רע — א חוץ די דאזיגע ווייניגע — זיינען געטריבען געווארען אין קאנקורענץ דורך מורא, מורא, אז זיי וועלען פארלירען זייע־רע דזשאבס, אויב זיי וועלען ניט פרא־דוצירען מעהר פראפיט פאר אנאנדערען; דורך די מורא, אז זייער לאגע וועט דעם נעכסטען טאג זיין אן ערגערע, ווי מיט א טאג פריהער. איהר מענער ווייסט דאך, אז מורא, שרעק, איז די ערגסטע טרייב־קראפט אויף דער ערד, דורך וועל־כער איהר קענט אויפבויען עפישיענסי. דער מענש וואס האט מורא, דער פארבא־האלט די עקזיסטירענדע חסרונות. ער זוכט זיי ניט גוט צו מאכען. האפנונג איז די באגייסטערונג פון פרייע מענער. מורא איז די טרייב־קראפט פון שקלאפען. מיר ווילען האבען אט דיזע באגייסטערונג, די האפנונג פון פרייע מענער, וואס זאל זיין אויסגעשפרייט פאר אלע. פון דעם פרע־זידענט פון דיזער גרויסער קארפארא־ציע ביז צום מינדעסטען אפיס איינגעל. מיר ווילען אז זיי אלע זאלען וויסען, דאס זיי האבען א טייל אין די פראפיטען פון זייער אייגענער פעהיגקייט און אין דער פעהיגקייט פון אלע. מיר ווילען, אז יעדער ארבייטער זאל וויסען, אז דער וועג איז אפען פאר איהם ביז צום סאמע שפיץ, אויב ער קען עס נאר דערגרייכען, און דאס עס איז ניטא קיין מאכט אויף דער ערד, וועלכע זאל קענען פארהאלטען זיין פארווערטס־געהן, אויב נאר זיין ארבייט פארדיענט די באלוינונג. מיט אזא טרייב־קראפט, וואס פאר א פאלקאמענהייטען וואלטען מיר דען ניט געקאנט דערגריי־כען, וואס פאר עקאנאמיען וואלטען מיר דען ניט געקאנט מאכען, און וואס פאר א דינסט צום פובליקום וואלטען מיר ניט געקאנט געבען!

„און דער פאבליק, דער גרויסער פאלקס־קערפער, וועלכער מוז צאהלען פאר אלעס, וואלט געוואוסט מיט זיכער־קייט, אז ער צאהלט ניט מעהר, וויפיעל עס איז נויטיג, אום צו מענעדזשען דיזען איינענטום און אום צו קריגען די ארבייט פון יעדען ארבייטער. אנשטאט צו זיין די דינער פון א סיסטעם קענען די מעהר, ווי צוויי מיליאן אייזענבאהן־ארבייטער, וועל־רען דער העכסט־פעהיגער ארעם פון אר־בייט פאר'ן פאלק, וואס די וועלט האט אמאל געזעהן, אויב איהר גיט זיי נאר די אויטאריטעט און די פאראנטווארטליכ־קייט. אהן אויטאריטעט און פאראנט־ווארטליכקייט זיינען זיי בלויז אויטאמא־טען. ניטא קיין גייסטיגע ערהויבענדע קראפט אין זייער ארבייט — און עס איז קיין גרונד ניטא, ווארום עס זאל אזוי זיין.

„מיר האפען, איהר וועט שטודירען דיזען פלאן; מיר האפען, אז ער וועט קריגען אייער הסכמה, ווייל ער איז גוט און פאסיג ניט בלויז פאר די אייזענבאה־נען — כאטש צוערשט קען ער אויך זיי אנגעווענדעט ווערען — נאר ער איז אנ־צואווענדען אויף יעדער אינדוסטריע, וואס איז באזירט אויף מאנאפאל אדער פריווילעגיע. און איך גלויב, אז ער פאר־קערפערט אין זיך א טרעפ אין אינדו־סטריעלער ענטוויקלונג, וואס איז פארט־געשריטענער פון אלץ וואס איז ביי איצט פארגעשלאגען געווארען".

עס איז אלזא קלאר, אז די דעלעגא־טען האבען ניט געקאנט מאכען קיין טעות איבער דעם כאראקטער פון דעם פלאמב־פלאן. ער האט איהם פון זיי ניט פאר־באהאלטען. און דער פלאן איז אויפגענו־מען געווארען מיט גרויס באגייסטערונג. איז דאס ניט דער בעסטער באווייז פון א שטארקען סאציאליסטישען געפיהל אין דער גאנצער קערפערשאפט פון דער א. פ. א. ל.? און דאך פון דער אנדערער זייט, מען קען עס ניט פארלייקענען, זיינען דא אלע סמנים פון ביטערער נעגנערשאפט צום סאציאליזם, טו, וואו איז די ער־קלערונג פאר דעם?

דער ענטפער, ווי מיר דאכט זיך, איז פאלגענדער: וואס אנבעטרעפט דעם סאמע קאפ פון דער פעדעריישאן, איז די נעג־נערשאפט זייער צום סאציאליזם מעהר פון א פערזענליכען כאראקטער, ווי פון א פרינציפיעלען. פאר די, וועלכע זיינען ניט ערשט פון נעכטען אין אמעריקא איז עס א באקאנטער פאקט, אז סעמועל גאמ־פערס און זיין עפענטליכע טעטיגקייט זיינען אימער געווען דער ציעל־ברעט פון אלערליי סאציאליסטישע אטאקען און זעהר אפט גאנץ אונפארדיענטע. עס איז מערק־ווירדיג, אז דיזעלבע, וועלכע גלויבען אין דער טעאריע, אז ניט דער פיהרער מאכט די באוועגונג, נאר די באוועגונג דעם פיה־רער, האבען געהאלטען אין איין אטאקי־רען סעמועל גאמפערס, אלס דעם איינציגען, וועלכער איז שולדיג, ווארום די גאנ־צע ארבייטער־באוועגונג אין אמעריקא איז אזוי קאנסערוואטיוו, זיי, וועלכע זיי־נען אזעלכע פארברענטע אנהענגער פון דער טעאריע פון עקאנאמישע אומשטענ־דען, האבען אין דעם פאל ניט געקאנט און ניט געוואלט זעהן די אייגענטימליכע עקאנאמישע אומשטענדען אין אמעריקא, נאר זיי האבען געזעהן דעם איינצעלנעם מענשען, און האבען אויף איהם געשא־טען פעך און שוועבעל. אלס די איינציגע פינסטערע מאכט אין דער ארבייטער בא־וועגונג. די גאנצע סאציאליסטישע פרעסע פון די צייטען פון דעליאן ביז דער סאמע לעצטער צייט איז דער בעסטער עדות דערצו. אפילו אין די לעצטע יאהרען ווען מען האט שוין אנגענומען א מעהר פריד־ליכע שטעלונג צו דער א. פ. א. ל. איז עס אבער אלץ נאר געווען אום צו „בויערען פון אינעוועניג", אום צו געבען דער א. פ. א. ל. א גאנץ אנדער טאן. אירגענד א באוועגונג, וואס האט זיך אויפגעהויבען נעגען די א. פ. א. ל. איז באלד אויפגע־כאפט געווארען פון די סאציאליסטען אלס אזעלכע, וועלכע זאל פארניכטען דעם סוף פון דער פעדעריישאנס מאכט. איז דען א חידוש, אז אונטער אזעלכע אומשטענדען זאל זיך די פערזענליכע נעגנערשאפט אלץ מעהר און מעהר צוואוקסען, און מיט דער צייט זיך אומוואנדלען אין א נעג־נערשאפט פון א פרינציפיעלען כאראק־טער?

און מיט דער צייט האט זיך טאקע אויסגעארבייט א שטארקער פרינציפיע־לער געגענזאץ אין נאר פיעלע הינזיכטען: וועהרענד דער סאציאליזם לייגט זיין גאנ־צע האפנונג אויף דעם שטאאט און זיינע געזעצע, באטאנט די פעדעריישאן די אונ־אבהענגיגע טעטיגקייט פון דעם ארבייטער. די פעדעריישאן זעהט ניט זעהר גערן די אריינמישונג פון שטאאט אין אנגעלעגענ־הייטען, וואס די ארבייטער אליין קענען אן באפיהרען דורך א דירעקטען קאמף מיט די ארבייטס־געבער. געוויס האלט די פע־דעריישאן פון ארבייטער־געזעצגעבונג, אבער נאר אויף אזוי פיעל אויף וויפיעל די ארבייטער־געזעצגעבונג קען ניט הא־בען קיין אפשוואכענדע ווירקונג אויף די איינינקייט פון די ארבייטער, אויף וויפיעל זי רויבט ניט פון זיי זייער איני־ציאטיווע. פון דעם שטאנדפונקט פון דער פעדעריישאן איז עס, למשל, פיעל בע־סער, אז די ארבייטער זאלען אויספיהרען אן אכט שטונדיגען ארבייטס־טאג דורך זייער אייגענע קראפט, ווי אז דער קאנ־גרעס זאל אננעמען א געזעץ פאר אן אל־געמיינעם אכט שטונדיגען ארבייטס־טאג.

און אין א צווייטער הינזיכט האט זיך ענטוויקעלט א שטארקער פרינציפיעלער אונטערשיעד. וועהרענד דער סאציאליזם איז, ווענינגסטענס, אין זיין פראזעאלאגיע געבליבען נאך אלץ רעוואלוציאנער, איז די אמעריקאן פעדעריישאן און לייבאר אין דער טעאריע, — כאטש ווייט ניט אין פראקטיק, אין איהרע טאג־טעגליכע קעמפע—געווארען אלץ מעהר און מעהר רעוואלוציאנער. די א. פ. א. ל. גלויבט אין שריט־ביי־שריט פארבעסערונגען.

מעהר פון אלץ איז אבער דער אונ־טערשיעד אין דער לעהרע פון קלאסען־קאמף וועלכער איז דער ווינקעלשטיין פון דעם רעוואלוציאנערען סאציאליזם, און וועלכע ווערט פאלשטענדיג באשטריטען פון די א. פ. א. ל. די א. פ. א. ל. בא־טראכט ניט די ארבייטער אלס באזונדערן געזעלשאפטליכען קלאס מיט באזונדערע אינטערעסען אין א ל ע הינזיכטען פון לעבען. דערפאר איז איהר שטעלונג אין פאליטיק בשום אופן ניט קיין פיינד־ליכע צו די עקזיסטירענדע פארטייען. אן ארבייטער קען זיין, פון איהר שטאנד־פונקט, א גוטער דעמאקראט, א גוטער רעפובליקאנער, אדער א גוטער סאציא־ליסט. פאליטיק פאר די פעדעריישאן איז א פריוואט זאך, ווי פאר נעוויסע סא־ציאליסטען די רעליגיאן. דערפאר אויך קען א גאמפערס, א מיטשעל און אנדערע זיין גוטע חברים אין א טעטיגקייט האט

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union office, 31 Union Square, New York, N. Y.

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.

Subscription price paid in advance, $1 per year.

VOL. I. No. 32 — FRIDAY, AUGUST 22, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorised on January 25, 1919

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

צום קאמפף מיט דער רעאקציע!

עס איז ניט נויטיג צו ברענגען באווייזע פאר דעם פאקט, אז די רעאקציע אין אונזער לאנד ארבייט מיט אלע איהרע כחות צו דערשטיקען יעדע ברעקעלע פרייהייט, יעדען פונק פון אמת'ער אויפקלערונג, יעדען וואונש, אז די מלחמה, פאר וועלכער די מענשהייט האט אזוי שרעקליך טייער באצאהלט, זאל ניט זיין אומזיסט, און אז די וועלט זאל ווירקליך איינמאל פאר אלע מאל זיין פארזיכערט מיט אמת'ער דעמאקראטיע, מיט אן אמת'ען פרידען און מיט א וועג, אויף וועלכען זי זאל קענען אומגעשטערט זיך ענטוויקלען צו אלץ גרעסערע און גרעסערע פארטשריטע.

די רעאקציע זעהט אין אזא וואונש דוקא דעם סוף פון ציוויליזאציע, פון דאס, וואס זי רופט אן מט דעם נאמען. און כדי צו דערשטיקען די ערוואכונג פון די מענשען, וואס די פאסירונגען פון די לעצטע פינף יאהר האבען ארויסגערופען, ווערען אנגעווענדעט די משונה'דיגסטע מיטלען, וואס וואלטען זיך זעהר געפאסט פאר דעם אמאליגען צארען-רוסלאנד. עס ווערען באפאלען פרידליכע מיטינגען; עס ווערען דערשטיקט צייטונגען; עס ווערען ארעסטירט מענשען אהן דעם מינדסטען גרונד; עס ווערען צושטערט לאנג-יעהריגע אינסטיטוציאנען, וועלכע האבען ניט געטאן קיינמאל קיין אנדער זאך, ווי איינפאכע אויפקלערונגס-ארבייט אויף פארשיידענע געביטען פון לעבען; בקיצור, אין אונזער לאנד, וועלכע האט געקעמפפט און געבלוטעט אום צו פארווירקליכען פאר דער גאנצער וועלט פרייהייט און דעמאקראטיע, ווערען די פרייהייטען, וועלכע האבען דא אויסגעזעהן אזוי פעסט-עטאבלירט — די פארזאמלונגס-פרייהייט, רעדע-פרייהייט און פרעסע-פרייהייט,—פארגוואלטיגט פון דער רעאקציע אויפ'ן פרעכסטען שטייגער; און ניט נאר שיינט עס, אז עס זאל ווען-עס-איז נעהמען א סוף דערצו, נאר פארקעהרט. נאך אלעמען, וואס מיר זעהען, מוזען מיר קומען צום שלוס, אז די רעאקציע, אויב מען זאל איהר לאזען אזוי בושעווען אומגעשטערט, וועט זיך ניט באהרוהיגען, ביז עס וועט איבערבלייבען דער מינדעסטער סליאד פון אונזערע פרייהייטען.

די געפאהר, אז דאס קען געשעהן אין אמעריקא, איז ווירקליך זעהר א גרויסע. אמת, דער קאמפף ווערט געפיהרט איצט מעהר אדער וועניגער אונטער א מאסקע. די רעאקציע איז דערוויל נאך ניט ארויסגעקומען גאנץ אפען מיט איהר קאמפף-ערקלערונג געגען אלעס, וואס שטרעבט צו א בעסערען, שעהנערען לעבען. דער קאמפף ווערט דערוויל ניט אנגעפיהרט געגען די ארבייטער באוועגונג, אלס אזעלכע, אויך ניט געגען דעם סאציאליזם אלס אזעלכען; מ'פיהרט נאר בלומרשט דערוויל א קאמפף געגען דעם באלשעוויזם, געגען די אנארכיסטען, געגען די א. וו. וו. און אז. וו., זיי, ערקלערט מען עס, זיינען די מכה אויף אונזער לעבען, און אלע אנשטרענגונגען ווערען געמאכט, אום ארויסצופיהרען די גרויסע אפעראציע. אבער נאר א בלינדער קען ניט זעהן, אז דערביי וועט זיך די רעאקציע ניט אפשטעלען. היינט ווערט געפיהרט דער קאמפף געגען די אנארכיסטען, געגען די א. וו. וו., געגען די באלשעוויקעס, און באלד, באלד וועט די גאנצע טרייד-יוניאן באוועגונג, די גאנצע סאציאליסטישע באוועגונג ערקלערט ווערען אלס א באלשעוויסטישע, אלס אן אנארכיסטישע, וועלכע מוז אויסגעראטעט ווערען מיט'ן ווארצעל, כדי די ציוויליזאציע אונזערע זאל געראטעט ווערען.

און טאקע צוליעב דעם וואלט [illegible] ווען די גרעסטע קורצזיכטיגקייט פון דער זייט פון די ארגאניזירטע ארבייטער באוועגונג צו בלייבען גלייכגילטיג צו דעם, וואס די רעאקציע טוט. לויט אונז שיינט, האט די טרייד-יוניאן באוועגונג באדארפט זיין אין סאמען פראנט פון דעם קאמפף געגען די רעאקציע.

איבערהויפט ווענדען מיר זיך צו אונזער אייגענער „אינטערנעשאנעל“. די אינטערנעשאנאל האט אין משך פון די לעצטע עטליכע מאנאטען אויסגעקעמפט גרויסע, וואונדערבארע זיגען. די דאזיגע זיגען האט זי צו פארדאנקען אין ערשטער ליניע צו איהר וואונדערבארער אייניגקייט אין דענקען און האנדלען; אבער אין דער צווייטער ליניע, צום גרויסען טייל, צו דעם מאמענט וואס מיר לעבען איצט איבער, צו דעם פאקט וואס די ארבייטערשאפט פון דער גאנצער וועלט איז דורכגעדרונגען פון דעם גרויסען גייסט, פון דעם גרויסען ווילען פאר א שעהנערען, פאר א מעהר ווירדיגען מענשליכען לעבען.

אט געגען דעם ערוואכטען גייסט קעמפפט עס די רעאקציע, און אלע אונזערע זיגע ביז איצט קענען ווערען צו גארניט, ווען דער רעאקציע זאל געלינגען דעם גייסט צו דערשטיקען.

פאלגליך, ווען ארבייטער, וואס זעהען בלויז זייערע אייגענע מאמענטאנע קליינע אינטערעסען, קוקען צו גלייכגילטיג צו דעם, וואס עס קומט פאר, טרויעריג ווי דאס איז, אבער מען קען עס פארשטעהן. מען קען צו זיי קיין טענות ניט האבען. מען קען זאגען וועגען זיי מט די ווערטער פון יעזוס קריסטוס: „זייט זיי מוחל, גאט, זיי ווייסען ניט וואס זיי טוען“. אבער אזא ענטשולדיגונג איז ניטא און קען ניט זיין פאר אונזערע ארבייטער, פאר די צעהנדליגע טויזענדע, וועלכע בילדען אונזער גרויסע „אינטערנעשאנעל“. זיי פארשטעהען, וואס עס מיינט דער איצטיגער קאמפף פון דער רעאקציע. זיי קענען לייכט פאראויסזעהען די שרעקליכע רעזולטאטען פון דעם קאמפף, אויב די רעאקציע זאל ארויסקומען זיעגרייך. און דארום טארען זיי ניט בלייבען גלייכגילטיגע צושויער. דאס וואלט געווען ווירקליך פארברעכעריש.

און דערפאר גלויבען מיר, אז איצט, ווען כמעט אלע אייגענע קעמפפע פון דער „אינטערנעשאנעל“ זיינען געענדיגט, און אזוי גלענצענד געענדיגט, וועניגסטענס פאר דערוויל, וואלט עס געווים געווען ניט מעהר ווי רעכט, ווען אלע אונזערע יוניאנס זאלען האבען צווישען זיך א בעראטונג, א סארט קאנווענשאן, אויב איהר ווילט, וועגען דער איצטיגער פראגע, וואס זאל און וואס קען די אינטערנעשאנעל טאן אין דעם איצטיגען מאמענט? וועלכע שטעלונג זאל זי אננעמען אין דעם קאמפף, וואס די רעאקציע פיהרט אן, און וואס פאר א מיטלען זי, די אינטערנעשאנעל, זאל פון איהר זייט אנווענדען אין קאמפף געגען די זיך אלץ מעהר און מעהר צווישענדע רעאקציע?

געווים וואלטען מיר גערן געוואלט זעהן די אינטערנעשאנעל אין סאמע פראנט פון דעם גרויסען קאמפף ווארום דער פלאץ קומט איהר, סיי לויט איהר מאכט און צאהל און סיי לויט איהר באוואוסטזיין. זאל זי נאר איבערנעמען אין דער הינזיכט די פיהרענדע ראלע, און מיר צווייפלען גארניט, אז אנדערע יוניאס אנדערע גרויסע ארבייטער קערפערשאפטען וועלען פאלגען איהר ביישפיעל און זיך שטעלען מיט איהר אין איין רייה און גליעד. זיך שטעלען מיט איהר אין קאמפף געגען די פינסטערע כחות, וואס ווילען און האבען שוין ביז צו א הויכען גראד אויסגעפיהרט צו מאכען אונזער שעהנע פרייע לאנד פאר איין גרויסע קאזארמע, אין וועלכער יעדער פרייער ווארט, יעדע פרייע באוועגונג זאל באטראכט ווערען אלס פארראט, אלס פארברעכען, וואס מוז שטרענג און גרינדליך באשטראפט ווערען.

נאר דער יחוס איז דא ניט וויכטיג. עס איז ניט אזוי וויכטיג, ווער עס זאל פארנעהמען דעם אויבען-אן, ווי עס איז וויכטיג, אז איטיצער זאל אנהויבען עפעס צו טאן. און דארפען מיר נאך ערקלעהרען, ווי בלויז שוין אזא צוזאמענקונפט, ווי בלויז דער ציעל אליין פון אזא צוזאמענקונפט, וועט און מוז האבען א שטארקע ווירקונג אויף די רעאקציאנערע כחות? זיי ארבייטען דאך מיט אזא אונערהערטער אונפאראנטווארטליכקייט, ווייל זיי מיינען, אז עס זיינען ניטא אין אמעריקא גאר אזעלכע קערפערשאפטען, פון א גרעסערער אדער קלענערער באדייטונג, פאר וועמען זיי דארפען אפגעבען דין וחשבון. זאלען זיי אבער דערפיהלען און דערזעהן, אז אזעלכע קערפערשאפטען זיינען דא, און זיי וועלען געצוואונגען זיין צו האנדלען, אויב ניט אנדערש, אבער זיכער פיעל פארזיכטיגער.

און דאן, ווארום טאקע ניט אויפנעהמען מיט די פינסטערע כחות א דירעקטען קאמפף? ווארום לאזען זיי ארעסטירען איינצעלנע מענשען; אהן א סימן פון רעכט? ווארום ניט אויפהויבען דעם שטארקסטען פראטעסט געגען אזא נבלה? ווארום פארשווייגען אזא שאנדע, ווי דעם איבערפאל אויף א רענד סקול? ווארום כאפען א שוויינ, זיין אזוי שרעקעדיג, און ניט אידענטיפיצירען זיך מיט די נאבעלע ציעלען איהרע?

די פאליטיק פון פיגהיים איז א שענדליכע און א שלעכטע פאליטיק. סוף כל סוף פיהרט זי צו גענצליכער אונבאהאלפענקייט און דאן צום טויט. אזא ארגאניזאציאן, ווי די אינטערנעשאנאל, און פיעלע עהנליכע ארגאניזאציאנען, דארפען האבען דעם מוט פון זייערע איבערצייגונגען און ניט שווייגען דאן, ווען שרייען, פראטעסטירען איז די העכסטע פליכט.

אודאי קומט דא אריין די באטראכטונג: „מה יאמרו הגוים“? מען וועט אויף אונז פארשרייען, אלס באלשעוויקעס, אלס רעוואלוציאנערען. מען וועט פון אונז צונעהמען אונזער טיטעל אויף א באנא-פייד טרייד-יוניאן. אבער, ווי מיר האבען שוין ערקלעהרט, וועט דוקא די פאליטיק פון שווייגען, פון האלטען זיך שטילער ווי וואסער און נידריגער ווי דאס גראז, מוזען סוף כל סוף פיהרען דערצו. דער וועג פון קאמפף געגען דער רעאקציע איז, אין די ווערטער פון דאנטע, מוט, מוט און נאך א מאל מוט. די צייט, ווען די ארבייטער-באוועגונג האט געמוזט זיך האלטען אזוי שטיל און האט דארום די נויט געמאכט פאר א טוגענד, און צוזאמען מיט'ן רוסישען מוזשיק פון די פריהערדיגע צייטען געהאלטען זיך ביים ווערטער: „מאיא האטא ס'קראיו, יא ניטשעוואָ ניע זנאיו“ (מיין שטיבעלע איז ביים עק, איך ווייס פון גארנים) די צייט איז אוועק. די ארבייטער-באוועגונג ווייס און מוז ווייסען. זי קען ניט מעהר מאכען זיך ניט-זעהענדיג וועגען אלץ, וואס קומט פאר אין עפענטליכען לעבען, ווארום עס איז ווירקליך ניטא קיין זאך וואס זאל דירעקט אדער אינדירעקט ניט באריהרען די אינטערעסען פון דעם ארבייטער.

דאך איז עס פארט מעגליך, אז די אינטערנעשאנאל, אלס אזעלכע, קען ניט צוליעב געוויסע גאנץ וויכטיגע גרינדע אויפנעהמען דעם קאמפף, ווי מיר מיינען, און אויב עס איז אזוי, קען זי אבער אויף אן אנדער אופן פיעל העלפען אין דעם דאזיגען גרויסען קאמפף.

מיט איניגע וואכען צוריק איז אויף א מיטינג פון די פארשטעהער פון פיעלע יוניאנס, ארבייטער ריגג ברענטשעס און אנדערע פארטגעשריטענע ארגאניזאציאנען באשלאסען געווארען צו באשאפען א פאנד פון הונדערט טויזענד דאלאר אום צו קעמפפען מיט דער רעאקציע.

דער דאזיגער פאנד איז ניט צו גרויס, ווען מען נעהמט אין אנבאטראכט, דאס די רעאקציע האט פאר איהר טעטיגקייט אונצעהליגע מיליאנען און די מאכט, די גרויסע שרעקליכע מאכט פון דער גאנצער פרעסע. מיט דער הילף פון אט דער לעצטער מאכט ווערט אנגעפיהרט א סיסטעמאטישע פארפעסטונג פון די מוחות פון פאלק. קען די פארטשריטליכע ארבייטער-באוועגונג גאר ניט טאן געגענצואווירקען אט דיזען שרעקליכען גיפט?

זי קען און זי מוז עס טאן. אט פאר דעם צוועק איז באשלאסען געווארען צו באשאפען דעם פאנד. אבער וויפיעל פון אונזערע פארשיעדענע יוניאנס, סיי פון ניו-יארק און סיי פון איבער'ן גאנצען לאנד, האבען עפעס געטאן פאר די באשאפונג פון דעם פאנד?

אזוי פיעל, וויפיעל מיר ווייסען, איז, דאכט זיך, נאך גארנים געטאן געווארען. אומזיסט האבען מיר געזוכט אין די באריכטען פון אונזערע לאקאלס א שפור וועגען אט דער פראגע. זי איז צומאל פון קיינעם ניט אויפגעהויבען געווארען; נאך וועניגער דיסקוטירט געווארען.

דאס טאר ניט אזוי בלייבען. מיר אפעלירען צו דער אינטערנעשאנאל אלס א גאנצע און צו יעדען מיטגליעד פון דער אינטערנעשאנאל צו טאן זייער פליכט, זייער גרויסע פליכט, אין דער אנגעלעגענהייט. דער פאנד פון די הונדערט טויזענד דאלאר מוז געשאפען ווערען, און, ווי דער סעקרעטאר-טרעזשורער פון דער אינטערנעשאנאל, אב. באראף, האט גאנץ ריכטיג ערקלעהרט אויפ'ן מיטינג, קען דער פאנד גלייך ווערען א פאקט, ווען נאר יעדער ארבייטער זאל אריינשיקען איין קוואדער צום טרעזשורער פון דעם פאנד, וועלכער איז ווידער ניט קיין אנדערער ווי ברודער באראף.

פאר דעם אויפטו איז שוין ניט נויטיג קיין באזונדערער מוט, קיין לאנגע בעראטונגען, נאר אביסעלע גוטער ווילען. זיכער, די ארבייטער אין אלגעמיין קענען איצט זיך מעהר פארגינען צו געבען א קוואדער אדער זאגאר א דאלאר פאר אט דעם גרויסען צוועק. זאל זיך זיי דוכטען, אז דער לענדלארד קומט מיט א פאדערונג פון א העכערונג אויף רענט, אז דער קרעמער, דער קליינער פראפיטירער, ווי דער גרויסער, לאזט ארויס זיין גזר דין פון א פרייז-העכערונג אויף אלץ, וואס זיי געברויכען. און אז עס סטייעט אויף דאס אלעס, מוזען די ארבייטער אויך זארגען, אז עס זאל סטייען אויף די באשאפונג פון דיזען וויכטיגען פאנד. דאס געלד, געשאפען אום צו קעמפפען געגען דער פינסטערער רעאקציע, וועט זיכער אין ניוועץ ניט אוועקגעהן.

א גרוס פון דער יוניטי הויז.

ווידער אמאל געווען מיט א באזוך. ליידער א זעהר קורצען, פון בלויז עטליכע שטונדען. און, ווי אונז שיינט, איז די יוניטי-הויז דער איינציגער פלאץ אין דער גאנצער זומער-וועלט, וואו מען פיהלט ניט די אונבארעמהערציגקייט, די רעגענדיגקייט, די אומעטיגקייט פון אונזער איצטיגען זומער. דארט שיינט אימער די זון פון לוסטיגקייט, פון פרעהליכקייט און פון א מעהר וועניגער אלגעמיינער צופריעדענהייט.

וואס אנבאטרעפט די מאטעריעלע זייט פון דער יוניטי-הויז, דערפון איז ניטא פיעל וואס צו ריידען. אלע גיבען צו, אז אין דער הינזיכט איז ניטא גארנים וואס צו קריטיקירען, סיידען אפשר, אז עס איז שוין אביסעלע צו פיעל. נאר אויך די גייסטיגע זייט לאזט איבער וועניג וואס צו ווינשען. זייט מיר זיינען דארט געווען מיט אונזער ערשטען באזוך, איז געשאפען געווארען א היבשע ביבליאטעק פאר עטליכע הונדערט דאלאר, און זאלען נאר די ארבייטער וועלען, קענען זיי שוין קריגען וואס צו לייענען. און אויך די גייסטיג-לוסטיגע זייט ווערט שטארק באפרידיגט. מען קען ווירקליך ניט צופיעל לויבען די ארבייט פון דער טאנץ-לעהרערין אין די טאנץ-קלאסען, וואס ווערען געפיהרט יעדען טאג אין געוויסע שטונדען. פון אייגענער ערפאהרונג קענען מיר פארזיכערען אונזערע לעזער און לעזערינע, אז ניט צו מאכען פארטשריט אין דער טאנץ-קונסט נאך איינינע לעסאנס פון דער פעהיגער לעהרערין — ליידער האבען מיר פארגעסען צו פרעגען ווי זי הייסט — איז אונמעגליך. אויך איז באדייטענדער פארטשריט געמאכט געווארען מיט די ענטערטיינמענטס, וועלכע ווערען פאראנשטאלט יעדען אווענד. און דער כאראקטעריסטישער שטריך פון וועלכע איז, דאס זיי ווערען אויסגעפיהרט פון אלץ „היימישע“ טאלאנטען. אבער דאך פארשטעהען זיי עס גאנץ גוט צו האלטען דעם עולם שטארק פאראינטערעסירט שטונדען-לאנג.

גליקליכע זומער - איינוואוינער פון יוניטי-הויז! איהר ווייסט נאר נים, ווי עס לאנגווייל'ען זיך די מייסטע אין דער קאנטרי אין די טעג פון רעגען און ווינד. ווען מען מוז זיצען אין שטוב און אנקוקען דעם וואלד מיט די רוישענדע ביימער פון דער ווייטענס!

די צרות פון די ערימע פאסען פארמעט-
רען זיך. „פאני דערוססיא א או הלאפ-
סא זובי טרעסטשאט" (די פריצים, דער
פרעזידענט מיט'ן קאנגרעס, קריעגען זיך
און דאס פאלק ליידט). פון דעם וואס
ווילסאן הייסט דעם קאנגרעס האנדלען
און וואס דער קאנגרעס הייסט ווילסאנען
האנדלען קומט קיין הילף ניט. און קיין
גרויסע הילף וועט אויך ניט קומען פון
דעם, וואס מען וועט פארקויפען צום
פאלק פאר קאסט-פרייז די פון דער
מלחמה איבערגעבליבענע ארמעע שפייז
לאגערען. עס וועט זיין קוים גענוג אויף
איין צאהן פאר'ן פאלק, און מעגען די
ציימונגען טאראראמעווען וועגען דעם
וויפיעל זיי ווילען, אפכארען מיט די פאר
פונט בייקאן און עטליכע פונט מעהל
און רייז וועלען זיי דעם עולם מעהר ניט
קענען.

אין אלגעמיין איז די לאגע יעצט אזא:
דער שרעק פאר דער גרויסער פאלקס-
אונצופריעדענהייט האט אויפגעוועקט סיי
דעם פרעזידענט, סיי דעם קאנגרעס, סיי
די פרעסע. מען וועט אנהויבען צו ריי-
דען און זוכען מיטלען, ווי דעם יקרות
אפצושוואכען, מען וועט נעהמען זוכען
די פאקטען, וועלכע האבען געבראכט צום
שווינדעליכען יקרות און די שולדיגע פון
יקרות, און מען האפט, אז דורך די רייד
און דעם געפילדער וועט מען איינשמוע-
סען דעם עולם, אז מען טוט, און דער
עולם וועט זיך בארוהיגען און פארטזע-
צען צו צאהלען די הויכע פרייזען, און...
דאן וועט דער גאנצער שטורם אפשטאר-
בען און די אלע פארשלעגע און פרומע
וואונשען וועלען איינשלאפען און רוהיג
דרעמלען אין די אונטערזוכונגס-קאמי-
טעט. אזוי האט זיך ביז יעצט אין אזוי-
נע פעלע געפיהרט און אזוי האפט מען
וועט זיך ווייטער פיהרען.

איך דענק אבער, אז דעם מאל מאכען
אונזערע פיהרער און רעגירער א טעות
אין פשט. מען טראגט די נאסילקע אזוי
לאנג צום ברונעם, ביז זי ווערט צו-
בראכען". און אצינד איז די לאגע אזא,
אז מען וועט מעהר מיט רייד ניט אפ-
קומען און מיט פרומע וואונשען וועט
מען זיך מעהר ניט קענען באגרענעצען.
א טייל אייזענבאהן שאפ ארבייטער פון
לאנד זיינען ארוים אין סטרייק איבער
די קעפ פון זייערע פיהרער, פאדערענ-
דיג העכערע ווידזשעס, און די פיהרער
זייערע האבען זיך אונטערגעגעבען און
האבען ערקלעהרט אין א קאנפערענץ מיט
דירעקטאר דזשענעראל האינס, פון דער
אייזענבאהן אדמיניסטראציע, דאס אויב
די פאדערונגען פאר העכערע ווידזשעס
וועט ביז דעם צווייטען סעפטעמבער ניט
נאכגעגעבען ווערען, וועלען אלע אייזענ-
באהן שאפ ארבייטער פון גאנצען לאנד
ארוים אין סטרייק.

און ס'איז קיין צווייפעל ניט, אז די
האנדלונג פון די אייזענבאהן שאפ-אר-
בייטער וועט נאכגעטאן ווערען פון אנ-
דערע ארבייטער, און דאס איז גאר ניט
אזא געשמאקער ביסען צו צוקייען.

און אחוץ די ארבייטער איז פאראן
נאך א קלאס און א גאנץ שטארקער, וועל-
כער איז אצינד זיכער אונצופרידען און
ליידט אם מייסטען פון יקרות. דאס איז
דער סאלארי קריגענדער קלאס אין אל-
געמיין. דאס זיינען די פארשיעדענע
קלוירקס, בוכהאלטערס, אפיס אנגע-
שטעלטע, רעגירונגס בעאמטע, אינשור-
ענס- און אנדערע אגענטען, ציימונגס-
שרייבער, לעהרער און הונדערטע טויזענ-
דע אנדערע פראפעסיאנעלע מענשען. אין
דער צייט, ווען די ארבייטער האבען נאך
וויפיעל ניט איז ארויפגעדרייט זייערע
ווידזשעס און קענען דאך ניט בייקומען
דעם מורא'דיגען יקרות, האבען זיי אלע
ענטוועדער גאר קיין רעיז ניט געקראגען
אדער געקראגען זעהר א קליינעם רייז,
וואס האט קיין שום באדייטונג ניט פאר
דער יעצטיגער לאגע. פאר דער אונצו-
פריעדענהייט פון דיעזען קלאס מעגען
שרעקען זיך אונזערע פיהרער אויך זעהר
שטארק, וואלום אבוואהל די מייסטע פון
זיי זיינען ניט זעהר רעוואלוציאנער גע-
שטימט, קען אבער די נויט ברעכען אייז-
זען און... מאכען זיי פאר שונאים פון
דער יעצטיגער געזעלשאפט וואלט זיך
אונזערע פיהרער שטארק ניט וועלען...

מעגליך, אז דאס אלעס, צוזאמען מיט
דעם שרעק פאר דער אונגעווינשטער
נייעס פון דער וועלט, וועלכע רייסט זיך,
ניט קוקענדיג אויף אלע צענזורען, אריין
ביי אונז אין לאנד, וועט צווינגען דעם
קאנגרעס און די רעגירונג אין אלגעמיין
די לאגע צו נעהמען פיעל ערנסטער, ווי
זיי וואלטען עס געוואלט, און עפעס טאן.

אמת, דאס וועט וואהרשיינליך זיין
א לאטע אויף א לאטע, אבער די שווערע
לאגע וועט אזוי צו אזוי דאך מוזען גע-
לינדערט ווערען, אנים גאט ווייס וואס
ס'קען דערפון ארויסקומען, און זיך פאר-
לאזען אויף גאט — דאס האבען הייג-
טיגע צייטען די פרומסטע פון די פרומע
שוין מורא...

פערזענטירען די טשערליידי.

די טשערליידי פון אורואת ווייסט
קא., 22 ון. 26טע סט., מיט פעני רעז-
ניק, איז פרעזענטירט געווארען פון די
ארבייטער פון דעם שאפ מיט א „בידער
בענ" פאר איהר יוניאן טעטיגקייט. די
טשערליידי באדאנקט די ארבייטער פון
דעם שאפ פאר די פריינדליכקייט וואס
זיי האבען איהר ארויסגעוויזען.

אפטייקערשע געשעפטען

(הומארעסקע)

פון ל. שטיינבערג.

(שלוס פון לעצטער וואך)

ווי אויף הייסע קויהלען, ברענענדיג
פון אונגעדולד, ווארט גאלדמאן, ער
שפאציערט זיך דורך א פאר מאהל אי-
בער'ן אפטייק, ס'זאל ניט אויסזעהען אז
ער איז אזוי פארברענט נאך דעם לייזונג
ער פרואווט טרעפען אין געדאנק, וויפיעל,
למשל האט זי געבראכט. מסתמא, צוויי
און אפשר טאקע דריי רעצעפטען, ס'זאל
זיך נור ניט אויסלאזען עפעס קיין בוידים
פון דעם גאנצען זוכעניש, עפעס געדויערט
דער עסק זעהר לאנג, פיעלייכט וויל זי
גאר אז ער זאל איהר שרייבען א רוסישען
בריעף מיט א פאר אדרעסען — בליצט
איהם אויף א געדאנק פון וועלכען ער
ווערט א פערציטערטער — צו די הייגטיגע
געשעפטען וואלט אזא עסק געפאסט ווי
צים רומעל, ער כאפט בגנבה א קוק פון
הינטען ארום, וואס הערט זיך? ענדליך
געפונען מיט מזל. די אידענע שלעפט
ארוים צוויי צונויפגעקנייטשטע פאר-
שמאלצעוועטע פאפיערלעך קענטיג, אז
זי האלט זיי שוין פון א לאנגער צייט,
בעטראכט זיי גוט און איבערצייגענדיג
זיך אז דאס זיינען זיי, דערלאנגט זי זיי
איהם. גאלדמאן גיט פיבעריש א כאפ
ביידע רעצעפטען נעהמט זיך ליינען הויך
אויף א קול „נאטריאם בראומאם רא-
דיאם ביקארבאנאטאם." אזא געוואהנהייט
איז שוין ביי איהם פון אלע יאהרען צו
ליינען אין דער הויך דעם רעצעפט פאר
דעם פאציענט אין די אויגען; הפנים, אז
יענער זאל זיך צוטומלען און פארגעסען
צו פרעגען דעם פרייז און זיך ניט דינ-
גען; און, מערקווירדיג, אלע רעצעפטען
הויבט ער אהן ליינען מיט דעם זעלבען
נוסח, כאטש די ארטיקלען זיינען גאר
אין רעצעפט נישט פארשריעבען ס'איז
גאר אפילו פון זיי קיין זכר ניטא דאר-
טען.

— צו וואס פאר א שלאפקייט, א
שטיינער, זיינען די מעדיצינען, דענקט
איהר? — שטעלט איהם די אידענע אפ,
זעהענדיג אז ער איז שוין פארטיג מיט'ן
איבערליינען און גרייט זיך שוין צו געהן
זיי מאכען. גאלדמאן בלייבט שטעהן אין
פערלעגענהייט, קוקט א צומישטער דא
אויף דער אידענע, דא אויף די רעצעפטען,
און ווייס ניט וואס פאר אן עצה זיך צו
געבען, כאטש ער איז אן אלטער אפטיי-
קער און ווייסט כמעט אלע מעדיצינען,
פאר וואס פאר איין שלאפקייט זיי ווע-
רען געגעבען, אבער דאך האט ער מורא
צו ריזיקירען, ווייל ווי בעוואוסט קען איין
און דיעזעלבע מעדיצין העלפען אדער
ריכטיגער, ניט העלפען צו א סך שלאפ-
קייטען, הייגט געה זיי א נביא און טרעף
וואס פאר א קראנקהייט די אידענע האט,
איז גאלדמאן ווייסט שוין פון פראקטיקע,
אז די בעסטע זאך איז זיך ארויסצודרעהען
און ניט זאגען, ווארים מ'קען אריינפא-
לען און ניט טרעפען. דאמאלס פארלירט
דער חולה דעם צוטרויען, וואס פאר איין
אפטייקער איז ער, אז ער ווייסט אפילו
ניט צו וואס פאר איין שלאפקייט די
מעדיצינען זיינען? געהן שוין די רעצעפ-
טען קאפוט דאס איז נומער איינס, צוויי-
טענס איז דא א געפאהר צו קריגען דעם
דאקטאר פאר א שונא, ער האט געשטו-
דירט, געלערנט און עקזאמינירט — דעם
חולה און געפינט אויס אז דער פאציענט
ליידעט פון אזא און אזא קראנקהייט,
קומט איין אפטייקערל און זאגט גאר
עפעס אנדערש דאס איז דאך א חוצפה
ארייננשטעקען די נאז אין זיינע געשעפטען.

— וואס האט איהר מורא צו זאגען, ס'איז
דען, חלילה, אזא געפעהרליכע קרענק —
דערשרעקט זיך די אידענע אויף טוידט
— זעהענדיג, ווי גאלדמאן ישוב'ט זיך,
שלאגט זיך עפעס מיט דער דעה.

— קיין געפאהר, מיין ליעבע פרוי —
בערוהיגט ער זי — און נעהמט מיט איהר
רעדען דייטש, די מעדיצינען זיינען צו
קרעפטיגען די נערווען, דעם מאגען און
רייניגען די בלוטען.

— און פאר די רומאטעס האט ער
גאר ניט פארשריעבען — חידוש'ט זי
זיך — דאס איז דאך מיין גאנצע קרענק,
ווי געפעלט אייך אזא עסק? כ'האב אבער
געזאגט מיין מאן אז ס'איז אומזיסט
ארויסגעווארפען דער גאנג, וואס וויים,
אומשטיינס געזאגט, א פראיין דאקטאר.

— געווים פאר רומאטיזם איז דא אויך
פארשריעבען — כאפט זיך גאלדמאן צו
פארריכטען דעם טעות, זעהענדיג אז ער
איז דא מיאוס אריינגעפאלען. נאך דער
אידענעס פנים, איהר מינע דערקענט ער,
אז ס'האלט שמאל מיט די רעצעפטען;
ער באמיהט זיך מיט אלע כחות איהר
איבערצייגען, אז ס'איז קיין שום אונ-
טערשיעד ניט צווישען א פראיין דאק-
טאר און דעם גרעסטען פראפעסאר, אלע
זיינען זיי גלייך, אלע לערנען זיי פון איין
בוך; מעהר ניט יענער האט מעהר מזל
ווייטער גאר נישט, וועלען מיר הייסט דאס
מאכען די מעדיצינען אה? — פרעגט
ער מיט א אונזיכערען טאן.

— וויפיעל א שטייגער וועט מיך
קאסטען דער פארגעניגען מיינער? אינ-
טערעסירט זי זיך צו וויסען דעם פרייז.

— פון צעהן דאלאר וועט איהר קרי-
גען רעשטע. — וויצעלט ער זיך.

— ניין! אהן שפאס וויפיעל?

— א דאלאר מיט א קווארטער — ענט-
פערט גאלדמאן — און ציהט ארויף איין
ערנסטע מינע אויפ'ן פנים.

— א טאלער מיט א קווארטער פאר א
פוידער מיט א שטיקעל שמירעכץ? וואס
רעדט איהר?

— גאט איז מיט אייך, כ'האב גע-
מיינט א האלבען דאלאר, ס'איז דען פון
א פראפעסאר וואס? פון א יונג דאק-
טאריל א שטיקעל מעדיצין, זאל קאסטען
אזוי טייער? מאכט עס ביליגער — דינגט
זיך די אידענע.

— דאס איז מיין פרייז א סענט ניט
ווייניגער — האלט ער זיך איין מיט אלע
כחות ניט ארויסצוגעהן פון געדולד. ער
נעהמט איהר ערקלעהרען אז מעדיצינען
זיינען היינט מיט גאלד גלייך, איין זאך
פון איהר רעצעפט איז איין אימפארטיר-
טע ס'קומט אזש פון דייטשלאנד. דאס
איז איינס, צווייטענס, האט זי ניט איין
פוידער נור פיער און צוואנציג פראשקעס,
איהר באדארפט נעהמען א פראשעק דריי
מאהל אין טאג אין א ביסעל מילך, די
צווייטע מעדיצין איז א „לינימענט", א
איינרייבעכץ צוויי מאהל אין טאג איינ-
רייבען אין דער פריה און בעפאר דעם
שלאפען געהן, אין מיין אפטייק פאר-
שטעהט איהר, קריעגט מען די ריכטיגע
מעדיצין נישט קיין ביסעל וואסער — גיט
ער איהר אנצוהערען אז ערגיץ אנדערש
קען מען איהר פעלשעווען די מעדיצינען.

— וואס דערצעהלט איהר מיר „לי-
נימענט, שמינימענט" — לאזט זיך די
אידענע ניט איינרעדען — גיט מיר צוריק
די „פייפערלעך", איהר זיינט א צו טייע-
רער איד פאר מיר. בא אייך איז אלצדינג
מיט גאלד גלייך, ס'איז טאקע די אמת'ע
אפטייק וואס מ'פרעגט אויף איהר.

— די רעצעפטען צוריק קריעגט איהר
ניט — ווערט גאלדמאן אן אנגעצונדענער
פון כעס און צושרייט זיך הויך אויף א
קול שוין דוקא אין פשוט אידיש, האסטו
געהערט איין אקט פון א שלעפערישע אי-
דענע! קומט צו געהן און הרג'עט מיר
אוועק די צייט אומזיסט און אומנישט און
דערנאך גיב איהר ערשט די רעצעפטען צו-
ריק. איהר וועט זיי דאמאלס קריגען ווען
אט דא וועט וואקסען האר זעהט איהר! —
ווייזט ער איהר אן אויף דער דלאניע.

— האלט אייך מיט דער מציאה און
פארנוצט זי געזונטערהייט — ענטפערט
די אידענע געלאסען נישט איבער גע'רעשט
— ס'ארא גרויסער באטרעף האט בא
מיר א פראיין-דאקטארס מעדיצינען,
כ'האב סיי ווי סיי אפילו אין זינען ניט
געהאט זיי צו מאכען. כ'בין גלאט געקו-
מען אויסצוגעפינען אויף א צוקאוועס,
צי האט ער געטראפען וואס מיין שלאפ-
קייט איז. זאל אייך דער מסחור וואויל
באקומען כ'פארגין אייך מיט'ן גאנצען
הארצען, חא! חא! חא! צולאכט זי זיך
מיט א גיפטיגען געלעכטער און כאפט
דאס קאשיקעל מיט די פעקלעך, גיט א
פראל מיט דער טיר און ווערט פאר-
שוואונדען.

גאלדמאן בלייבט שטעהן, ווי מ'וואלט
איהם אפגעגאסען מיט א שעפעל קאלטע
וואסער. דאס פנים פארפלאמט און צו-
קרימט אין א זויערע גרימאסע; ס'כאפט
דעם אנבליק ווי מ'האט דאס ערשט
אויסגעפאטשט. מיט אויגען רויט פאר-
לאפענע פון בלוט וואס שפריצען פונקען
פייער, נעמט ער האסטיג שפאנען הין און
צוריק ווי א פערשפארטע חיה אין א
שטייג בורטשעט אלע מאהל ארוים אפאר
געריסענע אונפארשטענדליכע פראזען
שטעלט זיך פלוצים אפ און גיט א רציחה'-
דיגען שפיי. אז טפוי זאלען זיי ווערען!
„אפטייקערשע געשעפטען."

געווען א בעזדיעטניק, פונדעסטוועגען האט
ער גענומען אויף זיך די שווערע לאסט צו
זיין „דער פאטער פון פאטערלאנד".

און פון אזא מענשען מעג מען אמאל
ליידען. אבער ווער איז געווען מאנרא, און
וואס האט ער אויפגעטאן, אז מען זאל דיר
דערגעהן די יאהרען מיט דער „מאנרא דאק-
טרין"?

טאן, וואס איז אויסגעשפריים מיט בלוטען.
און דאס איז די אורזאך, פארוואס איך פאר-
גיס אפט א טרעהר אויף ווילסאן'ס גורל.

און צי ביי א קעניגליכען באנקעט אין
לאנדאן, צי ביי דער שלום-קאנפערענץ אין
ווערסאיל, צי אין „ווייסען הויז" אין וואש-
ינגטאן, צי אין סענאט ביים פארהאנדלען
דעם שלום-אפמאך, צי ביים קאמף פאר דער נא-
ציאנען-ליגע, שרייבט א געהיימניספולע האנט
מיט פייערדיגע בוכשטאבען אויף דער וואנד
די ווערטער: מאנרא דאקטרין.

די „מאנרא דאקטרין" און די „ענטענג-
לינג עליוענסעס", וואשינגטאן'ס ירושה און
מאנרא'ס ירושה. וואשינגטאן'ס שאטען און
מאנרא'ס קבר... אט דאס איז די טראגעדיע.

אט איז די קללה פון קברים. אט דאס איז
די קראפט פון די טויטע.

זאג איך דעריבער: גרויס איז ווילסאן,
מעכטיג איז ווילסאן, גליקליך איז ווילסאן.
אבער טויטע שאטענס פארשטעלען זיין זון.
טויטע הענט גיסען גיפט אין זיין וויין-בע-
כער. און טויטע שטימען דערשטיקען דעם כאר
וואס זינגט ווילסאן'ס גרויסקייט.

און דאס איז א טראגעדיע, פריינד מיי-
נער! און דערפאר, ווי איהר זעהט, האט איהר
זיך אומזיסט געשראקען, אז איך וועל, חלילה,
קריטיקירען ווילסאן'ען און אונטערפאלען
אונטער דער שוואבער האנט פון דעם שפיאָ-
נאזש-געזעץ. איך סימפאטיזיר און איך האב
רחמנות. און איך אליין בין גרייט צו געהן
אויף די היסטארישע קברים פון וואשינגטאן
און מאנרא, אפכאפען די מצבות, זיי טרייסלען
מיט כעס און קריצען מיט די ציינער: נאט
איך ענטענגלינג עליוענסעס!... נאט איך
דאקטרינען!... נאט איך...

גרימער ווילסאן!

True translation filed with the Postmaster at New York City on Aug. 22, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

מענה איך: וואס איז אייגענטליך די
„מאנרא דאקטרין" לויט דער אויסטיי-
טשונג פון וואל סטריט און פון דער
„טיימס"? דאס איז א כלל אזא, אז די
הימלען באלאנגען צו גאט, די ערד צו די,
וואס זיינען בכח זי צו פארכאפען, די אויל-
פעלדער צו ראקאפעלער'ן, די שטערען צו די
פארליעבטע, דאס גליק צו נאראנים און
אמעריקא — צו די אמעריקאנער. אין
פשוטע ווערטער הייסט עס: קיין אייראָ-
פעאישע מאכט טאר ניט אריינשטעלען קיין
פוס אין אמעריקא. און אויב ווילא, למשל,
האט חשק צו שיסען א פאר אויסלענדער,
זיינען מיר, אמעריקאנער בילכער. און אויב
מען דארף באשיצען דעם אויסלענדישען קא-
פיטאל אין מעקסיקא, דארפען דערביי בע-
שאסען ווערען נאר אמעריקאנער סאלדאטען.
ענגלישע סאלדאטען, למשל, טארען ניט האבען
די זכית, כאטש עס האנדעלט זיך דא וועגען
ענגלישען קאפיטאל פונקט ווי וועגען אמערי-
קאנישען.

און דאס איז די „מאנרא דאקטרין" לויט
געוויסע אויסטייטשונגען. און דאס איז די
איינציגע ירושה, וואס מאנרא האט אונז אי-
בערגעלאזט. און דאס איז דער שרעקליכסטער
דאבן אויפ'ן וועג פון דעם גליקליכען וויל-

זיי באטראכטען פאר ניצליכקייט א מאָרגאַן, מיט א קאַרנעגיע, און פון דעם האָט איהר אזא ערשיינונג ווי די סיוויק פעדערישאָן. פון דעם איז אויך געקומען די גאנצע פארקעהרטע שטעלונג פון דער פעדערישאָן צו דער סאָציאַליסטישע פארטיי אין דער פראגע פון קריעג. די פעדעריישאָן האָט באטראכט דעם קריעג ניט פון קיין קלאסען שטאנדפונקט נאָר פון דעם שטאנדפונקט פון דעם אַלגעמיינעם בירגער. דער סאָציאַליסט האָט באטראכט דעם קריעג פון דעם שטאנדפונקט פון קלאסען קאמף און האָט אין דעם קריעג געזעהען ניט קיין אנדער זאך.

דאָס אַלעס אָבער מאכט בשום אופן ניט אונמעגליך פאַר די וועלכע דענקען אזוי, צו פיהלען אין תוך געגומען אמת סאָציאַליסטיש. געוויס, דער סאָציאַליזם פון אזעלכע מענשען איז ניט דער זאָגענאנטער וויסענשאפטליכער סאָציאַליזם, ניט דער מארקסיזם. אָבער דער מארקסיזם האָט ווירקליך ניט קיין מאָנאָפּאָל אויף א סאָציאַליסטישען ארט דענקען און פיהלען. עס זיינען געווען גוטע סאָציאַליסטען פאר מארקס'ען, און עס זיינען דאָ זעהר גוטע סאָציאַליסטען נאָך מארקס'ען, און וועלכע שרייבען זיך גאָר ניט אונטער אונטער אַלע זיינע אויספיהרונגען און דאָקטרינען.

דאָס, ווי מיר שיינט, איז דער תירוץ אויף דעם ווידער־שפרוך, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגען. אָבער עס קען אויך זיין, אז די בעסטע קעפּ אין דער פעדערייישאָן האָבען דערפיהלט, אז אין דער איצטיגער צייט פון אַלגעמיינער איבערקעהרעניש, פון אן אַלגעמיינעם דראנג וואָלט עס געווען פשוטער זעלבסטמאָרד צו פארשפארען טיר און טויער געגען יעדען סאָציאַליסטישען געדאנק. און דערפאַר, צי מיט'ן גוטען ווילען, צי ניט, מאַלעריערען זיי שוין ביז צו א געוויסען גראד דעם אריינדרינגענדען פון פארשידענע פּלענער, פארשלעגע און טעאָריען, וועלכע, ווען מען זאָל זיי נאָר אביסעלע גרינדליכער צוגלידערען, וועלען זיי זיך ארויסווייזען פונקט דער געגענזאץ פון דעם, וואָס איז ביז איצט געווען דער פונדאמענט פון דער פעדערייישאָן. דאָס מיינט צו זאָגען, אז דער גייסט פון דער צייט דרינגט אויך אריין דורך די וואנד פון דער פעדעריישאָן, און ווען עס קומט נאָר די ריכטיגע געלעגענהייט ווערט ער באַגריסט מיט אזא באגייסטערונג, אזוי ווי קיינמאָל וואָלט אין דער פעדעריישאָן נאָר קיין אנדער גייסט ניט געהערשט.

די הויכע פרייזען פון לעבענס-מיטלען

פון ליליפוט

אז די לעבענס־מיטלען זיינען יעצט בראַנד־טייער, דאַרף איך אייך ניט דערצעהלען. ווער ווייס עס דען יעצט ניט? ווער פיהלט עס ניט אויף זיך אַליין? צו איהר פאַרדיענט דרייסיג צו זעכציג דאָלאַר א וואָך — איהר מוזט זיך איינשרינקען און קענט צוליעב טייערקייט ניט לעבען, ווי איהר האָט געלעבט ביז אהער.

דער דאָלאַר איז יעצט א דריטעל דאָלאַר און אפשר נאָך ווייניגער. אַלץ קאָסט בראַנד־טייער און צו וואָס איהר ריהרט זיך צו, בעט מען ביי אייך מיט גאָלד צוגלייך.

אָבער די לאַגע איז ניט פון היינט אזא. די שווינדעליכע פרייזען פון לעבענס־מיטלען פון רענט, פון קליידער, פון שיך, פון קויהלען און אזוי ווייטער האַלטען שוין אָן און האַלטען אין איין שטייגען פאַר די לעצטע מאָנאַטען און מאָנאַטען. איהר ווייסט און איך ווייס עס און עס וואָלט איבעריג געווען צו רעדען וועגען דעם, ווען מען וואָלט סיי אין וואשינגטאָן סיי אין דער פרעסע ניט אָנגעמאכט אין דער לעצטער צייט אזא מאַראַראַם וועגען דעם.

נאָך די צייטונגען נאָך (די קאַפּיטאַליסטישע, פארשטעהט זיך) צו אורטיילען ווייזט־אויס, אז ביז איצט איז געווען גוט און וואויל, נאָר מיט א מאָל איז געוואָרען ערגער ווי שלעכט. דער פּרעזידענט אונזערער האָט געבעטען דעם קאָנגרעס ניט צו נעהמען קיין וואַקיישאָן און אנהויבען אן אונטערזוכונג און זיך נעהמען צום שאַפען געזעצט די הויכע פרייזען אויף לעבענס־מיטלען ארונטערצושניידען און צו שאַפען אַזעלכע אומשטענדען, אז עס זאָל מעגליך זיין צו לעבען.

און דער קאָנגרעס, דאָס הייסט אונזערע קאָנגרעס לייט און סענאַטאָרען האָבען א שטיק צייט דיפּלאָמאַטיש געשוויגען און געלאָזען דעם פּרעזידענט און די ארומיגע זיך אויסריידען און אויסטענה'ן און זיינען ענדליך ארויס מיט אַן ערקלעהרונג, אז זיי — זיי זיינען נעבעך אויסגעמאַטערט פון דער שווערער אַרבייט און ווילען זיך אָפּרוהען און וואָס איז שייך דעם יקרות, די הויכע פרייזען אויף לעבענס־מיטלען, וועל — זאָל זיך דער פּרעזידענט וועגען דעם זאָרגען. זיי זאָגען, אַז ער האָט די מאכט דערצו, די מלחמה־געזעצע זיינען נאָך ניט אָפּגעשאַפט געוואָרען און אז ער מעג האַנדלען.

און עס קומט מיר אויס, ווי יענע צוויי דאָקטוירים, וועלכע האָבען זיך געשטריטען וועגען דעם ווער עס זאָל מאַכען די אָפּעראַציע איבער'ן קראַנקען און זיי האָבען זיך אזוי לאַנג ארומגעשטריטען ביז דער קראַנקער איז אוועקגעשטאָרבען, און זיי האָבען ביידע זייער ארבייט פארשפּאָרט... אמת, אין דיעזען פאַל וועט דער קראַנקער ניט אוועקשטאַרבען, אָבער מיט א גאַנצע פאָלק קען מען זיך ניט חכמ'ען. און פאַר דיעזען „אָבער" האָט טאַקע דער פּרעזידענט אונזערער אזוי מורא און דערפאַר האָט ער עס אזוי שטאַרק אויפגעפאָדערט דעם קאָנגרעס צו האַנדלען. דאָס פאָלק ווערט אונרוהיג. עס הויבט זיך אָן צו ברוגז'ן, און אז א פאָלק ווערט אין כעס, דאַן... דאַן איז שלעכט פאַר די פיהרער און מאַן־געבער...

און אז דאָס פאָלק איז שטאַרק ברוגז, באַווייזען די ארויסטרעטונגען פון אַזוינע פאַרהעלטניסמעסיג קאָנסערוואַטיווע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען, ווי די אייזענבאַהן ארבייטער בראָדערהודס.

נאָך די ארויסטרעטונגען פון וויליאם לי, דעם פּרעזידענט פון די בראָדערהוד אָוו טריינמען, און האָמער קאַמינגס, האָט דער פּרעזידענט אָנגעהויבען צו רעדען און די מייסטע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, וועלכע האָבען ביז יעצט דעם יקרות „ניט געזעהן", זיינען ארויס מיט עדיטאָריעלס ווי „האַלט אָפּ די פּראָפיטירס!" „א ווירקליך שוידערליכער צושטאַנד אין דער שפּייז־לאַגע" און אזוי ווייטער.

סיי קאַמינגס, סיי לי סטראַשען מיט טראָבעל. דאָס פאָלק וועט זיך א הויב טאָן און וועט נעהמען פאָדערען און קעמפען פאַר זיין רעכט צו לעבען, און דאָס אין אזא צייט, ווען מיר... האַלטען ביים ערינגען צו מאַכען די וועלט זיכער פאַר דעמאָקראַטיע... ניין, ס'איז פאַר אונזערע פיהרער און רעגירער קלאָר געוואָרען, אז ס'איז גאָר קיין שפּאַס ניט, אז דער עולם מיינט עס ערנסט.

ביז יעצט, ווען דער יקרות איז געוואָרען שאַרפער, האָבען די ארבייטער פון פארשידענע טריידס אָנגעהויבען צו פאָדערען העכערע וויידזשעס און איידער זיי האָבען נאָך באַוויזען די העכערע וויידזשעס צו קריגען זיינען די פרייזען אויף פארשידענע לעבענס־מיטלען ארטיקלען טייערער געוואָרען. די ארבייטער, וואָס האָבען אָבער א קליינעם פּראָצענט אויף זייערע וויידזשעס געקראָגען געהעכערט, האָבען זיך צופריעדען געשטעלט און די זאַך איז איינגעשלאָפען. איצט האָבען שוין אָבער בלינדע אָנגעהויבען זעהעניג ווערען און אַזאַ ארבייטער־פיהרער ווי לי זאָגט שוין, אז די ארבייטער וועלען זיך ניט צופריעדען שטעלען מיט העכערע וויידזשעס, ווייל אפילו העכערע וויידזשעס קענען אַצינד ניט שאַפען ריעלע נויטווענדיגקייטען ווי די קלענערע אַמאָל. מיט מעהר געלד קען מען איצט קויפען פיעל וועניגער שפּייז, פיעל וועניגער שיך און האָבען א פיעל ערגערע דירה צו וואוינען ווי אַמאָל. פּרעזידענט לי צוזאַמען מיט די איבעריגע פּרעזידענטען און בעאַמטע פון די אייזענבאַהן־ארבייטער פארזוכען דאַרום פיעל ראַדיקאַלערע מיטלען. זיי פאָדערען די נאַציאָנאַליזירונג פון די אייזענבאַהנען מיט א פאַרטרעטערשאַפט פון די ארבייטער אין דער פאַרוואַלטונג, און ווייזען אויף, אז דאַמאָלסט וועט די אויפהאַלטונג און אָנפיהרונג פון די אייזענבאַהנען פיעל ביליגער ווערען, און ווען די טראַנספּאָרטאַציאָן וועט ביליגער ווערען, וועלען אויך די לעבענס־מיטלען ביליגער ווערען.

און די דעמאָקראַטען, וועלכע זיינען יעצט אין דער נאַציאָנאַלער געזעצ־געבענדער קערפּערשאַפט אין דער מינדערהייט, האָבען דיעזע פאָדערונג אויפגעכאַפּט ווי אַן אבן טוב און האָבען גלייך אריינגעבראַכט אין קאָנגרעס א געזעצ־פּראָיעקט וועגען דעם. וואָס אַרט עס זיי? אי זיי וועלען פיינע מענשען בלייבען אי זיי וועלען פּאָליטישען קאַפּיטאַל געווינען. זיי ווייסען דאָך, אז זיי קענען דעם געזעץ ניט דורכפיהרען איצטערט, ווייל די רעפּובליקאַנער — די פאַרטרעטער פון גרויס־קאַפּיטאַל, וועלכע קאָנטראָלירען די געזעצגעבענדע מאַשין, וועלען דאָס ניט צולאָזען, און פאַר'ן עולם וועלען זיי יעצט, אזוי נאָהענט צו די עלעקשאָנס, גוטע פריינד פון די מאַסען ווערען.

אָבער ווען די אייזענבאַהנען זאָלען שוין נאַציאָנאַליזירט ווערען און דער פּלאַן פון די אייזענבאַהן־בראָדערהודס זאָל דורכגעפיהרט ווערען, וועט שוין דערמיט די גאולה קומען? ס'הויבט זיך ניט אָן. ווען אַלע אינדוסטריען זאָלען ארויסגענומען ווערען פון די הענד פון די פּראָפיטירס, פון די קאַפּיטאַליסטען — דאַן איז אַנדערש. אָבער וועגען דעם וואַגען נאָך אפילו די פּרעזידענטען פון די אייזענבאַהן־בראָדערהודס ניט צו חלום'ען...

און דערווייל וועט דער יקרות אַלץ גרעסער און די דירות אַלץ טייערער און

ווילסאָן, נעבאָך!

(פעליעטאָן.)

פון א. וואַהלינער

ווילסאָן!

איך ווייס: עס איז א געפעהרליכע טעמאַ. און איך זעה מיט מיין גייסטיגען אויג: דער רעדאַקטאָר באמערקט די איבערשריפט „ווילסאָן" און ווערט בלאַס. און דער מענעדזשער פארמאַכט די אויגען פאַר מורא און זעהט פאַר זיך די דראָהענדע געשטאַלט פון פּאָסטמייסטער בורלסאָן. און דאָס שפּיאָנאַזש־געזעץ שטעלט זיך פאַר יעדען אָוועק ווי א בלוטיגע וואָרנונג.

ווילסאָן!... אָבער איך וויל ניט קריטיקירען און וויל ניט ווידערשפּעניגען. איך האָב אַליין פיינט צו קריכען מיט א געזונטען קאָפּ אין א קראַנקען בעט און האָב קיין חשק ניט אַנדערע אריינצושלעפּען אין א צרה. און דערצו האַלט איך טאַקע פון ווילסאָנ'ען. און — פאַרקעהרט: אָפט פארגיס איך אויף איהם א טרער פון סימפּאַטיע און מייסטענס פיהל איך צו איהם רחמנות.

און דעריבער אָהן מורא: ווילסאָן.

איך זאָג: ער איז זיכער געבאָרען געוואָרען אין א זיידענעם העמדעל; זיין לעבענס־וועג איז אויסגעשפּרייט מיט בלומען און מיט „פערצעהן פּונקטען" און זיין אומשטערבליכקייט איז געזיכערט.

אָבער האָט איהר געזעהן א רויז אָהן דערנער, א בעכער וויין אָהן א טראָפּען גיפט, א זון אָהן פלעקען און דעם גליקליכסטען מענשען אָהן צרות?

און ווילסאָנ'ס אומגליק איז: וואַשינגטאָן! דזשאָרדזש וואשינגטאָן — אָט דער וואָס הייסט דער „פאָטער פון זיין פאָטערלאַנד"; אָט דער, וואָס האָט, ווי מען זאָגט, קיינמאָל קיין ליגען ניט געזאָגט; וואָס האָט געהאַט א ווייב, וועלכע האָט געהייסען מאַרטהאַ, און האָט איבערגעלאָזט א צוואה, אז אַמעריקא זאָל זיך היטען פאַר „ענטענגלינג עליייענסעס".

זאָג איך: ניט מעהר, ווילסאָן איז א רוהיגער מענש. איך, אויף זיין פּלאַץ, וואָלט ארויסגעגעבען א באַפעהל, אַז ווער עס וועט דערמאָנען וואשינגטאָנ'ס נאָמען, זאָל געשיקט ווערען אויפ'ן „עלעקטריק טשער".

און דאָ וועט זיין אָם פּלאַץ אייך צו דערצעהלען די טרויעריגע געשיכטע פון מיינער א באַקאַנטער אידענע און איהרע צוויי מאַנען. און דערצעהלען דערצעהלט זיך די געשיכטע אָט אזוי:

די אידענע האָט געהאַט א ערשטען מאַן און האָט איהם באַגראָבען — גלאַט אזוי. האָט זי גענומען א צווייטען מאַן און האָט איהם אָנגעהויבען באַגראָבען — מיט דער הילף פון'ם ערשטען. ווייל וואָס־פּלעגט זי זאָגען: מאָחל דיר, מיין ערשטער מאַן פּלעגט שוין אַנדערש האַנדלען.... מיין ערשטער מאַן האָט אזוי געמאַכט קידוש... מיין ערשטער מאַן האָט מיך אזוי געקושט... איהר ערשטער מאַן און איהר ערשטער מאַן!

און דער סוף איז געווען, אַז אין איין פינסטערער נאַכט האָט מען דעם צווייטען מאַן — דעם לעבעדיגען — געכאַפּט אויפ'ן בית־עלמין, בעת ער האָט ארויסגעשלעפּט פון קבר דעם ערשטען מאַן — דעם טויטען — האָט מיט כעס געטרייסעלט זיינע ביינער און האָט געבריפעט: „נאַ־דיר א קידוש, נאַ־דיר א קושען זיך, נאַ־דיר א ערשטען מאַן, נאַ...!"

און אזוי וואָלט איך אויף ווילסאָנ'ס פּלאַץ געהאַנדעלט בנוגע צו דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און אפשר אויך צום אַמאָליגען פּרעזידענט מאַנראָ — אויך אַן ערשטער מאַן אַזאַ, וואָס האָט אונז איבערגעלאָזט בירושה א „מאַנראָ דאָקטרין".

ווייל עס איז אזוי:

True translation filed with the Postmaster at New York City on Aug. 22, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

ערקלערט ווילסאָן קריעג דייטשלאַנד, שטעכט מען איהם די אויגען: מאָחלט אייך, וואשינגטאָן איז געווען געגען „פאַרפּלאָנטעררענדע אַליאַנצען" און ער האָט זיך ניט געוואָלט מישען אין אייראָפּעאישע אַנגעלעגענהייטען.

וויל ווילסאָן א נאַציאָנען־ליגע, טענה'ט מען: מאָחל דיר, וואשינגטאָן וואָלט אזא זאַך ניט געטאָן.

שליסט ווילסאָן א באַזונדערען אָפּמאַך מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך, דערמאָנט מען ווידער: וואשינגטאָן און „ענטענגלינג עליייענסעס".

פאָהרט ווילסאָן נאָך אייראָפּאַ, פאַרקרימט זיך דער עולם: סטייטש וואשינגטאָן איז קיינמאָל ניט ארויסגעפאָהרען פון אַמעריקא.

אָדער מען האָט אַזעלכע טענות:

וואשינגטאָן האָט געהאַט א ווייב, וואָס האָט געהייסען מאַרטהאַ, און ווילסאָנ'ס ווייב הייסט ניט מאַרטהאַ.

און וואשינגטאָן האָט קיינמאָל קיין ליגען ניט געזאָגט.

און וואשינגטאָן האָט גענוצט חלב'נע ליכט און האָט געטראָגען „ביפּעגס" און האָט געשריבען מיט גענזענע פעדערן און איז קיינמאָל קיין פּראָפעסאָר ניט געווען און איז געווען א בעזיצער און האָט געטאָן טויזענד און איין זאַכען, וואָס זיינען אומליעב ווי אַלץ, וואָס עס האָט צו טאָן מיט א ערשטען, טויטען מאַן.

און ווען איך וואָלט געווען אויף ווילסאָנ'ס פּלאַץ, וואָלט איך געגאַנגען אויף וואַשינגטאָנ'ס קבר און וואָלט געטאָן דאָסזעלבע, וואָס דער פריהער דערמאָנטער צווייטער מאַן האָט אַמאָל געטאָן.

און איך וואָלט געשיקט אויפ'ן „עלעקטריק טשער" יעדען, וואָס וואָלט דערמאָנט וואשינגטאָנ'ס נאָמען.

און איך וואָלט אין שפּיאָנאַזש־געזעץ אריינגעשטעלט א פּונקט, אַז ווער עס באַזיצט וואשינגטאָנ'ס בילד, איז א באָלשעוויק.

און שפּעטערהיין, אויף מיין געלעגער, וואָלט איך פאַרשאָלטען דעם טאָג, ווען איך און וואשינגטאָן זיינען געבאָרען געוואָרען.

און פונקט אזוי וואָלט איך געהאַנדעלט בנוגע צו פּרעזידענט מאַנראָ. און בנוגע דעם פּרעזידענט מאַנראָ נאָך מיט מעהר רציחה, מיט מעהר פאַרביסענקייט ווי בנוגע דזשאָרדזש וואשינגטאָן.

ווארום וואשינגטאָן איז דאָך געווען אונזער ערשטע ליעבע און די ערשטע ליעבע איז שווער צו פאַרגעסען. און וואשינגטאָן איז געווען א בראַווער, מוטיגער מענש. איהר ווייסט דאָך: ער האָט אַמאָל איבער אַליין — אין באַגלייטונג בלויז פון עטליכע טויזענד סאָלדאַטען — אין א פינסטערער נאַכט „געקראָסט דעם דעלאַווער" בעת דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע. אזוי שטעהט בפירוש אין אַלע שול־ביכלעך. און וואשינגטאָן איז געווען זעהר אַן אָפּפערוויליגער מענש. ווען מען האָט אין אַמעריקא גענומען זוכען א מענשען, וואָס זאָל חשק האָבען אויף אייביג איינצובאַקען צו ווערען אין אַלע אַמעריקאַנער הערצער, האָט וואשינגטאָן קיין מוי גום ניט געטראָכט און האָט וואָלאָנטירט פאַר דעם דאָזיגען פאַראַנטוואָרטליכען „דזשאָב". און כאָטש וואשינגטאָן איז פון דער נאַטור

"בײַם?" חזר׳ט ער איבער. „יא, מײַן פרײַנד. ווען איך בין אלט געווארען 9 יאהר בין איך אוועק צו דער ארבײַט. אין דער עלטער פון 9 יאהר בין איך געווארען אן אײַזען-גיסער. צו פערצעהן יאהר בין איך ארײַנגעטראטען אין אן אײַזען פאונדרי און דארטען בין איך פארבליבען ארבײַטענדיג ביז 1907, ווען איך בין ערוועהלט געווארען דער סעקרעטער פון דער מאולדערס יוניאן פון סאן פראנציסקא. אין 1912 בין איך געווארען סעקרעטאר פון דעם סאן פראנציסקאר לייבאר קאונסיל. פאר 5 יאהר צײַט האב איך געהאלטען דעם אמט אלס טשערמאן פון דער עקזעקוטיווע פון דער אינטערנײשאנאל מאלדערס יוניאן און נארטה אמעריקא, ביז איך האב פרײַוויליג זיך ענטזאגט פון דעם. אלס יוניאן-מאן בין איך ערוועהלט געווארען צום קאנגרעס און אין קאנגרעס טהו איך וואס איך קען לטובה די ארגאניזירטע ארבײַטער."

איך האב אפילו געבעטען קאנגרעסמאן נאלאן ער זאל עפעס אויך זאגען וועגען זײַן פערזענליכער ארבײַט אין קאנגרעס, וועגען זײַן „מינימום ווידזש ביל" וואס ער האט ערשט סוקסעספול דורכגעפיהרט אין דעם רעפרעזענטאנטען הויז, אבער ער איז אביסעל צו באשײַדען צו רײַדען וועגען זיך אליין און וועגען זײַן אײַגענער ארבײַט. „איבריגענס, זאגט ער, זײַט איהר דאך באקאנט מיט דעם, ווארום זאלט איהר דאך מוט׳ען וועגען דעם?"

ברידערליכע הילף

אלס א רעזולטאט פון א סעטעלמענט מיט דער געוועזענער פירמא וואלטמאן און פאלאק, יעצט אי. פאלאק און קא., האט מר. פאלאק פארגעשטעלט א סאַפער פאר אלע ארבייטער און די קלוירקס, וואו עס זיינען אויך אנוועזענד געוועזן די מיטגלידער פון דער פאמיליע. —

אבער אין מיטען „פון דער הוליאנקע האבען מיר זיך דערמאנט אן די נויטליידענדע ברידער אין יוראפ, און האבען גלייך באשלאסען צו מאכען א קאלעקשאן. אבער נישט וועלענדיג צערשטערען דעם פרעהליכען געמיט פון די פארזאמעלטע האט מר. פאלאק נישט ערלויבט צו מאכען א קאלעקשאן און ער האט אנאנסירט דאס ער זעלבסט גיט 100 דאלאר פאר די נויטליידענדע אין אייראפא.

די ארבייטער פון זייער זייט, האבען אבער געפיהלט, דאס דערמיט האבען זיי זייער פליכט נישט ערפילט, און האבען צווישען זיך אין שאפ געמאכט א קאלעקשאן וואס האט איינגעבראכט 42 דאלאר, צוזאמען, אלזא, 142 דאלאר.

אין דעם זעלבען שאפ איז לעצטענס אן ארבייטער קראנק געווארען און צו ענדע וואך האבען די ארבייטער איהם אהיים געשיקט זיין פולע וואך שכרות, 55 דאל.

מישאל קאפלאן, שאפ טשערמאן.
א. מאסקאוויטש, ב. קאהן, א. מאנדעל, ס. טענענבוים, — די קאמיטע.

די אַטענישע פרוי

פון דר. אסתר לוריע

דאס אמאליגע גריכענלאנד איז באשטאנען פון אייניגע פראווינצען. יעדע פון זיי איז געווען פאר זיך א זעלבסטשטענדיגע מלוכה. זי האט געפיהרט אן אייגענטימליכעס לעבען, האבענדיג איהר פאליטישע סטרוקטור, איהרע געזעצע, איהרע מנהגים א. ז. וו. איין פראווינץ פלעגט אפט פיהרען מלחמות מיט דער אנדערער. די פארשידענע פראווינצען האבען זייער אייגענטימליכע געשיכטע. די באריהמטסטע טייל פון לאנד איז אבער געווען אטען. זי איז געווען מעכטיג עקאנאמיש און פאליטיש. זי איז געווען באריהמט מיט איהרע גרויסע פאעטען, זי האט געהאט א שם צוליעב איהרע גרויסע פילאזאפען — סאקראטעס, פלאטאן, אריסטאטעלעס, וועמעס געדאנקען עקזיסטירען נאך און וועלען אייביג עקזיסטירען.

א גרויסארטיגעס דענקמאל פון דער לאגע פון דער אטענישער פרוי אין יענער צייט האט אונז געלאזען דער פילאסאף, קסענאפאן. אין יענער צייט איז געווען א מאדע צו שרייבען אין דיאלאגען. און דיאלאגען זיינען פארפאסט פלאטאן׳ס ווערק, אין דיאלאגען זיינען פארגעשטעלט קסענאפאנוס טיפען און געדאנקען. אין זיין ווערק „עקאנאמיק" שטעלט ער פאר א געוויסען אישאמאכוס, וועלכער האט געהאט א שם אין אטהען צוליעב זיין ווייב, וועלכע האט געדיענט פאר דער גריכישער פרוי אלס מוסטער. כאראקטעריסטיש איז דאס, אז באריהמט איז געווען ניט די פרוי אליין, נאר איהר מאן. צוליעב איהם ווערט אפילו איהר נאמען אין ווערק ניט דערמאנט. דאס אליין באווייזט, אז די לאגע פון דער פרוי איז אין יענער צייט אין אטען געווען אן אונטערגעארדענטע. נימא מעהר די פרייהייט פון דער פרוי אין דער האמערישער צייט, ניטא מעהר אויך די פריערע לאגע פון דער פרוי אין סאפהא׳ס צייט. אן אויסצוג פון קסענאפאנוס׳ ווערק וועט אייך באקענען מיט דער לאגע פון דער פרוי אין זיין צייט:

„איך וויל דאס וויסען אויספיהרליך פון דיר, זאגט סאקראטעס, אויב דו אליין האסט געלערענט דיין פרוי און געמאכט פון איהר, וואס זי איז, אדער דו האסט זי גענומען פון דיינע עלטערען מיט׳ן באוואוסטזיין פון איהרע פליכטען?"

„און ווי האב איך זי געקענט נעהמען אזוי געלערענט, סאקראטעס? ווען איך האב מיט איהר חתונה געהאט, איז זי נאך ניט אלט געווען גאנצע 15 יאהר. ביז יענער צייט האט זי געלעבט אונטער דער אנזיכט, אז זי דארף זעהן וואס ווייניגער, דארף הערען וואס ווייניגער און דארף פרעגען וואס ווייניגער. דו וואלסט זיכער ניט געווען צופריעדען מיט איהר, זיכער ניט געווען צופריעדען מיט איהר, וויסענדיג, אז זי האט ניט געוואוסט ווי געהעריג ווי צו מאכען שטאפען פון וואל אדער ווי צו טיילען די ארבייט צווישען די דיענסטען. קאכען האט זי געקענט זעהר גוט, און דאס איז א לעהרע, וועלכע איך באטראכט פאר דער פרוי פאר זעהר וויכטיג."

„אין גאט׳ס נאמען, רופט אויס סאקראטעס. זאג מיר, ווי האסט דו אנגעהויבען זי צו לערנען? איך וואלט קיין זאך ניט געוואלט אזוי שטארק וויסען, ווי דאס."

דאן וועל איך דיר זאגען. ווען איך האב זי צוגעוואוינט צו זיך, און זי איז געווארען פעהיג צו פיהרען א געשפרעך, האב איך איהר אנגעהויבען צו שטעלען פראגען. „האסט דו קיין מאל ניט געטראכט וועגען דיינע עלטערען׳ס אבזיכט ווען זיי האבען אונז חתונה געמאכט? ווי אזוי קענען מיר ביידע ווערען גוטע שותפים אין אונזער הויז און אין הויז פון אונזערע קינדער? יע, ווען גאט וועט אונז בענשען, און מיר וועלען האבען קינדער וועלען מיר רעדען וועגען דעם ווי מיר קענען זיי אם בעסטען ערציהען, אז זיי זאלען זיין מיט אונז פאראייניגט און זאלען אונז קענען אויסהאלטען, ווען מיר וועלען ווערען אלט. אבער איצט געהערט דאס הויז אין צווייען, און איז אונזער געמיינשאפטליכעס אייגענטום. איך האב אויסגערעכענט אלעס וואס איך באזיץ, איך האב דאס אריינגערעכענט אין דאס אלגעמיינע פארמעגען. אין דאס אלגעמיינע פארמעגען האב איך אויך אריינגערעכענט דיין נדן. איצט דארפען מיר ניט טראכטען וועגען דעם, ווער פון אונז האט אריינגעבראכט מעהר. מיר דארפען בלויז סטארען זיך, אז יעדער פון אונז זאל אויסנוצען אויפ׳ן בעסטען אופן אונזער אייגענטום." דאן האט מיין ווייב געפרעגט: „ווי קען איך דיר העלפען, וואס פאר א מאכט האב איך? די גאנצע מאכט ליגט אין דיינע הענד. מיין פליכט איז ווי מיין מאמע האט מיר געזאגט, צו זיין א צנועה."

„יע, האב איך געענטפערט, און מיין פאטער האט מיר דאס זעלבע געזאגט."

אבער עס איז א פליכט פאר דער פרוי אזוי ווי פאר׳ן מאן צו זעהן, אז זייער פארמעגען זאל זיך געפינען אין ארדנונג, אז מיר זאלען האבען פון איהם פראפיט."

„דער גרעסטער פארגעניגען פאר דיר וועט זיין, ווען דו וועסט מיך איבערשטייגען, דאן וועסט דו זיין מיין בעל הבית׳טע. דאן וועסט דו ניט דארפען מורא צו האבען, אז מיט דער צייט וועסט דו פארלירען די ווירקונג אין הויז. דאן וועסט דו זיין זיכער, אז אין די עלטערע יאהרען וועסט דו זיין מיין חבר און דער אויפזעהער פון הויז און קינדער. וואס מעהר דו וועסט געאכטעט ווערען אין דיין הויז, אלץ מעהר וועסט דו געאכטעט ווערען פון מענער, מען שעצט די פרוי ניט פאר איהר אויסזעהן נאר פאר איהר טיכטיגקייט."

נאך בעסער מיינט קסענאפאן איז, אז וועגען דער פרוי זאל מען, אין גאנצען ניט רעדען. זי דארף ארבייטען אין הויז און פארטיג.

קסענאפאנ׳ס דיאלאג שפיגעלט אב דעם קוק אויף דער פרוי אין אטען. זי איז א בעל הבית׳טע און פארטיג. אין גאנצען ריכטיג אבער איז דער דיאלאג ניט. קסענאפאן איז אזוי באגייסטערט פון דער אידעע צו מאכען פון דער פרוי א גוטע ווירטין, אז ער שרייבט זעהר פיעל איבער איהר. פאר׳ן גרעק האט די שעהנקייט געשפיעלט זעהר א גרויסע ראלע. עסטעטיש איז געווען זיין קליידונג, עסטעטיש איז געווען זיין הויז, עסטעטיש זיינען געווען די גריכישע שטעדט. די גריכישע פאלקס יום-טובים האבען זיך אויסגעצייכענט מיט גרויס שעהנקייט.

גריכישע קונסט און ארכיטעקטור האבען א שם ביז היינטיגען טאג. אין דער גריכישער ערציהונג האט דאס שעהנקייט געפיהל געשפיעלט זעהר א וויכטיגע ראלע. ווי קען אלזא פאר׳ן גרעק ניט זיין וויכטיג די שעהנקייט פון דער פרוי, אין דער צייט ווען שעהנקייט שפיעלט פאר איהם אזא גרויסע ראלע? פון דער ליטעראטור פון יענער צייט ווייסען מיר, אז דער גרעק האט יע געשעצט די שעהנקייט פון דער פרוי.

נאך א פונקט געפינען מיר אינ׳ם דיאלאג, וועלכער שפיגעלט ניט ריכטיג אפ די ראלע פון דער פרוי אין יענער צייט. ביי קסענאפאנ׳ען קומט אויס, אז די פרוי און מאן זיינען גלייכע שותפים. דאס איז אבער ניט געווען דער פאל לויט דעם אטענישען געזעץ. ניט קוקענדיג אויף דער פארשקלאפונג פון דער פרוי אין יענער צייט, איז איהר אמאליגע מאכט נאך ניט אין גאנצען פארשוואונדען געווארען. מיט איהר נדן פלעגט איהר מאן זיך ניט טארען באנוצען. נאך איהר טויט געהערט איהר פארמעגען צו איהרע קרובים פון דער מוטער׳ס זייט. דאס פארמעגען פון איהר מאן אדער איהר פאטער געהט צו איהר ניט איבער, זי איז לויט דעם געזעץ ניט קיין בעל הבית׳טע אין איהר הויז. איהר פאטער איז איהר אפעקון, ווען זי איז א מיידעל; איהר מאן, אין איהר אפעקון, ווען זי איז פארהייראט.

דאס אטענישע לעבען איז פריי, מען קען זאגען, אז עס שפיגעלט זיך אב אונטערן פרייען הימעל. אונטערן פרייען הימעל האלט סאקראטעס זיינע באריהמטע פילאזאפישע דיאלאגען. אונטערן פרייען הימעל קומען פאר אין די גריכישע הייזער די געזעלשאפטליכע צוזאמענקינפטע. אונטערן פרייען הימעל שפיעלט דער באריהמטער גריכישער טעאטער אונטער׳ן פרייען הימעל קומען פאר די רעליגיעזע צערעמאניעס. אונטערן פרייען הימעל שפיגעלט זיך אפ דאס פאליטישע לעבען. מיט איין ווארט, דער אטענער פארברייגט זעהר ווייניג אין הויז. די אטענישע פרוי אבער איז פארשפארט אין די פיער ווענד. זי האט א באזונדערען אפארטמענט אין הויז, וועלכער געפינט זיך אין מיטען, ווייטער פון דרויסען. זי געהט ניט ארויס אין גאס אין מיטען העלען טאג, זי געפינט זיך אויך ניט אין געזעלשאפט. מיט איהר מאן עסט זי צוזאמען, ווען צום טיש זיינען ניט איינגעלאדען קיין געסט. צו די רעליגיעזע צערעמאניעס געהט זי ארויס אין גאס, ניט מיט׳ן מאן, ניט אליין, נאר מיט דער שקלאווין. דאס זיינען געזעצע פאר דער רייכער פרוי. די שקלאווין מעג טאן, וואס זי וויל. זי אין פריי ארויסצוגעהן אין גאס, ווען איהר בעל הבית׳טע ערלויבט איהר.

די שקלאווין ארבייט אין פעלד, אין שאפ און אין הויז. די בעל הביתטע איז פארנומען בלויז אין הויז, זי שטריקט, שפינט נעהט, צוטיילט ארבייט איהרע מיידלאך, ערציהט איהרע קינדער. — די מיידלאך ביז דער חתונה, די אינגלאך בלויז ביז 7 יאהר. דאן געהען די לעצטע אין סקול. אין הויז געפינען זיי זיך אונטער דער אויפזיכט פון א מענער שקלאוו, א פעדאגאגיוס. די אינגלעך געהען אין סקול, דאן דיענען זיי אין מיליטער און באקענען זיך מיט׳ן פאליטישען לעבען, און צו 32-30 יאהר האבען זיי חתונה מיט א מיידעל פון 16-15 יאהר.

די טעטיגקייט פון דער אטענישער פרוי פאדערט ניט פון איהר קיין בילדונג, און זי ערהאלט זי ניט. מען לערענט זי הויז ארבייט. קיין סקול עקזיסטירט ניט פאר איהר. ווען א ברודער אדער א טאטע וויל לערענט ער זיין שוועסטער אדער טאכטער לעזען און שרייבען. דאס בילדעט אבער אן אויסנאהמע. דער גרעק ליעבט אבער געזעלשאפט, ליעבט אויך שעהנקייט, זעלבסט פארשטענדליך, אלזא, די פרוי. ער וויל אבער זיך געפינען אין דער געזעלשאפט פון דער שעהנער און געבילדעטער פרוי. דאס קען ער אבער ניט און דערפאר זוכט ער מיטלען. פלאטאן געפינט זיי אויס טעארעטיש. פעריקלעס פראקטיש.

וועגען דעם וועט זיין די רעדע אין די קומענדיגע ארטיקלען.

א נייע סענסאציע: זיי ווילען ניו יארק מאכען פאר דער שעהנסטער, פיינסטער, ריינסטער און מאראלישסטער שטאדט אין דער וועלט. און הוירסט טראכט אויס פארשידענע ווילדע מיטלען ווי זיין צוועק צו דערגרייכען. פאר וואס ווענדט ער ניט אן דאס איינפאכסטע און לייכסטע מיטעל? זאל ער פארמירען זיינע געלע צייטונגען, און ניו יארק וועט תיכף ווערען א סך ריינער, שענער, פיינער און מאראלישער ווי זי איז איצט.

*

דער סטרייק פון די ענגלישע אקטיארען געפעלט מיר. ער צייגט, אז ביהנען-העלדען קענען אויך אמאל זיין אמת׳ע העלדען, ווען די נויט פון דער צייט כאפט זיי אן פאר׳ן גארגעל. און ס׳איז א גרויסער העלדענטאט פון מענשען, וואס האלטען זיך פאר „גאט׳ס אויסערוועהלטע", פאר „געקושטע פון דער מוזע", פאר „פרייע קינדער פון א האל", צו ארגאניזירען זיך ווי פשוט׳ע ארבייטער און מודה זיין אז זיי זיינען הונגעריג. דער מאגען וויל נאך ניט וויסען פון קיין קאמעדיאנטען-שפיעל. דעם מאגען קען מען ניט אפנארען מיט הויכער „פראזא". אז דער מאגען, ניט א ברום: עסען! קען מען איהם ניט בארוהיגען מיט דער דעקלאמירונג פון האמלעט׳ס באריהמטען מאנאלאג. די אקטיארען האבען זיך ענדליך געכאפט, אז דער אמת׳ר זין פון „זיין אדער ניט זיין?" מיינט: עסען אדער ניט עסען?

*

אנדרו קארנעגי איז געשטארבען. ער איז געווען דער קעניג פון דער אמעריקאנער אייזען - אינדוסטריע, אבער אליין איז ער ניט געווען שטארקער פון אייזען. אפילו אן אייזען-קעניג ווערט קאלט ווי אייז, ווען דאס אייזען, וואס געפינט זיך אין אונזערע ארטעריען, ווערט קאלך.

אן אייזערנעם ווילען האט דער אייזען-קעניג געהאט. פון שוויים האט ער געמאכט גאלד. פון ארבייטער׳ס שאפענדען כח האט ער זיך אויפגעבויט א גרויסען נאמען אלס פילאנטראפ. פון דער אייביגער מלחמה צווישען קאפיטאל און ארבייט, פון וועלכער ער איז ארויס דער זיעגער. האט ער אויפגעבויט א שלום-טעמפעל. און איצט איז ער געשטארבען, א זאטער, א גליקליכער, א 82 יאהריגער. זיין גוטער מזל האט איהם פארמאכט די אויגען פונקט אין צייט. ווייל ווער ווייס וועמענס מארגען ס׳איז? די רעוואלוציאנס ווינטען וואס שטורמען היינט איבער די קאפיטאליסטישע קעפ פון גאר דער וועלט ווער ווייס וואס זיי זיינען אויסען? גליקליך דער קאפיטאליסט וואס שטארבט אוועק היינט, און דארף ניט ציטערען פאר׳ן מארגען.

*

True translation filed with the Postmaster at New York City on Aug. 22, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

*

א גוטע בשורה: עדווארד בערנשטיין ווערט דייטשלאנד׳ס אמבאסאדאר אין אמעריקא. דאס פרעהט אונז. עדווארד בערנשטיין איז א מאיאריטעט-סאציאליסט. און דאך דענקען פיעלע (און איך צווישען זיי) אז די מאיאריטעט-סאציאליסטען זיינען — פאררעטער צו זייער אידעאל. ווען העדר בערנשטיין וועט קומען אהער, וועלען מיר ערפאהרען דעם אמת. אפשר וועט דעם באריהמטען „רעוויזיאניסט" געלינגען צו רעווידירען אונזער פאסקודנע מיינונג וועגען דער נאסקע-עבערט רעגירונג.

קאנגרעסלייט מיט יוניאן ביכלאך אין קעשענע

פון ב. מיימאן

דזשאהן אי. נאלאן — דער פיהרער פון די ארבייטער קאנגרעסלייט

אין דעם היינטיגען ארטיקעל וועלען מיר אייך פארשטעלען דעם סאמע וויכטיגסטען פון די ארבייטער קאנגרעסלייט.

אין די לעצטע עטליכע קאנגרעסען וואס דער שרייבער פון די ציילען האט בעאבאכטעט זיינען געווען היבשע ארבייטער גרופען. דיזע „לייבאר גרופס" זענען באשטאנען דוקא פון יוניאן מיטגלידער וואס זענען מעמבערס אין דעם קאנגרעס, נאר פון אלע ארבייטער־פריינדליכע קאנגרעסלייט. די אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר פלעגט זיי צוזאמען רופען. גאמפערס, און מאריסאן, און דער „לעדזשיסלייטיוו איזשענט" פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר, מר. האלדער, אדער גרענט העלען און נאך אייניגע פלעגען זיך צוזאמענקומען מיט דיזע קאנגרעסלייטע און, אלע צוזאמען פלעגען אויסארבייטען א פראגראם וואס צו טהאן פאר די ארבייטער. די אלע קאנגרעסלייטע וואס האבען זיך אנגעשלאסען אין דער „לייבאר גרופ" האבען זיך נאטירליך פארפליכטעט צו ארבייטען פאר דיזען פראגראם. דיזע גרופע פלעגט אויך האבען אן אויסערוועהלטען און פון אלעמען אנערקענטען פיהרער. אין דעם לעצטען קאנגרעס איז געווען עדווארד קיטינג דער אנערקענטער פיהרער פון דער לייבאר גרופ. פריהער פאר איהם איז געווען פרענק ביוקענאן דער פיהרער פון דער ארבייטער גרופע אין דעם אמעריקאנעם קאנגרעס. דיזע ביידע זענען איצטער ניט קיין מיטגלידער און די ארבייט פאלט אויף דזשאהן אי. נאלאן.

עס מוז דא גלייך צוגעזעצט ווערען, אז נאלאן איז ניט אויסגעקליבען געווארען אלס דער פיהרער פון די ארבייטער קאנגרעסלייט, קיינער איז נאך ניט אויסגעקליבען געווארען פאר דיזען אמט. דער פאקט איז, אז אין היינטיגען קאנגרעס איז די ארבייטער גרופע נאך גאר אין גאנצען ניט ארגאניזירט. דאס איז העכסט וואהרשיינליך דערפאר וואס גאמפערס איז ביזי צו מאכען די וועלט זיכער פאר דעמאקראטי... ער איז פארנומען מיט אינטערנאציאנאלע עסקים און קען ניט געבען גענוג צייט צו אינערליכע פראגען. מעגליך אז עס איז אויך דערפאר ווייל די אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר דענקט אז די דעמאקראטישע פארטיי האט שוין געטאן גענוג פאר די ארבייטער, אדער אז דאס וואס די רעפובליקאנער פארטיי האט איצטער די ממשלה אין קאנגרעס שוואכט אפ איהרע שאנסען עפעס דורכצופיהרען. נאר וואס די אורזאכען זאלען ניט זיין, דער פאקט בלייבט א פאקט, אז אין דעם היינטיגען קאנגרעס, אנדערש ווי אין די פריהערדיגע, איז נאך קיין לייבאר גרופ ניט ארגאניזירט. נאלאן האט דארום נאך ניט געקענט ווערען אויסגעקליבען אלס פיהרער, אבער דערפאר, קען מען זאגען, אז ער איז ניט נאר דער לאגישער נאר אויך דער נאטירליכער פיהרער פון דיזער גרופע אין דעם היינטיגען קאנגרעס. ער איז דאס אויס די פאלגענדע גרינדע:

ערשטענס, איז ער דער עלטסטער פון אלע ארבייטער קאנגרעסלייטע. נאלאן איז שוין איצטער אין דעם פיערטען קאנגרעס, וועהרענד קופער, פון אהייא איז בלויז אין דעם דריטען, זילמאן, פון מערילאנד אין דעם צווייטען, און די איבעריגע קאנגרעסלייט מיט די יוניאן ביכלאך, מיעד, מעקלעין, קארס און לי זענען איצטער צום ערשטען מאל.

צווייטענס, איז קאנגרעסמאן נאלאן איינער פון די וועניגע קאנגרעסלייטע וואס דארפען זיך ניט שרעקען פאר זייערע פאליטישע באסעס. נאלאן ווערט אלע מאל ערוועהלט מיט אזא גרויסער מאיאריטעט אין זיין דיסטריקט, אז די פאליטישענס האבען מורא פאר איהם און ניט ער פאר זיי. ער איז פערזענליך זעהר באליעבט אין זיין דיסטריקט און קיין פאליטישער באס וועט ניט וואגען מיט איהם זיך אנצוהייבען. דאס מאכט איהם אז ער זאל וואגען זיך צו שטעלען פאר אלעם וואס ער דענקט איז גוט און צו באקעמפען אלעם וואס אנערקענט פאר שלעכט צו זיין פאליטישער באס אין קאנגרעס וויל דאס אדער ניט.

דריטענס, איז טאקע נאלאן אליין דער פעהיגסטער פון די איצטיגע ארבייטער קאנגרעסלייטע. ער איז ניט קיין איבעריגער אידעאליסט, אבער ער איז מעהר אידעאליסט פאר די איבעריגע און א סך מעהר פראגרעסיוו פאר זיי אלע צוזאמענגענומען. ווידער אין זיין עהרליכקייט צווייפעלט קיין איין מענש ניט וואס קען איהם נאר. מיר זענען זעהר אפט ניט איינפארשטאנען מיט זיינע אנזיכטען אבער אין זיין עהרליכקייט און איבערגעבענהייט צו די ארגאניזירטע ארבייטער האבען מיר קיין מאל ניט געצווייפעלט. דאס איז א סך מעהר ווי מען קען זאגען וועגען אלע אנדערע ארבייטער קאנגרעסלייטע. דיזעס אלעס מאכט איהם פאר דעם נ א ט י ר ל י כ ע ן פיהרער פון דער ארבייטער גרופע אין קאנגרעס. צו דעם אלעם קומט אפשר אויך צו דער פאקט וואס נאלאן איז א רעפובליקאנער און די רעפובליקאנישע פארטיי איז איצטער די מאיאריטעט פארטיי.

* * *

צו האבען א געשפרעך מיט נאלאן'ען, פאר דעם צוועק צו שרייבען דיזען ארטיקעל, איז מיר אנגעקומען ניט אזוי לייכט. איך קען זיך פערזענליך מיט מר. נאלאן שוין א לענגערע צייט און שוין פון לאנג בעאבאכטעט זיין ארבייט אין קאנגרעס. אבער איידער איך שרייב דיזע ציילען האט זיך מיר געוואלט האבען אן אינטערוויו מיט דעם קאליפארניער קאנגרעסמאן און געבען זיינע אייגענע ענטפערס אויף אייניגע פראגען וואס זענען וויכטיג פאר די ארגאניזירטע ארבייטער צו וויסען. איך האב דאס זעלבינע געטאן מיט אלע אנדערע קאנגרעסלייטע וואס איך האב אין דיזער צייטונג בעשריבען, אבער מיט נאלאן'ען איז מיר אנגעקומען שווערער צו ארראנזשירען דעם אינטערוויו ווי מיט אלע אנדערע.

איז מר. נאלאן דא?" — פרעג איך אריינקומענדיג צו איהם אין אפיס.

„ניין". ענטפערט מיר זיין סעקרעטעריז, א יונגע פרוי וואס קוקט אויס פונקט ווי נאלאן אליין צו זיין א זעהר שווערער ארבייטער. „מר. נאלאן איז איצטער ביי א זיצונג פון דער לייבאר קאמיטע".

א צווייטען טאג קריג איך דעם ענטפער אז ער איז ביי א זיצונג פון דער „סאפרעידזש קאמיטע", ביי דער קאמיטע „אוו אינסולאר אפעירס" — פון דיזע אלע קאמיטען איז ער א מיטגליעד. איינמאל העלפט מיר שוין גאט איך טרעף איהם יא אין אפיס, איז גראדע דעמאלט א מיטינג פון דער פעטענט קאמיטע", פון וועלכער ער איז דער טשערמאן. אז אנדערסמאל איז ער פארנומען מיט דעם דורכפיהרען זיין „מינימום וועידזש ביל" דורך דעם קאנגרעס. ער פיהרט אן די דעבאטען, ער צוטהיילט די רעדנער צייט — ער האט, ווי מען זאגט, א מאן'ס דזשאב און איז שטענדיג פארנומען ווייל ער וויל דיזען „מאן'ס דזשאב" דורכפיהרען ווי געהעריג.

נאר — אט איז ער! איך האב איהם נעכאפט אויף די טרעפ פון דעם קעפיטאל. ער וועט זיך שוין איצטער פון מיינע הענט נים ארויסדרעהען... איך האב איהם אנגעכאפט ביים קנעפעל און ניט אנדערש, אדער רעד, אדער פארליר דעם קנעפעל... ער האט דאן מיט מיר געמאכט אן אפאינטמענט צו געבען דיזען אינטערוויו ספּעציעל פאר דער „גערכטיגקייט" און „דזשאסטיס".

* * *

די ערשטע פראגע וואס איך האב געשטעלט מר. נאלאן איז געווען דיזעלבינע וואס איך האב געשטעלט אלע אנדערע ארבייטער קאנגרעסלייט: צו דענקען זיי נים אז די ארבייטער וואלטען מעהר געוואונען פון אן אייגענער „לייבאר פארטיי" איידער זיך נאכצושלעפען נאך די אלטע פאליטישע פארטייען?

„ניין!" — ענטפערט מר. נאלאן עמפאטיש. — „ניין! איך גלויב ניט אין קיין אייגענער פארטיי פאר ארבייטער. איך נעהם דעם שטאנדפונקט אז די ארבייטער דארפען זיך באטהייליגען אין די פאליטיקס פון אלע פארטייען. זיי דארפען טרייען קריגען די מאכט און דעם איינפלוס אין די גרויסע שוין עקזיסטירענדע פארטייען. זיי דארפען דערביי האבען צוויי אבזיכטען: ערשטענס, צו טרייען פארמולירען די פלאטפארמען און די פאליסיס פון דיזע פאליטישע פארטייען אזוי, אז די רעכטע פון די ארבייטער וועלען ווערען ניט נאר אנערקענט נאר אויך ריכטיג פארטיידיגט און פארזיכערט. און, צווייטענס, דארפען זיי זיין אין די עקזיסטירענדע פארטייען אום, וואו נור מעגליך, צו ערוועהלען זייערע אייגענע מענשען צו עמטער, סאי אין שטאדטישע וואהלען, סאי אין סטייטס און סאי אין נאציאנאלע וואהלען. נאטירליך איז אין נאציאנאלע וואהלען וויכטיגער ווי פאר די קלענערע עמטער. די ארבייטער וואלטען אויך געדארפט געדענקען, אז וואו עס לויפט אן אמט איינער פון זיי, זאלען זיי פארבויגען זייערע פארטיי צוגעבונדענקייט און שטימען פאר זייעריגען."

נאלאן האט נים געוואורט איך זאל איהם שטעלען די פראגע מכוח דער „לייבאר פארטיי" אין ענגלאנד. כמעט אלע ארבייטער קאנגרעסלייטע וואס איך האב ביז איצטער בעזוכט, האבען אבסאלוט גאר ניט געוואוסט פון דער ענגלישער לייבאר פארטיי. נאלאן איז דער איינציגער פון זיי וואס איז מעהר אדער ווייניגער באקאנט מיט זייער ארבייט. נאך איידער איך האב איהם געפרעגט וועגען דעם האט ער אליין געזאגט:

„אין ענגלאנד איז דא א באזונדערע לייבאר פארטיי און האט געטהאן א סך גוטעס פאר די ארבייטער, אבער מיר, דא אין אמעריקא, זענען אונטער גאנץ אנדערע אומשטענדען און קענען נים נאכפאלגען זייער ביישפיעל. דער ענגלישער, דער איירישער, דער סקאטש און דער וואלש זענען אלע פון איין ראסע, פון איין קלימאט פון איין סארט אומריינגלונג און געדאנקען-לויף. זיי פארשטעהן זיך גאנץ לייכט איינער דעם צווייטען. זיי האבען געלעבט אין נאהענטער נאכבארשאפט און געהאט דעמזעלבינען לעבענס־סטאנדארד. זיי האבען געגאסען דיזעלבינע למודים און געטרוימט דיזעלבינע טרוימען. זיי זענען נאהענטע פארוואנדטע און פארשטעהן זיך גאנץ גוט. אבער מיר, דא, אין אמעריקא, האבען א קאסמאפאליטישען כאראקטער. און קענען זיך נים גוט צוזאמענקומען און זיך איינפארשטעהן אויף פילע זאכען. עס איז גענוג אז מיר זאלען זיין ענג פארבונדען אין אונזערע עקאנאמישע ארגאניזאציעס פאר אונזערע עקאנאמישע קעמפע. צו טרייען פאראייניגען די ארבייטער פאליטיש וועט בלויז פאראורזאכען נייע שטרייטען און רייסערייען. מיר קענען פיעל מעהר געווינען דורך די אלטע פארטייען ווען מיר זאלען דארטען נאר אריינטרעטען און נעהמען א גרעסערן אנטהייל."

וועגען רעגירונגס אייגענטום האט מר. נאלאן אויך געגעבען אביסעלע אן אנדער ענטפער ווי אלע פריהעריגע קאנגרעסלייטע מיט יוניאן-ביכלאך אין זייערע קעשענעס. נאלאן זאגט מיר, אז אין „פרינציפ" איז ער פאר רעגירונגס אייגענטהום, אבער דעם אמת מוז ער צוגעבען אז ביז איצטער האט זיך די רעגירונג ארויסגעוויזען נים פעהיג, נים „עפישיענט" גענוג צו פארוואלטען קיין גרויסע אינדוסטריען. נאלאן איז זעהר שארף אין זיין פארדאמונג אויף די פראבען וואס זענען געמאכט געווארען ביז איצטער מיט רעגירונגס קאנטראל און נאך זיין מיינונג איז עס געטהאן געווארען אזוי אז עס זאל שאדען דעם פרינציפ פון רעגירונגס אייגענטהום.

„נעהמט צום ביישפיעל, די פארוואלטונג פון די אייזענבאהנען אין דער צייט פון דער מלחמה" — זאגט קאנגרעסמאן נאלאן — „די רעגירונג האט כלומרשט זיי איבערגענומען, אבער די גאנצע פארוואלטונג איז פארבליבען אין די הענט פון די וואס האבען די אייזענבאהנען פארוואלטעט פאר די פריוואטע אינטערעסען. עס איז נים געשטעלט געווארען קיין איין איינציגער מענש אין קיין וויכטיגען פארוואלטונגס אמט וואס זאל זיין א פריינד פון די רעגירונגס אייגענטהום. איז עפעס א וואונדער וואס זיי האבען דאס אזוי פארוואלטעט אז עס זאל דיסקרעדיטירען רעגירונגס אייגענטהום?"

* * *

וועגען זיין ארבייטער רעקארד איז מר. נאלאן ספעציעל שטאלץ. איך פרעג איהם: „האט איהר אמאל געארבייט ביי עפעס א טרייד?" און אויף זיינע דינע, נערוועזע ליפען בעוויזט זיך א סארקאסטישער שמייכעל. „צו איך האב געארבייט?" אין זיינע אויגען צינדט זיך אן א פייערל פון שטאלץ. „צו איך האב געאר־

נו, א וואך

— פון —
דר. ק. לעא

דעם ברוקלינער פובליקום, זאגט מען, טוט עס כמעט לייד, וואס די סטרייקענדע קארלייט האבען אזוי שנעל געוואונען זייער סטרייק. נים האבענדיג קיין קאר'ס צום פאהרען צו דער ארבייט האבען די ברוקלינער סטראפ־הענגער געמוזט פאהרען אויפ'ן „שוסטער'ס פערדלעך". עס הייסט געהן צו פוס. און דא האבען די בירגער זיך ערשט דערוואוסט, אז גאט האט זיי געבענשט מיט צוויי געזונטע פיס דאס זיינען געמאכט צום געהן און נים צום שטעהן אין א געפאקטע קאר. אויף יענעם'ס היהנעראויגען. צוליעב די פארדאמטע קארס האבען מענשען פון גרויסע שטערט כמעט אין גאנצען פארגעסען אז זיי האבען פיס. מען דארף באזוכען א פריינד, וואס וואהנט 10 בלאק ווייטער — נעהמט מען די קאר. מען דארף פון דער מעדיסאן עוועניו צוגעהן צו דער דריטער עוועניו — א קאר. מ'דארף אריבערגעהן צו ברוקלין ברידזש — א קאר. מ'דארף שפאצירען מיט א מיידעל — א קאר. דעם אויסדרוק: עס „ג ע ה ט איהם גוט" קען מען אויף א ניו יארקער גאר נים אנווענדען: אויף איהם דארף מען זאגען: „עס פ א ה ר ט איהם גוט." ווייל געהן געהט ביי איהם נים. ביי איהם פאהרט נור.

ווען א ניו יארקער שטעהט אויף אין דער פריה, ווייסט ער שוין אז ער וועט היינט ש ל ע כ ט פ א ה ר ע ן: ער וועט פאר א ניקעל ווערען אריינגעפיהרט אין א קאסטען אויף רעדער, וואס איז געפאקט מיט מענשען ווי א הערינג פאס מיט הערינג. דארט וועט ער זיך אויפהענגען אויף א לעדערנעם רימען, אויף וועלכען עטליכע מיטרייזענדע הענגען שוין, און ער וועט זיך שאקלען און שאקלען ביז עס וועלען פאסירען איינס פון די דריי זאכען: ענטוועדער דער טריין וועט זיך אנצינדען און ער וועט פארברענט ווערען, אדער ער וועט זיך צוזאמענשטויסען מיט א צווייטען טריין און ער וועט דערהרג'עט ווערען, אדער ער וועט מיט צרות און נויט זיך דערשלעפען צו דער סטאנציע, און ער, דער סטראפהענגער, וועט א צעקוועטשטער א פארמוטשעטער, מיט צעריסענע קליידער, מיט א צענאבלעט פנים זיך ארויסרייסען פון קאסטען און לויפען אין שאפ אריין. אויפ'ן וועג וועט ער זיך כאפען, אז ער האט פארלוירען זיין לאנטש־פעקעל און אז אימיצער האט אויסגעלקח'ענט זיין פאקעטבוך פון דער הינטערשטער הויזען־קעשענע.

דער סטרייק פון די ברוקלינער קארלייט איז געווען פשוט א ישועה פאר די רייזענדע, ער האט זיי געעפענט די אויגען פאר גאט'ס וועלט. שפאצירענדיג צו פוס איבער בראדוויי און בארא פארק, האבען זיי ערשט דערזעהן, ווי שעהן און ווי רייך ניו יארק איז; ווי גוט עס איז צו לעבען אין אונזער מעטראפאליס, ווען עס לויפען אין איהר נים קיין קארס, ווי קאנטרי-רוהיג אונזער רוישיגע שטאדט איז, ווען עס קנאקען נים די עלעווייטערס און עס ליארמען נים די סאבוויים און עס טראסקען נים די סטריט־קארס און א מענש קען אריבערגעהן א גאס, נים ריזיקירענדיג דערביי מיט זיין לעבען.

דאס דאזיגע גרויסע גליק האט, ווי אלע גרויסע גליקען נים לאנג געדויערט. דער סטרייק איז באלד געוואונען געווארען און דער ניו יארקער האט ווידער פארגעסען אז ער האט פיס. און ווי גרויס אונזער פרייד זאל נים זיין מיט דער ווייסטער מפלה, וואס די ברוקלין רעפיד טרענזיט האט געכאפט, דאך פיהלען מיר כמעט א מין מיטלייד מיט'ן אונגליקליכען סטראפהענגער, וואס לײדט צוויי מאל מעגליך די יסורים פון חיבוט הקבר, נים האבענדיג קיין צייט און קיין כח צו געבען אפילו א קרעכץ.

און הוירסט'ס צייטונגען האבען שוין

אייער קאמיטעט קען אייער אפיעל אין דער „גערעכטיגקייט" נים פארעפענטליכט ווערען. איהר וועט דאך פארשטעהן, אז דערביי איז נימא קיין פערזענליכקייט־געפיהל, בלויז דער געבאט פון א גרויסער פאראנטוואָרטליכקייט צום פובליקום און פון אן אמת טיפען געפיהל פאר די גרויסע רוסישע נויט צווינגט אונז צו האנדלען אזוי פארזיכטיג און אזוי שטרענג.

ב. נ. — איהר האט אונז פארפליכטעט צו א דאנק פאר אייער צושיקען אונז דעם אויסשניט. עס איז ווירקליך א זעהר גוטער ארטיקעל, וועלכע איז ווערט איבערזעצט צו ווערען, וואס מיר וועלען אויך אין גיכען טאָן.

מ. ע. פ. — מיר האבען גוטע אורזאכען צו צווייפלען אין דער גוטער אבזיכט פון די ועניגע, פאר וועמען איהר רעדט אין אייער בריעף, און מיר זייכען דארום דאס מאל געצוואונגען אייך צו ענטזאגען, כאטש דאס איז פאר אונז ווירקליך נים לייכט.

ב. ס. — גוט ווי איהר פיהלט. מיר מוזען זיך ענטזאגען צו געבען אייך א רגענד וועלכע עצה אין דער אנגעלעגענהייט.

מ. ז. מיר האבען דאס גערעכענט צו טאָן אויך אין דעם גלויבען, אז דער באריכט איז געווען געשריבען ספעציעל פאר די „גערעכטיגקייט". אבער, אז מיר האבען אויסגעפונען, אז דער באריכט איז געווען פארעפענטליכט אין אנאנדער צייטונג, און נאך פריהער, ווי אין דער „גערעכטיגקייט", האבען מיר געגלויבט, און זיינען נאך איצט פון דער מיינונג, אז אייער פארלאנג, ווי געמעסיגט און אנשטענדיג ער זאל נים אויסגעדריקט ווערען, איז ווירקליך אן אומבארעכטיגטער. דער פאקט איז, אז אט דער באריכט האט אונז פארשאפט אביסעל אונאנגענעמליכקייטען. איינער פון אונזערע לעזער אין אייער שטאדט האט אונז געמאכט א ווארוואורף, וואס מיר פארנעמען די קאלומס פון דער „גערעכטיגקייט" מיט באריכטען, וואס ער האט שוין מיט א וואך פריהער געלייענט אין אנאנדער צייטונג. דאסזעלבע איז דער פאל מיט דעם איצטיגען באריכט, א חוץ דעם, וואס עס איז צו שפעט שוין איצט. וואס אנבעטרעפט דעם גאנצען ארטיקעל, וואס איהר זאגט צו, וועלען מיר איהם גערן פארעפענטליכען, און אויך ערפילען פון אונזער זייט אונזער פליכט. אבער אלץ מיט דעם באדינג, אז ער זאל זיין אריגינעל געדרוקט אין דער „גערעכטיגקייט", און נים אנדערש. האפענטליך, פון איצט אן און ווייטער וועלען וועגען דעם מעהר קיינע מיספארשטענדניסע נים פארקומען, פארבלייבען מיר דיזעלבע גוטע פריינד.

מ. גרינבערג. אט די פארקירצונג איז גאר אפט נויטווענדיג צוליעב דעם, וואס דער פלאץ אין דער צייטונג, ווי גרויס עס זאל נים זיין, איז גאנץ אפט באשרענקט. דאס מאכט אויך נויטווענדיג דעם שטרענגען אויסוואהל פון דעם שטאף, וואס געהט אריין אין צייטונג, איינע פון די הויפט אויפגאבען פון א רעדאקטאר. געוויס, פון דעם שרייבער'ס שטאנדפונקט קומט עס אויס א צו־להכעיס פאליטיק פון דער זייט פון רעדאקטאר. און אפט מיינט ער, אז מען האט ארויסגעשניטען פון זיין ארטיקעל דאס סאמע וויכטיגסטע. אבער אין די מייסטע פעלע האט ער א גרויסען טעות. ווען די פארקירצונג ווערט נאר גוט געמאכט, געווינט זעהר אפט דער ארטיקעל פון דעם. 2) מיר האבען שוין אפט ערקלערט, אז די רעדאקציע איז נים אלע מאל איינפארשטאנען מיט די מיינונגען, וואס ווערען אויסגעדריקט אין מאנכע ארטיקלען. אבער אין דערזעלבער צייט האלט זי נים פאר נויטיג צו מאכען צו יעדען אזא ארטיקעל די סקארבאווע רעדאקציאנס־באמערקונג: „די רעדאקציע איז מיט דעם שרייבער נים איינפארשטאנען". צו וואס? האט דען דער לעזער אליין נים קיין קאפ צו פארשטעהן? דער לעזער מוז אפגעוואוינט ווערען פון דער אייביגער טויטעל.

ד. ז. מיר מוזען זיך אנטזאגען צו דרוקען אייער בריעף צוליעב פיעלע טעמים. ווי מיר פארשטעהען, ווערט א ביזנעס אידזשענט נים ארויפגעצוואונגען אויף א יוניאן. איהר שרייבט: „איצט האט ער זיך ווידער ארויבגעפאקט", פארשטעהען מיר נים, וואס איהר מיינט. דאן ערקלערט איהר אין אייער בריעף, אז „די יוניאן האט נים געהאט קיין אנדער ברירה, עס איז נים געווען קיין צווייטער". דאס פארשטעהען מיר שוין גארנים. נים געווען קיין צווייטער, אזוי שלעכט אדער אזוי גוט, אזוי פעהיג ווי ער? וואס אנבאטרעפט דעם סעטלמענט, וואלטען מיר געוואלט האבען מעהר פאקטען. איז דער אגרימענט געווען מיט יעדען באס באזונדער, אדער מיט א באסעס אסס'ן, אלס אזעלכער? וואס אנבעטרעפט די אניפעיתרונג פון דעם בעל דבר, איז זי געווים זעהר א שלעכטע, אויב עס איז אלעס אמת, ווי איהר שרייבט. אבער פארעפענטליכען עס פון אן איינצעלנער פערזאן, קענען מיר עס נים. ווארום נים פארהערען אט די אלע קלאגען פאר דער יוניאן? אויב עס איז אזוי, ווי איהר שרייבט, מוזען דאך אלע זיין נים צופרידען

מיט איהם. טו ווארום זאלען זיי דולדען איהם? דאך זאגען מיר אייך צו צו טרייען אויסגעפינען דעם אמת, און דאן וועלען מיר פון אונזער זייט פרובירען, אויב עס איז נים מעגליך עטוואס צו פארבעסערען די לאגע.

ב. לעמפערט. עס איז נים בלויז די לופט, די פרישע מילך, און ז. וו., וואס מאכט אזוי דעם גאנצען אינהאלט פון א וואקיישאן. מאנכע האבען עס דאס א גאנצען יאהר, און אויך פאר זיי איז א וואקיישאן נויטיג. די הויפט זאך אין א וואקיישאן איז די ענדערונג, די צייטליכע ענדערונג אין אייגענעם לעבען, דאס באפרייען זיך פון דער אלטעגליכער רוטינע און דאס קומען אין צוזאמענשטויס מיט א נייער סביבה, נייע פנים'ער, און עטוואס א נייע לעבענס ארט. דערפאר וועט איהר געפינען, אז גאר פיעלע מענשען פון דער קאנטרי קומען צו פארברענגען זייער וואקיישאן אין ניו יארק. פאר אונז, ניו יארקער, קומט עס אויס, אפשר, פריקרע. א וואקיישאן אין אט דעם קעסעל־גרוב. אבער פאר די וואס לעבען אימער אין רוה און שטילקייט, איז אט די קעסעל־גרוב־קאכעניש אן ענטפלעקונג, איינער פון די גרעסטע וואונדערס, און זיי באטראכטען די שטיקעל צייט, וואס זיי פארברענגען דא, פאר זייער בעסטען פערגעניגען. מעהר פון אלץ, פאר אן אמת גוטען וואקיישאן, איז נויטיג, ווי וויים מעגליך זיך צו באפרייען פון אלע היום־זארגען.

טשילדרען קלאוק ענד ריפער מייקערס יוניאן, לאק. 17. מיר האבען מורא, אז ברודער ליבערמאן האט אביסעל רעכט מיט זיין באהויפטונג אין א בריעף צו אונז: „דענקט איהר נים, אז עס איז א שטיקעל קאנספיראציע צו מאכען אט די אלע באנקעטלעך, ווען איהר זעגט נימא?" און איז ער נים גערעכט? האבען לאקאל 1, 23 און איצט איהר נים געקענט אפלייגען די באנקעטען ביז אונזער צוריקקומען פון אונזער וואקיישאן? די זאך איז פארדעכטיג, נאר גארנים, מיר אונטערדריקען פילאזאפיש אונזער מיסגעשטימטקייט, און שיקען אייך אונזער הארציליכע גראטולאציאן. איבערהויפט אפעלירט עס צו אונז, וואס דער באנקעט ווערט באראנשטאלטעט לכבוד ברודער בערקאוויטש, וואס האט אייך געדינט אלס מענעדזשער פאר צוויי יאהר צייט מיט אזא „פעהיגקייט און אינטעליגענץ". דאס איז א קלארער באווייז, אז די ארבייטער זיינען גארנים אזוי אומדאנקבאר, ווי שלעכטע צינגער רעדען וועגען זיי. און דערצו וועט עס זיין א גוטער לעסאן פאר זיין נאכפאלגער, ברודער ניסנעוויטש. זאל ער וויסען, אז אויך אויף איהם ווארט א באנקעט, אויב ער וועט עס נאר פארדינען.

דיזע צייטונג
ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענגלישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די
אפ־טו־דייט פרינטינג קא.
195 קאנעל סט. ניו יארק
טעלעפאן 5425 פרענקלין.

פון וואנען קומט
מאגען־פערשטאפונג?
אין יעדען מענשען'ס קערפער געפינען זיך געוויסע שטאפען, וואס העלפען דעם מאגען ארבייטען. דורך עסען אונפאסענדע שפייזען און לעבען אונרעגעלמעסיג, פערמינדערען זיך דיזע שטאפען און דאס פיהרט צו מאגען־פערשטאפונג.
עקס־לאקס
דער טשאקאלאד אבפיהר־מיטעל
ערזעצט דיזע שטאפען אין מאגען, פרישט אויף דאס בלוט, מאכט די מוסקלען בעסער ארבייטען און גיט דעם מענשען יעדע מעגליכקייט הנאה צו האבען פון לעבען.
עקס־לאקס איז דער שטאף וואס שאפט אב עצירות און ווירקט אויף דער גאנצער מענשליכער געביידע ארויסצושליידערען דאס שעדליכע און דיסטילירען דאס בלוט.
10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

קלאוק אפערייטארס יוניאן, לאק. 1
א׳ ל. ג. וו. י.
א רעגולאר מעמבער מיטינג
וועט אפגעהאלטען ווערען
מאנטאג אבענד, דעם 25טען אויגוסט
אין בעטהאווען האל, 21טען איסט 5טע סטריט
פ. קאטלער, מענעדזשער.

קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1, א. ל. ג. וו. י.
אונזער זיעג פון לעצטען גענעראל סטרייק
וועט געפייערט ווערען מיט אן
ערשטע קלאסע קאנצערט
לייבאר דעי (1 אוהר ביי טאג)
אין
קופער יוניאן
8טע סטריט און 3טע עוועניו
וואטשט אונזער פראגראם אין די טעגליכע פרעסע.
עקזעקוטיוו באארד לאקאל 1
פ. קאטלער, מענ.
מ. וואלבערג, טשערמאן.
ס. דזש. רינגער, סעק.

די פרויען וועלט

פון ראָזע בעדריק (בלינדער).

True translation filed with the Postmaster at New York City on Aug. 22, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

אַן אָפענער בריעף צו אַלע אַרבייטער־פרויען און מיידלעך.

די קעיט ריטשאַרדס אָ'העיר קאָמיטע פון באַקאַנטע ראַדיקאַלע פרויען, וועלכע האָבען זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו העלפען באַפרייען די באַוואוסטע אַמעריקאַנער אַרבייטער־פיהרערין, קעיט ריטשאַרדס אָ'העיר, ווענדעט זיך מיט פאָלגענדען אָפענעם בריעף צו אַלע אַרבייטער־פרויען און מיידלעך איבער'ן גאַנצען לאַנד:

גענאָסינען און שוועסטער פרויען:

האָט איהר באַמערקט דאָ אַנומלטען אין די צייטונגען די ערפרעהענדע מעלדונג, אַז דער פרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען קלייבט זיך צו רעווידירען די פראָצעסען פון יודזשין וויקטאָר דעבס און קעיט ריטשאַרדס אָ'העיר? אויב דער פרעזידענט איז גרייט צו אונטערזוכען זייערע פראָצעסען און זעהן צו איז נעגען זיי ניט באַגאַנגען געוואָרען אַן אומרעכט, איז דאָס דער בעסטער באַווייז, אַז עס איז יעצט דער פאַסענדסטער מאָמענט אויפצוהויבען אונזער שטימע הויך און ענטשלאָסען, און לאָזען וויסען דעם פרעזידענט, אַז הונדערטע טויזענדע פון אונז שטעהען שטאָל און אייזען מיט דיזע העלדישע מאַרטירער פאַר עכטער און אמת'ר דעמאָקראַטיע. און אַז מיר ערוואַרטען מיט אונגעדולד דעם טאָג פון זייער באַפרייאונג פון געפענגניש.

אַלס פרויען זיינען מיר שולדיג אַ באַזונדער חוב אונזער טרייער גענאָסין און בראַווער פרוי, קעיט ריטשאַרדס אָ'העיר, וועלכע האָט אָפּגעגעבען איהר גאַנצען לעבען דעם קאַמף פאַר פרייהייט און גערעכטיגקייט, און וועלכע איז איצט אַליין אַ קרבן פון אונטערדריקונג און אומגערעכטיגקייט.

קעיט אָ'העיר איז פאַראורטיילט געוואָרען צו פינף יאָהר געפענגניש אויף דער ניט־באַוויזענער און אומבאַגרינדעטער באַשולדיגונג, אַז זי האָט אַגיטירט נעגען פרייוויליגער אַנשליסונג אין דער אַרמעע. אויפ'ן סמך פון דיזער פאַלשער באַשולדיגונג פינסטערט קעיט אָ'העיר שוין איבער דריי מאָנאַטען אין געפענגניש, אָפּגעריסען פון איהר פאַמיליע און קליינע קינדער, און איז דאָרט געצוואונגען צו אַרבייטען אויף אַ מאַשין צעהן שטונדען אַ טאָג. די דאָזיגע שווערע אַרבייט, צו וועלכע זי איז ניט און קען ניט געוואוינט ווערען, דערצו נאָך די שרעקליכע היצען, די אָרימע געפענגניש־שפּייז, און איהר שטאַרקע בענקשאַפט נאָך איהרע קינדער, האָבען פון איהר אין די עטליכע מאָנאַט צייט, ממש אַ תל געמאַכט. זי האָט דורך דער צייט שוין צוויי מאָל צוזאַמענגעבראָכען און אַלס רעזולטאַט דערפון פיהלט זי זיך איצט שרעקליך אָפּגעשוואַכט און דערשלאָגען.

און אָט די אַלע צרות און מאַטערנישען שטעהט איצט אויס די אָרימע קעיט אָ'העיר נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט תמיד און צו אַלע צייטען, דורך די לעצטע פאַר צעהנדליג יאָהר געלאָזט הערען איהר מעכטיגע פראָטעסט־שטימע נעגען דער גוואַלדיגער אומגערעכטיגקייט פון חער הייניטיגער קאַפּ־לאַפּ אָרדנונג און האָט געפאָדערט פרייהייט און גערעכטיגקייט פאַר די ברייטע אַרבייטער־מאַסען פון'ם פאָלק.

די שטאַרקע האַנד פון די איצטיגע מאַכט־האָבער האָט זי דערפאַר איצט פאַרשפּאַרט אין געפענגניש אויף גאַנצע פינף יאָהר אויף פינף לאַנגע שווערע יאָהר פון אַנגסט און מאַטערניש! וועט איהר שוועסטער אַרבייטער־פרויען איצט בלייבען פון דער ווייטענס און גלייכגילטיג צוזעהן די גוואַלדיגע אומרעכט וואָס ווערט איצט אין'ם נאָמען פון „גערעכטיגקייט" באַגאַנגען נעגען אונזער טרייער און בראַווער שוועסטער פרייהייטס־קעמפערין — נעגען קעיט ריטשאַרדס אָ'העיר?

מיר אַפּעלירען צו אייך שוועסטער אַרבייטער־פרויען און פאַרלאַנגען, אַז יעדע פון אייך זאָל אַזוי באַלד ווי איהר וועט האָבען דאָס איבערגעלייענט, זיך ווענדען צו מיס העלען האָלמאַן, סעקרעטערין פון דער קעיט ריטשאַרדס ה'העיר קאָמיטע, אין 7 איסט 15טע סט. און זי בעטען איהר צו שיקען פראָטעסט־בלאַנקען; און ווען איהר קריגט די בלאַנקען זאָלט איהר זעהן צו קריגען אויף זיי אונטערשריפטען פון אַזוי פיעל פרויען ווי מעגליך, און די אונטערגעשריבענע בלאַנקען דאַן צוריקשיקען צו מיס האָלמאַן. איהר קענט אויך פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל אייך צושיקען דעם ליפלעט מיט'ן נאָמען: „הו איז קעיט ריטשאַרדס אָ'העיר?". איהר קענט דיזע ליפלעטען פאַרנאַנדערטיילען צווישען אייערע באַקאַנטע פרויען און מיידלאַך.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז אויב איהר קענט נאָר באַשטייערען עפּעס געלד, ווי קליין די סומע זאָל ניט זיין, צום ספּעציעלען פאַרטיידיגונגס פאָנד פון דער דאָזיגער קאָמיטע — דאַרפט איהר עס אודאי טאָן. איהר מוזט וויסען אַז וואָס דער אויסגאַנג פון'ם פרעזידענט'ס אונטערזוכונג פון קעיט אָ'העירי'ס פּראָצעס זאָל ניט זיין, טאָר אונזער אַגיטאַציע פאַר איהר באַלדיגער באַפרייאונג ניט אָפּגעשטעלט ווערען אויף קיין איין מינוט.

קורץ, גענאָסינען און שוועסטער פרויען מיר ערוואַרטען אַז איהר וועט אַלע, וואָס לייענט דיזען בריעף טאָן אייער חוב צו קעיט אָ'העיר און דאָס טאָן מיט דער זעלבער ערנסטקייט און איבערגעבענהייט, מיט וועלכע מיר ווענדען זיך צו אייך אין דיזען בריעף...

דער דאָזיגער בריעף פון דער קעיט אָ'העיר קאָמיטע איז אונטערגעשריבען פון מיס מעטאַ ליליענטאַל, טשערמאַן פון דער קאָמיטע. דער בריעף נויטיגט זיך ניט אין קיינע פירושים; ער רעדט פאַר זיך אַליין און אין גאַנץ קלאָרע דבורים. מיר ווילען נאָר אויסדריקען אונזער האָפנונג אַז אונזערע לעזערינס וועלען זיך אָפּרופען אויף מיס ליליענטאַל'ס אויפרוף אַזוי וואַרעם ווי ער פאַרדיענט.

* * *

די געבורט פראַגע אין פראַנקרייך פון'ם שטאַנדפּונקט פון אַ מוטער.

דער פאַרלוסט פון אַזוי פיעל מיליאָנען מענשען־לעבענס, וועלכע זיינען אומגעקומען אין דער נאָר־וואָס געענדיגטער וועלט־מלחמה, דער פאַרלוסט פון די לעבענס פון די יונגסטע, שטאַרקסטע און לעבענס־פעהיגסטע מענער, וועלכע זיינען אויסגע'הרג'עט געוואָרען אויף די שלאַכטפעלדער, און פון די מיליאָנען יונגע לעבענס פון קליינע קינדער, וואָס זיינען אויסגעשטאָרבען פון הונגער און קראַנקהייט אַלס דירעקטער פועל יוצא פון דער שרעקליכער מלחמה, — דער דאָזיגער גוואַלדיגער פאַרלוסט פון מענשליכע לעבענס און לעבענס־קראַפט האָט אומעטום, ביי אַלע פעלקער און אין אַלע לענדער, וואָס האָבען זיך אין דער מלחמה באַטייליגט, אַרויסגערופען די פראַגע: ווי אַזוי, אויף וואָס פאַר אַן אופן און דורך וועלכע מיטלען קען און זאָל דער דאָזיגער חורבן וואָס גיכער צוריקגעבויעט און ערזעצט ווערען?

מעהר פון אַלע אַנדערע פעלקער איז אין דער פראַגע פון באַלדיגער ערזעצונג פון דער פאַרלאָרענער לעבענס־קראַפט פאַראינטערעסירט דאָס פראַנצויזישע פאָלק. פראַנקרייך שטעהט שוין די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהר פנים אל פנים מיט דעם טרויעריגען פאַקט פון אַ ניט־וואַקסענדער — אויב ניט צוריקוואַקסענדער — באַפעלקערונג. נאָך לאַנג פאַר דעם אויסבּרוך פון דער מלחמה האָט די צאָהל פון געבורטען אין פראַנקרייך געהאַלטען אין איין פאַלען, און איז, אין פּראָפּאָרציע צו דער דאָרטיגער באַפעלקערונג און צו איהר שטערבליכקייט, געווען ווייט ניט גענוג צו פאַרזיכערען ניט בלויז די געווינשטע פאַרמעהרונג פון'ם פראַנצויזישען פאָלק, נאָר אפילו די ווייטערע אויפהאַלטונג פון זיין איצטיגער גרויס. עס איז דאַריבער גאַנץ נאַטירליך וואָס דער נייער, מורא'דיגער היזק אין מענשליכע לעבענס, וואָס די איצטיגע מלחמה האָט פאַראורזאַכט דעם פראַנצויזישען פאָלק, האָט חיינט דאָרט אַרויסגערוקט צום סאַמע פראָנט די פראַגע פון אָנווענדען פאַרשידענע מיטלען צו ערמוטיגען די פראַנצויזישע פרויען צו געבוירען וואָס מעהר קינדער.

מעהרערע געזעצען זיינען דאָרט שוין אָנגענומען געוואָרען צו באַשיצען און באַלוינען קינדפּעטאָרינס. און צו ענטמוטיגען אומפאַרהייראַטע מענער פון בלייבען אומפאַרהייראַט.

און ניט נאָר די געזעצגעבונג און די עפענטליכע מיינונג איז דאָרט באַשעפטיגט מיט דער דאָזיגער ברענענדער פראַגע; די טעטיגקייט צו פאַרגרעסערען צווישען די פראַנצויזען די צאָהל חתונות און געבורטען האָט די לעצטע צייט דאָרט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ מין־באַוועגונג. אומעטום, וואו מען שטעהט און געהט, אין די קירכען, אויף דער ביהנע, אין דער פרעסע, און אויף פאַרזאַמלונגען הערט מען נאָר: „האָט חתונה, געבוירט קינדער, און ראַטעוועט דאָס פראַנצויזישע פאָלק!"

אין אָט דער פראַגע, ווי אין אַלע אַנדערע געזעלשאַפטליכע פראַגען פעהלט ניט אויך די שטימע פון די סאָציאַליסטען — פון די אמת'ע פאַרטרעטער פון פאָלק און פון'ם פאָלקס אינטערעסען.

די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע צייטונג „ל'הומאַניטע", רעדענדיג וועגען דער דאָזיגער פראַגע זאָגט:

„מיט הוילער אַגיטאַציע פאַר מעהר חתונות און מעהר געבורטען וועט נאָך די פראַגע ניט געלייזט ווערען. אויב דער שטאַאַט איז באמת אויסען, אַז דאָס פראַנצויזישע פאָלק זאָל ניט אונטערגעהן, נאָר וואַקסען און זיך פאַרמעהרען, דאַן מוז דער שטאַאַט זעהן, אַז די קינדער וואָס ווערען געבוירען זאָלען קענען לעבען און זיך ענטוויקלען; אַז זיי זאָלען אַלע, אַלע, אָהן אויסנאַהם, האָבען גענוג שפּייז און געזונטע שפּייז, גענוג לופט און ריינע לופט, גענוג זון־ליכט, גענוג קליידונג, גענוג שפּיעלצייג און אַלע אַנדערע זאַכען וואָס זיינען אַזוי נויטיג פאַר אַ געזונטער און נאָרמאַלער ענטוויקלונג פון קינדער.

וואָס פאַר אַ זינען האָט עס צו אַגיטירען פאַר מעהר קינדער־געבורטען, ווען די רעכט פון די מייסטע שוין געבוירענע קינדער, פון קינדער וואָס זיינען געבוירען אין אַרבייטער־פאַמיליען — ווען די רעכט פון אָט די קליינע קינדער פון די גרויסע אַרבייטער־מאַסען ווערען היינט אויף דעם שענדליכסטען און ברוטאַלסטען אופן פאַרגוואַלדיגט פון'ם ערשטען מאָמענט אָן, ווען דאָס קינד עפענט זיינע אויגען אויף זיין וועלטעל פון ענגשאַפט, פינסטערניש, אָרימקייט און נויט.

די דאָזיגע קליינע שוואַכע באַשעפענישלעך, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אין די ענגע, שמוציגע גאַסען פון אונזערע אַרבייטער־קוואַרטאַלען, איבערגעלאָזט צו זייער אייגענעם שיקזאַל, אויסגעזעצט צו אַלערליי געפאַהרען, אָהן אויפזיכט פון עלטערען (די עלטערן זיינען דעם גאַנצען טאָג פאַרנומען ביי דער אַרבייט), אָהן אייגענעם פאַרשטאַנד אַליין זיך צו באַשיצען, זיינען זיי, אָט די אָרימע אומשולדיגע נפשות, איבערגעלאָזט אויף הפקר צו שטאַרבען אָדער גע'ניזק'ט צו ווערען קערפּערליך, און פאַרדאָרבען און געשעדיגט צו ווערען גייסטיג און מאָראַליש...

און דער שטאַאַט? וואָס טוט ער פאַר דער באַשיצונג און אָפּהיטונג פון די אָרימע אַרבייטער־קינדער, וועלכע וועלען עס דאַרפען זיין די אויפבויער פון'ם נייעם דור? דער שטאַאַט טוט גאָרנישט אָדער כמעט גאָרנישט!

„געבוירט קינדער, מוטערס! געבוירט וואָס מעהר קינדער!" הערט מען אַ געשריי פון אַלע זייטען. אָבער איז דאָס אַ יושר, איז דאָס עהרליך צו ברייננען מעהר קינדער אין אַ געזעלשאַפט אונטער אַ סיסטעם, וואו די מייסטע קינדער פון דעם פאָלק ווערען אַזוי שענדליך פאַרנאַכלעסיגט. און וואו זייערע נאַטירליכסטע און עלעמענטאַרסטע רעכט, זייערע רעכט אויף אַ געזונטען און נאָרמאַלען לעבען און ענטוויקלונג, ווערען אַזוי פאַרברעכעריש פאַרגוואַלדיגט?

דאָס פראַנצויזישע פאָלק, ווי יעדעס אַנדער פאָלק וויל לעבען און עס האָט אַ רעכט צו לעבען. און אום צו לעבען מוז דאָס פאָלק וואַקסען און זיך פאַרמעהרען; עס מוז געבוירען קינדער און וואָס מעהר קינדער. אָבער אום צו לעבען מוז דאָס פאָלק אויך האָבען אַלע פרייהייטען און מעגליכקייטען צו קענען לעבען צו קענען געניסען פון'ם לעבען אַלץ וואָס דאָס לעבען פאַרמאָגט... היינט־צו־טאָג האָבען אָט די פרייהייטען און מעגליכקייטען בלויז אַ קליינע באַגרענעצטע צאָהל פראַנצויזישע קינדער, די קינדער פון די רייכע און מעכטיגע — אָבער ניט דאָס גאַנצע גרויסע שאַפענדע פאָלק, וועלכעס האָט דאָס גערעכטעסטע רעכט אויף לעבען..."

דאָס ציטירטע איז אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקעל אין דער „ל'הומאַניטע". געשריבען פון אַ פרוי, וואָס איז אַליין אַ מוטער פון עטליכע קינדער. דאָס גיט דעם אַרטיקעל צו אַ באַזונדער ווערט, ווייל אין איהם רעדט די פראַנצויזישע פרוי און מוטער.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאַקטאָר און די לעזער.

ס. דובראָוו. — יאָ, עס קען זעהר מעגליך זיין, אַז איצט, ווען אייניגע אַרבייט באַצאָהלט זיך פיעל בעסער, וועט די יאַגעניש נאָך קאַריערען פון אַ פּראָפעסיאָנעלען כאַראַקטער באַדייטענד פאַרמינדערט ווערען. טאַקע, צו וואָס זאָל איינער אָפּגעבען יאָהרען פון שטודיום, אום צו ווערען אַ פּאַבליק־סקול־לעהרער, זאָגען מיר, און קריגען באַצאָהלט צוואַנציג דאָלאַרס אַ וואָך, אַז ער קען אין עטליכע וואָכען אויסשטודירען אַלס קלאָוקס־אָפּרייטאָר און פאַרדיענען אַם ווענינסטענס 44 דאָלאַר אַ וואָך! דאָס זעלבע קען אויך זיין דער פאַל מיט שרייבער. די טובה דערפון קען זיין, אַז איצט, ווען אַזוינער וועט זיך נעהמען צו לעהרעריי און שרייבעריי, וועט ער עס טאָן, ווייל ער פיהלט אַ בערוף דערצו, ווייל ער האָט עס ליעב, און ניט צוליעב די פאַרדיענסטען, וואָס דאָס ברענגט איין. קען זיין, אַז דאָס זאָל פיהרען דערצו, אַז מיר זאָלען האָבען ווענינער לעהרער, ווענינער שרייבער, אָבער דערפאַר פיעל בעסערע, פיעל מעהר פעהיגע. און אַז זיי וועלען ווערען ווענינער אין צאָהל, וועלען זיי שוין בטילא מיט דער צייט אפילו, ווען זיי זאָלען ניט האָבען קיין יוניאָן, מוזען קריגען אויך בעסער באַצאָהלט, לויט דעם געזעץ פון סופּליי ענד דעמאַנד (נאָכפראַגע און אָנבאָט) וואָס האָט נאָך אַלץ אַ גרויסע מאַכט אין אונזער לעבען.

מיסס. ג. — די „קליינע" פעהלערען, וואָס מיר האָבען אויסגעזעצט אין „יוניטי הויז", זיינען שוין לאַנג באַזייטיגט; און פון אַלע זייטען הערען מיר נאָר באַגייסטערטע אָפּרופען. דער פּלאַץ איז איבערפילט. דאָך פּרובירט אָנפרעגען, פיליכט איז אַ פּאָר וואָכען שפּעטער וועט זיך אויך פאַר אייך געפינען אַ פּלאַץ.

גראָדסקי. — מיר קענען ניט ענטפערען אַלעמען אַזוי, בריעף, ווי מיר וואָלטען געוואונשען אַמאָל. דער פּלאַץ צווינגט אונז צו זיין קורץ און שאַרף, כאָטש איהר רופט עס אויף ענגליש „עבראָפּט".

ב. וו. — גוט, וואָס איהר האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם. מיר וועלען פון אונזער זייט אויפמערקזאַם מאַכען דעם איבערזעצער. נאָך אַלעמען אָבער דאַרפט איהר זיך ניט נעהמען שטאַרק צום האַרצען. פאַרגעסט ניט, אַז ניט פאַר זיי און ניט צוליעב זיי ווערט עס געשריבען.

ק. פ—ן. — עס איז גאַרניט שלעכט אָנגעשריבען, אָבער מיר דענקען, אַז פאַר אַ געשיכטע פון דער יוניטי הויז איז עס נאָך פּונקט אַזוי פריה, ווי עס איז צו פריה צו שרייבען די געשיכטע פון אַן ערשט־געבאָרען קינד. וואָס איהר שרייבט, איז פאַרגעשיכטע. איז אָבער אויך דאָס דאַרף געשריבען ווערען, ווען דאָס קינד וועט שוין מאַכען געשיכטע. אַלזאָ, אָפּוואַרטען מיט דער טעמע נאָך אַ פּאָר יאָהר, ווען אַלעס וועט שטעהן אויף אַ זיכערען און פעסטען באָדען. די באַמערקונג אונזערע דאַרף ניט באַטראַכט ווערען אַלס אַן אויסדרוק פון דעם מינדסטען צווייפעל, אויב דאָס קינד וועט אויסוואַקסען אַ שעהנעם, אַ גערעטענעם, אַ שטאָלץ פאַר זיינע עלטערען. מיר זיינען זיכער אין דעם. אָבער פונדעסטוועגען צו שרייבען געשיכטע איז דאָך צו פריה. איבעריגענס, מיר האָפען, אַז דאָס קינד, אויסוואַקסענדיג, וועט ענטוויקלען אַזוי פיעל טעטיגקייטען, און גרויסע אייגענשאַפטען, אַז קיינעם וועט גאַרניט איינפאַלען זיך צו פאַרנעמען מיט געשיכטע־שרייבעריי. מיט דעם איצטיגען שרייבען האָט איהר באַוויזען, אַז איהר קענט שרייבען. פּרובירט דאַרום עפּעס אַנדערעס.

מ. זאַקס. — אונזער אַפּוועזענהייט פאַר אַ קורצער צייט פון ניו יאָרק מאַכט עס פאַר אונז אונמעגליך אויסצוגעפינען אַלעס נויטיגע וועגען אייער קאָמיטע. ווידער דרוקען אייער אויפרוף אויפ'ן הילען גלויבען, ווילט זיך אונז שטאַרק ניט. דער פאַקט איז, אַז אין דער לעצטער צייט האָבען זיך גאָר צופיעל פאַנאַנדערגעפלאַדערט די הילפס־קאָמיטעס פאַר רוסלאַנד, פון וועלכע פיעלע, קען זיין, העלפען גאָר מעהר זיך, ווי די אומגליקליכע אין רוסלאַנד. די רוסישע נויט, קען זיין, ווערט פון פיעלע עקספּלואַטירט אויפ'ן שענדליכסטען אופן. עס קען זיין, אַז אייער קאָמיטע איז ניט פון דעם סאָרט, אָבער מיר וויסען עס ניט. און ביז דאַן, ביז מיר וועלען אויף זיכער וויסען דעם אמת'ען כאַראַקטער פון

4 זאכען מוזט איהר האבען
אום הנאה צו האבען פון אייער וואקיישאן

גוטע, געזונטע לופט, שעהנע געגענד, גוטע, פרישע און געשמאקע עסענס, באקאנטע און אנגענעהמע געזעל־שאפט.

דאס אלעס זיינט איהר זיכער צו האבען ווען איהר פאהרט אויף אייער וואקיישאן צו אייער באקאנטען

A. ELLNER & M.WANGEL'S FLEISCHER HOUSE

דער פלאץ געפינט זיך אין שעהנסטע און העכסטע מאונטיין געגענד. די הויז און קאטעדזשעס זיינען איינגעפיקסט מיט אלע מאדערנע אימפּרוואומענטס, געפינט זיך בלויז 10 מינוטען גאנג פון סטיישאן, אייגענע קיה טשיקענס און גארטען וואס סופּליים אין גאנצען דאס מילכינע, פלייש, אייער און וועדזשעטייבעלס. די עסענס ווערען געקאכט פון אן עקספּערט שעף. פיעלע אמיוזמענטס, ביימהינג און פישינג, דענס האל, פול און ביליארד קאסינא, מיוזיק ביי די מאהלציימען, טעניס קאורט, לייברערי, א. ז. וו.

פאר פאלשטענדיגע צופריעדענהייט גאראנטירט דער מענעדזשינג פראפּרייעטאר, א. עללנער. פאר מעהר איינצעלהייטען אדרעסירט צו

A. ELLNER, FERNDALE, SULLIVAN COUNTY, BOX B.

קלאוק פינישערס פון לאקאל 9
אויפמערקזאם

אלע פינישערס וועלכע האבען קיין פלעצער צו דער ארבייט זיינען אויפגעפאדערט צו קומען באלד אין אונזער אפיס, 228 צווייטע עווענױ, וואו איהר וועט קריגען פלע־צער צו דער ארבייט.

מיר קריגען יעדען טאג קאלס פאר פינישערס, פון פיעלע רעספּעקטאבעל פירמעס. דארום איז יעדער פינישער אויפ־געפאדערט ניט ארום צו געהן אין די גאסען אדער אין די שע־פּער זוכען אליין א דזשאב. דער יעניגער פינישער וועלכער וועט אליין געהן זוכ'ן א דזשאב, וועט ניט קריגען קיין וואר־קינג קארד.

שאפּ טשערליים! מיר אפּעלירען צו אייך, דאס איהר זאלט טאן אייער פליכט און לאזט קיין פינישער ארביי־טען אהן א ווארקינג קארד פאר דעם זעלבען שאפּ.

ווארקינג קארדס קען מען קריגען נאר אין לאקאל.

די עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9

דזש. האלפערן, מענעדזשער.

קלאוק און סקוירט פרעסערס יוניאן לאקאל 35
אויפמערקזאם !

אלע פרעסערס זיינען אויפגעפאדערט מעהר ניט צו געהן סיי אין פארק און סיי אין 5טע עווענױ. אלע די וועלכע זוכען דזשאבס זאלען זיך קומען רע־דזשיסטרירען אין דער יוניאן.

די מעמבערס, וואס וועלען זיך ניט רעדזשיס־טרירען, וועלען ניט קריגען קיין קארדס צו געהן צו דער ארבייט.

עקזעקוטיוו באארד אף לאקאל 35

דזש. ברעסלאוו, מענעדזשער.

די זומער יוניטי הויז פון לאקאל 25 וועט זיך שליסען דעם 15טען סעפּטעמבער

צוליעב מאנגעל אין פלאץ וועלען

פאר לייבאר דעי

אויפגענומען ווערען

בלויז מיטגליעדער פון לאקאל 25

אין דער יוניטי הויז ווערען אויפגענומען בלויז די מיט־גליעדער וואס האבען רעדזשיסטריישאן קארדס. די וואס קומען אהן אזעלכע קארדס וועלען זיכער צוריקגעשיקט ווערען.

רעדזשיסטרירט אייך גלייך אין אפיס פון
דער יוניאן 16 וועסט 21טע סטריט

די יוניטי קאמיטע.

די יוניאן־קאאפּעראטיוו סאסייעטי
לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן
פערקויפט אויסשליסליך

ווייט לילי טהעע
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי

י. קראוז
בעדזשעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ.
סטריקטלי יוניאן ארבייט.
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

טעלעפאן גרעמערסי 2441
דר. לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

טשאטהאם פּרינטינג קא.
2 איסט בראדוויי
קריגט אונזער עסטימייט.

A. DELBON
פּיקטשור און שאפט שערס.
484־90 6טע עווענױ,
ניו יארק.
צווישען 29טע און 30טע סטריט

רעזוירס איבער
$45,000,000
מעהר ווי 10 0,000 דעפּאזיטארס
די סטייט באנק
זיכער — קאנסערוואטיוו — צופריעדענשטעלענד.
מעמבער פון ניו יארק קלירינג הויז.
דעפּאזיטארס פון די יונייטעד סטייטס, סטייט און סיטי אף ניו יארק.
פּייער דעפּארטמענט און יונייטעד סטייטס פּאסטעל סייווינג פאנדס.
THE STATE BANK
שטארק ווי דער פעלזען פון גיבראלטאר
374 גרענד סטריט, ניו יארק
100 עססעקס סט. 7 וועסט 26טע סט. 1400 פינפטע עוועניו.
158טע סטריט, יוניאן און וועסטשעסטער עווענױס.
ברוקלין בראנטשעס:
גרעהעם עווע. און וועריעט סט., פיטקין און סטאון עווענױס.

שאַפּ-טשערלייטע און קלאוקמאַכער

אויפּמערקזאם!

ברידער! ערלויבט קיינעם ניט ארויפּסק...
טען ארבייטען אין די שעפּער אָהן א וואַרקינ...
קאַרד פון דער יוניאָן.

יעדער איינער וועלכער קומט ארויף צו דע...
ארבייט מוז האָבען א וואָרקינג קאַרד פון זיי...
לאָקאל, אנצייכענדיג דעם נאָמען פון דער פיר...
מא וואו ער נעהמט ארבייטען.

מיר פאָדערען אויף די שאַפּ טשערלייטע אויפצופּאַסט...
אויף דיעזען באשלוס, ווייל די דזשאָינט באַארד וועט פּאַז...
טיוו אייך האלטען פאראנטווארטליך פאַר איבערטרעטע...
דיעזען געזעץ.

מיר מאכען אייך אויפמערקזאם אונזערע מעמבער...
דאָס נאָך דעם 15טען אויגוסט וועט אין קיין שאַפּ ניט ע...
לויבט ווערען צו ארבייטען מעהר ווי 8 שטונדען א טא...
די ארבייטער פון די שעפּער וועלען דאַרפען ארבייטען 5 ט...
א וואָך צו 8 שטונדען, דעם זעקסטען טאג ניט מעהר ווי...
שטונדען.

ארבייטער וועלכע ארבייטען ניט שבת, וועלען קע...
נען ארבייטען די 4 שטונדען אום זונטאג.

וועגען אָווערטיים איז פאלגענדעס באשלאָסען געווא...
רען:

איין (1) שטונדע א נאכט אָווערטיים איז ני... ערלויבט צו ארבייטען

אָווערטיים מוז באַשטעהן פון 2 שטונדען אדער 2 א...
א האלב שטונדען א נאכט.

און מעהר פון 10 שטונדען אָווערטיים דורך דע... וואָך טאָר ניט געארבייט ווערען

שאַפּ טשערלייטע און קלאוק מאכער! דיעזע באשל...
סע מוזען אומבאדינגט אויסגעפיהרט ווערען. מיר פאָדערע...
אייך נאָך אמאָל אויף צו פאַרלאַנגען וואָרקינג קאַרדס ב...
יעדען איינעם וואס קומט ארויף צו דער ארבייט.

היט אָפּ דעם געווינס פון דעם 8 שטונדיגען אר... בייטס טאָג!

דזשאָינט באַארד קלאוק סקויר...
און ריפּער מאכער יוניאָן.

ל. לאַנגער, סע...



באַרנעט

ל. בעקער

אפּטאמעטריסט און אָפּטישען

215 East Broadway — 100 Lenox Avenue

...709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

די לאָקאַלס פון אונזער אינטערנעשאַנעל

1. קלאוק אפּרייטארס יוניאן — סעמ'ל דזש. רינגער, סעק., 238 4טע עוו., נ. י.
2. פילאדעלפיא קלאוקמייקערס — מאקס מאנדלער, סעק., 244 ס. 8טע סט.
3. קלאוק און סוט פּיעס טיילארס — ד. רובין, סעק., 9 וו. 21טע סט., נ. י.
4. באַלטימאָר קלאוקמייקערס — א. ראַשקאָוויץ, סעק., 1023 א. באַלטימאָר סט.
5. שיקאגא קלאוקמייקערס — ה. סאָלאָמאָן, סעק., 1815 וו. דיוויזשאָן סט.
6. ניו יארק עמבראַידערי וואירקערס — י. זאַרעטסקי, סעק., 519 בערגען עוו., בראָנקס, נ. י.
7. באסטאן רייגקאוט מייקערס — דייוויד פערלמוטער סעק., 38 קאַסעוויי סט.
8. ליידיעס גארמענט וואירקערס — ה. י. גרינבערג, סעק., 411 פּהילאַן בילדינג, סאַן פראַנציסקאָ, קאַל.
9. קלאוק פינישערס יוניאן — דזש. האלפערן, סעק., 228 סעקאַנד עוו., נ. י.
10. אמאלגאמייטעד גארמענט קאטערס — דזשוליוס סטוּעלס, סעק., 7 וועסט 21טע סט., נ. י.
11. בראנזוויל קלאוקמייקערס יוניאן — ת. בראַדסקי, סעק., 219 סעקמאַן סט., ברוקלין, נ. י.
12. באסטאן פּרעסערס יוניאן — 751 וואשינגטאָן סט., באָסטאָן, מאַסס.
13. מאַנטרעאַל קלאוקמייקערס יוניאן — דזש. שובערט, 37 פּרינס אַרטהור סט.
14. טאראנטא קלאוקמייקערס — ס. יאַנפּאָלסקי, 208 ספּאַדינאַ עוו.
15. פילאדעלפיא ווייסטמייקערס — ס. קאַפּלאָן, 38 נ. 11טע סט.
17. נ. י. ריפּער מייקערס יוניאן — דזש. העללער, 117 סעקאַנד עוו.
18. שיקאגא קלאוק פּרעסערס — י. פּערלשטאַד, 1815 וו. דיוויזשאָן סט.
19. מאַנטרעאַל קלאוק קאטערס — דזש. קייזער, 37 פּרינס אַרטהור סט.
20. נ. י. וואטערפּרוף גאר. וואירק. — ס. פרידמאַן, 22 וועסט 17טע סט.
21. נוארק ליידיעס טיילארס — ג. גלאַסס, 103 מאָנטגאָמערי סט.
23. נ. י. שוירטמייקערס יוניאן — !. דזשאָזעפסאָן, 231 א. 14טע סט.
24. באסטאן סקוירט מייקערס יוניאן — 751 וואַשינגטאָן סט.
25. נ. י. ווייסטמייקערס יוניאן — 16 וועסט 21טע סט.
26. קליוולאנד קלאוקמייקערס יוניאן — טשארלס קריינדלער, 305 סופּיריאָר בלדג.
27. קליוולאנד סקוירט מייקערס יוניאן, טשארלס קריינדלער, 305 סופּיריאָר בלדג.
28. סיאטל לייד. טיילארס יוניאן — נ. קאָזאקאָף, 719 30טע עוו.
29. קליוולאנד קלאוק פינישערס — 305 סופּיריאָר בילדינג.
30. סינסינאטי קאטערס יוניאן — 311 אָדד פעלאָוס האָל.
31. לואיזוויל גארמענט מייקערס — דזש. עפּשטיין, 721 נ. מאַרקעט סט.
33. ברידזשפּארט קארסעט וואירקערס — מערי דזשי. פּעפּער, 409 וואָרנער בלדג.
34. ברידזשפּארט קארסעט קאטערס — דזשאָס. קובעק, 147 קעטהרין סט.
35. נ. י. פּרעסערס יוניאן — א. ע. קאָזאָן, 228 סעקאַנד עוו.
36. באסטאן ליידיעס טיילארס — דזשייקאָב וואַיִם, ק. אָ. באָסטאָן דזשאָינט ב.
37. קליוולאנד פּרעסערס יוניאן — 305 סופּיריאָר בילדינג.
40. ניו הייווען קארסעט וואירקערס — ליגאַ מ. דיקערסאָן, 285 גרינוויטש עוו.
41. נ. י. קימאָנא וואירקערס יוניאן — י. טשאַטקוף, 22 וו. 17טע סט.
42. קליוולאנד קלאוק קאטערס — 305 סופּיריאָר בילדינג.
43. וואוסטער וואיט גודס וואירקערס — סעם קאַהען, 49 העריסאָן סט.
45. יונייטעד דעזיינערס אוו ליידיעס וועאר — הערי בלומענטהאַל, 36 וו. 33 סט
46. פּעטיקאוט מייקערס יוניאן — י. טשאַטקוף, 22 וו. 17טע סט.
48. נ. י. איטאַליען קלאוקמייקערס — ס. נינפאָ, 231 14טע סט.
49. באסטאן ווייסטמייקערס יוניאן — מיס דזש. פרידמאַן, 919 וואַשינגטאָן סט.
50. נ. י. טשילדרענס דרעסמייקערס — מיס ב. גאַלקער, 22 וו. 17טע סט.
52. לאָס אנדזשעלעס גארמענט וואירקערס — ס. הערמאַן, 218 ס. בראָדוויי.
53. פילאדעלפיא ליידיעס טיילארס יוניאן — דזש. סטיינבאַך, 1737 ס. 9טע סט.
54. שיקאגא רייגקאוט מייקערס — ה. שליימאַן, 1145 בלוו אַיילאַנד עוו.
56. באסטאן קלאוקמייקערס יוניאן — 751 וואשינגטאָן סט.
58. נ. י. וואיסט באַטאַנהאָל יוניאן — מ. אוראָן, 80 א. 10טע סט.
61. מאַנטרעאַל קלאוק פּרעסערס — 37 פּרינס אַרטהור סט.
62. נ. י. וואיט גודס וואירקערס — מיס מ. ליפּשיץ, 117 סעקאַנד עוו.
63. סינסינאטי קלאוקמייקערס יוניאן — מיס ע. בעטין, 311 אָדל פעלאָוס האָלל.
64. נ. י. קלאוק באטאנהאל מייקערס — י. היבשמאַן, 112 וו. 21טע סט.
66. נ. י. באנאַז עמבראַידערי יוניאן — מיס ה. ספּינדלער, 220 א. 14טע סט.
67. טאָלידאָ קלאוקמייקערס יוניאן — ס. סטרולאָוויץ, 721 אָנידאַ סט.
68. הארטפארד גארמענט וואירקערס — א. פּרימאַק, 16 לומיס סט.
69. פילאדעלפיא קלאוק פינישערס — 244 ס. 8טע סט.
70. טאראנטא סקוירט מייקערס — 208 ספּאַדינאַ עוו.
72. באלטימאָר דרעס גודס וואירקערס — סיליא סאָמאַראָדני, 515 מונסי בלדג.
73. באסטאן אמאל. גאר. קאטערס — 751 וואַשינגטאָן סט.
75. וואוסטער קלאוקמייקערס — ס. פּאָלאַנסקי, 8 איגגאַל סט.
78. סט. לואיס קלאוק אפּרייטארס — ה. קאָרנבלוט, פּראַטוירנלא בילדינג.
80. ניו יארק ליידיס טיילאר און אלטערײשאָן ארבייטער יוניאן — ת. הילפמאָן, 725 לעקסינגטאָן עוו.
82. נ. י. ב., ב. ענד עקזאמינערס — מ. דזש. אַשפּיז, 78 א. 10טע סט.
83. טאראנטא קאטערס יוניאן — 208 ספּאַדינאַ עוו.
84. טאָלידאָ קאטערס יוניאן — דאָן ת. דייווי, 217 וואָרטהינגטאָן סט.
86. קענעדע ליידיעס טיילארס יוניאן — ל. רובין, גלען פּאָלס, סט. דזשאָהן, נ. ב.
90. נ. י. פּרייוועט דרעסמייקערס — ת. סילווערמאָן, 175 א. בראָדוויי.
92. טאראנטא קלאוק פּרעסערס — ב. וואָלהענדלער, 110 אָגוסט עוו.
94. סעמפּל ענד ליידיעס טיילארס — 305 סופּיריאָר בילדינג, קליוולאנד, אָ.
97. ליידיעס טיילארס יוניאן — דזשאָהן אוהרין, 218 ס. בראָדוויי, לאָס אנדזשעלעס
98. סינסינעטי סקוירט פּרעסערס יוניאן — 311 אָדד פעלאָוס האָל.
100. שיקאגא ליידיס ווייסטמייקערס יוניאן — דאָרא ליפּשיץ, 1576 מילוואָקי עוו.
101. באלטימאָר גארמ. וואירקערס — מ. מישי, 219 קילמאָר סט.
102. מאַנטרעאַל רייגקאוט מייקערס — 37 פּרינס אַרטהור סט. א.
103. לאָס אנדזשעלעס ליידיס ווייסטמייקערס — לאָס אנדזשעלעס, קאַל.
104. שיקאגא ליידיעס טיילארס — טהיאָדאָר בוירק, 180 וו. וואַשינגטאָן סט.
110. באלטימאר קאטערס יוניאן — 925 א. באַלטימאָר סט., ס. קרוימער, סעק.
112. מאַנטרעאַל ליידיס גארמענט וואירקערס — 37 פּרינס אַרטהור סט. א.
114. רייסין ראבער ענד רייגקאוט מייקערס — רושה אוליר, 1903 דאָגלאַס עוו.
115. נ. דזש. וויסט ענד וואיטגודס-וואירקערס — פרידא שווארץ, 446 סטיים סט., פּערטה עמבאָי, נ. דזש.
116. ליידיעס וויסט ענד דרעסמייקערס — דזשעני לעווין, 217 רוזוועלט סט., ניו הייווען, קאָנג.
117. וואיטגודס וואירקערס יוניאן — עטהעל באַרדי, 196 סט. דזשאָרדזש סט., ניו בראַנזוויק, נ. י.
118. ליידיעס גארמענט וואירקערס — הייזעל דזשעקסאָן, סעקאַנד עוו. רד., קלינטאָן, אייאָוואַ.
119. ווייסטמייקערס יוניאן — מרס. מערי מאלטש, פעדעריישאָן האָל, טראָי, נ. י.
120. ראטשעסטער ליידיס טיילארס — מ. מילער, 100 פּארק עוו., ראָטשעסטער, נ.י.
121. וויינלאנד ווייסטמייקערס — מיס ס. ריעף, 430 וואוד סט., נ. דזש.
122. שיקאגא עמבראידערי וואירקערס — לירא י. קיפּער, 2421 וו. מעדיסאָן סט.
123. פּעטערסאָן ליידיס גארמענט וואירקערס — הערמאָן גרין, 56 קליף סט.

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ״ז, 6).
אָן מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט פאַרלאָזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועלכע עס געלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראָו ווילסאָן.

אפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיעס גאַרמענט וואירקערס יוניאָן

Vol. I. No. 33. New York, Friday, Aug. 29, 1919, פרייטאג, דער 29טער אויגוסט, 1919 PRICE 3 CENTS

לאָס אַנדזשעלעס קלאָוק־מאכער סטרייק געסעטעלט

(ספעציעלע טעלעגראמע פון פרעזידענט שלעזינגער)

לאָס אַנדזשעלעס, אויג. 25. —

דער קלאָוק מאכער סטרייק אין לאָס אַנדזשעלעס, וועלכער האָט אָנגעהאַלטען 10 וואָכען צייט, איז היינט, מאָנטאָג דעם 25טען אויגוסט, געסעטעלט געוואָרען מיט א פולשטענדיגען זיעג פאַר דער יוניאָן.

די ארבייטער האָבען געוואונען אַלע זייערע פאָדערונגען און די שמחה איז דאָ זעהר גרויס. זיי וועלען פייערען זייער זיעג דעם מיטוואָך דורך א באַנקעט וואס איז אויך גיך אראַנזשירט געוואָרען. איך פאָהר דאָנערשטאָג אוועק קיין סאַן פראַנציסקאָ, וואו די ארבייטער אין קלאָוק טרייד פאָדערן דיזעלבע באַדינגונגען, ווי די וועלכע די לאָס אַנדזשעלעס׳ער ארבייטער האָבען געוואונען. בענ. שלעזינגער.

דיעזע קורצע טעלעגראמע פון פרעזידענט שלעזינגער רעדט זעהר פיעל.

דער קלאָוקמאכער סטרייק אין לאָס אַנדזשעלעס איז געווען א פאַרצווייפעלטער און זעהר א פאַרביטערטער. ער האָט געדויערט איבער 10 וואָכען און די בעלי בתים דאָרטען האָבען געזוכט פארשיעדענע מיטלען ווי אַזוי דעם סטרייק צו ברעכען. אָבער קלאָוקמאכער בלייבען קלאָוקמאכער, וואו זיי זאָלען זיך ניט געפינען, אפילו ביי די ברעגען פון פאַסיפישען ים! זיי האָבען געקעמפפט מיט גרויס מוט און אויסדויער ביז, יאָ ביז פרעזידענט שלעזינגער איז געקומען אַהין און זיי געהאָלפען דעם סטרייק סעטלען.

פרעזידענט שלעזינגער׳ס פאָהרען אַהין איז ווירקליך געווען, וואס מען רופט, „א זעהר גוטער שאָך־צוג", און, ווי איהר זעהט, האָט דאָס ווירקליך „געמאכט מאט" די פאַר׳עקשנ׳טע קלאָוק־מאַנופעקטשורערס פון לאָס אַנדזשעלעס. זיין קומען אַהין פון אַזוי ווייט האָט געמוזט האָבען די געווינשטע ווירקונג ניט נאָר אויף די קלאָוק־מאַנופעקטשורערס, נאָר אויך אויף דער גאַנצער דאָרטיגער עפענטליכער מיינונג. און דאָס איז, פאַרשטעהט זיך, אויסגענוצט געוואָרען צו גונסטען פון דעם סטרייק.

און דער קאמפף און זיעג פון אונזערע בראַווע קלאָוקמאכער אין ניו יאָרק שפּרייט זיך אויס אַלץ ווייטער און ווייטער! דער קאמפף און זיעג האָט זיך אָנגעפאַנגען ביי די ברעגען פון דעם אַטלאַנטיק און עס האַלט שוין ביי די ברעגען פון דעם פאַסיפיק!

בראַוואָ, קלאָוקמאכער פון איבעראַל! אונזערע וויקטאָרי־באַנקעטען ווערען שוין יעצט געפּראַוועט אין ניו יאָרק און אין לאָס אַנדזשעלעס אין איין און דער זעלבער צייט!

ניו יאָרקער לײדיס טיילאָרס גרייט צו א גענעראַל סטרייק

די הויפּט פאָדערונגען זיינען: וואָך־ארבייט, א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואָך און א מינימום סקייל פון 50 דאָלאַר א וואָך. — וויצע פּרעזידענט ס. לעפקאָוויטש ווערט געגרופען פון אונזער אינטערנעשיאָנעל צו העלפען פיהרען דעם סטרייק.

ביי אונזערע לײדיעס טיילאָרס און אַלטעריישאָן שניידער לאָקאַל 80 נעהמט איצט ווידער אָן א גאַנץ ענערגישער אָרגאַניזאַציאָנס־קעמפּיין, אונטער דער דירעקציאָן פון אונזער וויצע פרעזידענט סעמיועל לעפקאָוויטש, און די יוניאָן איז שוין פאַקטיש גרייט ארויסצורופען א גענעראַל־סטרייק פאַר די נייע פאָדערונגען.

ברודער לעפקאָוויטש איז ביי דער לײדיעס טיילאָרס יוניאָן שוין מעהר קיין גאַסט ניט. דאָס איז שוין דאָס דריטע מאָל, וואס ער איז מיט דער יוניאָן, זייט דעם יאָהר 1917. ער האָט שוין מיטגעמאכט מיט דער יוניאָן צוויי גענעראַל סטרייקס. דער איצטיגער סטרייק וועט זיין דער דריטער. ער איז גאַנץ באַליעבט ביי די מיטגליעדער פון דער יוניאָן און זיי האָבען צו איהם דאָס גרעסטע צוטרויען.

דעם קומענדען 1טען סעפּטעמבער ענדיגט זיך דער אַגרימענט צווישען דער לײדיעס טיילאָרס יוניאָן און די בעלי בתים, און צו דיעזער געלעגענהייט שטעלט די יוניאָן ארויס נייע פאָדערונגען — פאָדערונגען לויט דער צייט און לויט די אומשטענדען. די הויפּט פאָדערונגען פון דער יוניאָן זיינען:

1. וואָך־ארבייט.
2. א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואָך.
3. א מינימום סקייל פון 50 דאָלאַר א וואָך, און נאָך אייניגע אַנדערע פאָדערונגען.

וואס אַנבאַלאַנגט וואָך־ארבייט דאַרף דאָ געזאָגט ווערען, דאָס די ניו יאָרקער לײדיעס טיילאָרס יוניאָן איז אייגענטליך געווען די ערשטע לאָקאַל־יוניאָן אין אונזער אינטערנעשאַנאַל צו קעמפפען פאַר וואָך־ארבייט. נאָך מיט אייניגע יאָהר צוריק האָט די יוניאָן ערקלעהרט א סטרייק פאַר וואָך־ארבייט און האָט דעם סטרייק געוואונען. די באָסעס האָבען זיך דעמאָלט ניט געקענט העלפען און האָבען איבער גוואַלד נאָכגעגעבען. זיי

אינהאַלט־פאַרצייכניס

נומער 33 „גערעכטיגקייט".

זייט 2. די וואָך — ש. י.
זייט 3. וויכטיגע פאָסירונגען אין דער קלאָוק אפערייטאָרס יוניאָן, לאָקאַל 1 — פ. קאַטלער.
זייט 4. וואס הערט זיך אין דער באָגען עמ: בראָידערערס יוניאָן לאָקאַל 66? — אסיפ וואָלינסקי. א „זייט־געזונד" צו די מיטגליעדער פון לאָק. 35 — א. א. קאַזאַן.
זייט 5. באַנקעט־נאָכוועהען — דזש. העלער. עקזאַמינערס, באַגראַהערס, בושלערס יוניאָן, לאָקאַל 82 — מ. י. אשפיז.
זייט 6. סטרייקס און סאָציאַלע רעוואָלוציע — נ. פאָמעראַנץ. נאָך פּערעס.
זייט 7. אונזערע לעצטע קעמפע און זיעגע — אב. באַראָף. די קאָנצעדעטען אין צייט פון סטרייקס — פאַניא מ. קאָהן.
זייט 8. ליגדעלין — יאַנאָס ליע.
זייט 9. כאָפ׳ן רעגען (געדיכט) — מ. סילווערמאַן. א בריוועל צום רעדאַקטאָר — ס. סנדלער.
זייט 10. פון רעדאַקטאָרס נאָטיץ ביכעל. מעקסיקאָ (פעליעטאָן) — א. וואָהלינער.
זייט 11. די אמעריקאַן פעדערעישאָן אָוו ליידבאָר — ש. יאַנאָווסקי.
זייט 12. דער אַקטיאָרען סטרייק אויף בראָדוויי — ליליפוט.
זייט 13. א באַראָומילטער (ערצעהלונג) — א. באַבימש.
זייט 14. די עבערשטנאַסקע רעגירונג און די אידען — א. גלאַנץ. נו, א וואָך! — דר. ק. לעא.
זייט 15. צו דער פראַגע פון א יוניפאָרם וויידזש־סקייל אין דער קלאָוק אינדוסטרי — מ. סלאָווין.
זייט 16. די פּרויען־וועלט — ראָזע בעדריק־בלינדער.
זייט 17. קורצע שמועסען.
זייט 18 און 19 — עדווערטיזמענטס.
זייט 20. ענינים פון אונזער אינטערנעשאַנאַל אין דער פרעסע — א סטעף־רעפאָרטער.

אינטערנעשאַנאַל לאָקאַלס אין באָסטאָן אין א גלענצענדען צושטאַנד

דער סטרייק פון דער רעינקאָוט מאכער יוניאָן לאָקאַל 7 געסעטעלט צו גונסטען פון די ארבייטער.

סעקרעטער אב. באַראָף האָט לעצטען מיטוואָך און דאָנערשטאָג פאַרבראַכט אין באָסטאָן און ער איז צוריקגעקומען גאַנץ באַגייסטערט וועגען דעם גוטען צושטאַנד, אין וועלכען עס געפינען זיך דאָרט אַלע אונזערע לאָקאַלס. „עס איז ניט א האָר איבערטריבען צו זאָגען, — האָט ברודער באַראָף ענטוזיאַסטיש אויסגערופען צוריקקומענדיג — דאָס אַלע אונזערע אינטערנעשאַנאַל לאָקאַלס אין באָסטאָן געפינען זיך דאָרט אין א גלענצענדען צושטאַנד."

ברודער באַראָף איז אַהין געפאָהרען הויפּטזעכליך אום אַנטייל צו נעהמען אין א קאָנפערענץ צווישען דעם דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן אין באָסטאָן און דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן, און ערשט אויף דעם קאָנפערענץ איז פאָרמעל אונטערגעשריבען געוואָרען דער אַגרימענט פונ׳ם סעטעלמענט אין דער קלאָוק־אינדוסטריע, וואס די באָסטאָנער קלאָוק מאכער האָבען געוואונען דורך זייער לעצטען סטרייק.

ווי די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" געדענקען אוודאי, האָבען די באָסטאָנער קלאָוקמאכער געסטרייקט גלייך נאָך דעם קלאָוקמאכער סטרייק אין ניו יאָרק און זיי האָבען דעם סטרייק שנעל געוואונען. זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט זיעגרייך צו דער ארבייט.

וואס אַנבאַלאַנגט דעם סעטעלמענט אין אַלגעמיין, האָבען זיך די באָסטאָנער קלאָוקמאכער גאָר ניט וואס צו שעהמען געגען די ניו יאָרקער קלאָוקמאכער. זיי האָבען געוואונען פאַר זיך די זעלביגע ארבייטס־באַדינגונגען ווי אין ניו יאָרק און די קלאָוקמאכער דאָרטען זיינען פונקט אַזוי צופריעדען פונ׳ם סעטעלמענט, ווי עס זיינען די קלאָוקמאכער אין ניו יאָרק. אויך דער סטרייק אין באָסטאָן איז דעמאָלט געסעטעלט געוואָרען דורך א קאָנפערענץ און די ארבייטער האָבען זיך אומגעקערט זיעגרייך צו דער ארבייט. עס זיינען אָבער געבליבען אייניגע קלענערע פונקטען, וועלכע האָבען נאָך געדאַרפט אויסגעגליכען ווערען, און דאָס איז ערשטענס געטאָן געוואָרען לעצטע וואָך אויף דער קאָנפערענץ מיט די בעלי בתים אויף וועלכער סעקרעטער באַראָף איז געווען אַנוועזענד און דער אַגרימענט איז פאָרמעל אונטערגעשריבען געוואָרען פון ביידע צדדים.

ברודער באַראָף האָט דאָרט אויך בייגעוואוינט א שעהנעם, וויכטיגען מיטינג פון דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוקמאכער יוניאָן. די יוניאָן געפינט זיך אין א גוטען צושטאַנד. אויך דאָרט האָט די סיסטעם פון וואָך־ארבייט געהאַט א זעהר גוטע ווירקונג. די קלאָוקמאכער אין די שעפּער פיהלען זיך אויסגעצייכענט, די ליעבע צו דער יוניאָן וואַקסט פון טאָג צו טאָג און די יוניאָן ווערט דאָרט אַלץ שטאַרקער און איינפלוסרייכער.

אַזוי ווייט וואס אַנבאַלאַנגט די קלאָוקמאכער יוניאָן. אָבער אין באָסטאָן זיינען דאָ נאָך אַנדערע אינטערנעשאַנאַל לאָקאַלס, די וויסט און דרעסמאכער יוניאָן לאָקאַל 49, די ריינקאָוט־מאכער יוניאָן לאָקאַל 7 און די לײדיעס־טיילאָרס יוניאָן לאָקאַל 36.

דער סטרייק פון דער ריינקאָוט־מאכער יוניאָן לאָקאַל 7 איז געסעטעלט געוואָרען צו גונסטען די ארבייטער. די ארבייטער האָבען געוואונען א 44־שטונדיגע ארבייטס־וואָך און א באַדייטענדע העכערונג אין שכירות. דער סעטעל־

(שלוס אויף זייטע 20.)

צו אַלע קלאָוק, סקוירט, און ריפער מאכער פון גרויס ניו יאָרק!

נעקסטער מאָנטאָג, לייבאָר דיי, איז א געזעצליכער יום טוב און די ארבייטער אין די קלאָוק, סקוירט און ריפער שעפּער מ א ר ע ן דעם טאָג נ י ט ארבייטען. אַלע ארבייטער פון די שעפּער דאַרפען קריגען פאַר דעם טאָג באַצאָהלט.

אויב א קלאָוקמאכער וועט געטראָפען ווערען ביי דער ארבייט יענעם טאָג וועט ער גערופען ווערען צו דער גריוועַנס קאָמיטע און וועט שטרענג באַשטראָפט ווערען.

אין נאָמען פון דזשאָינט באָארד פון דער קלאָוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאָן.
ל. לאַנגער, סעקרעטער.

אן אפיעל צו אלע ארבייטער!

שוועסטער און ברידער!

רעאקציאנערע קרעפטען, פארטראטען דורך אזעלכע ארגאניזאציאנען ווי די לוסק קאמיטע, די נעשאנאל סעקיוריטי ליגע און די יוניאן ליגע קלאב, מאכען אן ענטשיידענדע אטאקע אויף אמעריקאנער אינסטיטוציאנען און אויף אונזער קאנסטיטוציאנעלע פרייהייטען. אהן דעם שאטען פון אן ענטשולדיגונג האבען זיי אטאקירט די רענד סקול, מיט דעם אויסגעשפראכענעם צוועק זי צו פארניכטען. דערווייל, אין יעצטיגען פאל, האבען זיי געהאט א ניד־ערלאגע, אבער עס איז זייער אבזיכט צו פארניכטען פאלשטענדיג יעדע פארמע פון ליבעראלע און ראדיקאלע טעטיגקייט. זיי האבען צוריקגעבראכט צום לעבען די צייטען און מעטאדען פון דער צארישער רוסלאנד! אויב זיי וועט זיך נאר איינגעבען צו פארניכטען די רענד סקול און עהנליכע אינסטיטוציאנען, וועלען זיי זיך נעהמען, נעקסט צו די ארבייטער יוניאנס. דאס איז שוין אנגעצייגט געווארען אין די באריכטען אין דער פרעסע וועגען די טאטען פון דער לוסק קאמיטע.

אין דיזען קריזיס איז עס נויטיג פאר אלע ארבייטער יוניאנס צו שטעהן צוזאמען. די איצטיגע אטאקע ווערט געמאכט אויף דער סאציאליסטישער באוועגונג און פארשידענע סאציאליסטישע ארגאניזאציאנען. אבער די פאלגען זיינען פון גרויס וויכטיגקייט צו יעדע פראגרעסיווע ארבייטער־גרופע. עס וועט באלד קומען אן ענטשיידענדע אטאקע אויף אלע, וואס די ארבייטער האבען געוואונען אין דער לעצטער צייט. דער קאמף פון די סאציאליסטען היינט־צו־טאג איז אויך דער קאמף פון די יוניאנס.

די אטאקע קומט אין א צייט, ווען די פאנדס פון דער סאציאליסטישער באוועגונג זיינען זעהר קליין. סאציאליסטישע און אנדערע ראדיקאלע רעדנער, ארגאניזערס און בעאמטע זיינען אין דזשייל, אדער אונטער אנקלאגע. דער עקספענס פון פארטיידיגען זיי איז גרויס. דיזע מענער האבען געקעמפפט די קעמפפע פון ארבייט! — און ארבייטער טארען זיך נים ערלויבען זיי צו פארלאזען!

אום אנטקעגען צושטעלען זיך דער פראפאגאנדא פון די רעאקציאנערען, מוז אנגעפיהרט ווערען א בילדונגס־קאמפיין. ליטעראטור מוז פארשפרייט ווערען, און רעדנער מוזען ארויסגעשיקט ווערן, אוועקצושטעלען דעם ארבייטער'ס קייס פאר דעם פובליקום. א באוועגונג צו שאפען $100,000 פאר א פאנד, צו געברויכען נעגען רעאקציאן אין אלע איהרע פארמען, האט זיך אנגעפאנגען.

אייער ארגאניזאציאן מוז העלפען שאפען דיזע געלד. די פראגע פון איצטיגען מאמענט נעהמט ארום דאס גאנצע פעלד פון אונזערע קאנסטיטוציאנעלע פרייהייטען, אויב איהר ווילט געניסען פרייהייטען פון ווארט, פרייהייט פון דער פרעסע, דאס רעכט פון אלע מענשען צו זייערע מיינונגען, טאי דיזע מיינונגען זיינען אין אנקלאנג מיט יענע פון די רעגירענדע קרעפטע, אדער נים; אויב איהר גלויבט אין דעם רעכט פון מענשען זיך צו ארגאניזירען פאר געזעצליכע צוועקען, דאן איז עס אייער פליכט זיך אנצושליסען און העלפען שאפען דיזען פאנד.

עס איז אנגעגאנגען א מטעטיגער קאמפיין פון פארלוימדונג און פאסקווילען נעגען די סאציאליסטען און די יוניאנס. זיים נים נעגארם! אויב איהר וועט דערלאזען די סאציאליסטישע באוועגונג צו דערשטיקען, וועלען די זעלבע קרעפטען אין דער נאהענטער צוקונפט אייך אויך דערשטיקען. קאפיטאליסטען האבען פיינט די ארבייטער יוניאנס נים ווענינער ווי זיי האבען פיינט די סאציאליסטען.

די געלד צו פארטיידיגען האדיקאלע, ליבעראלע און פראגרעסיווע ארגאניזאציאנען קען בלויז קומען פון די ארבייטער אליין. מיר, די אונטערצייכענטע, א קאמיטע וואס פארטרעט א קאנפערענץ פון ארבייטער יוניאנס, נעגרינדעט פאר דעם צוועק צו העלפען שאפען דיזען פאנד, אפעלירען צו אייך, אלס פריינד פון פרייהייט און אלס מיטגלידער פון דעם ארבייטער קלאס, איהר זאלט אנווענדען אייער מיה און העלפען מאכען דיזען פאנד פאר אן ערפאלג.

מיר אפעלירען צו אלע ארבייטער ארגאניזאציאנען, צו טאן צוויי זאכען: 1) ביישטייערען אזוי גרויסמוטיג ווי מעגליך פון די פאנדס פון זייערע ארגאניזאציאנען; און 2) פארשפרייטען סובסקריפשאן־ליסטען צווישען די מעמבערס, דורך דער פערמיטלונג פון די שאפטשערלייטע. מיר אפעלירען צו אלע מיטגלידער פון ארבייטער ארגאניזאציאנען און צו אלע ליבעראל־דענקענדע און פרייהייטס־ליבענדע מענשען — בייצושטייערען אזוי גרויסמוטיג ווי מעגליך פאר דיזען נאבעלען צוועק.

עס איז א פראגע פון הויכער פאלקספליכט פאר יעדען איינעם, סאציאליסט אדער נים־סאציאליסט, צו קומען צו הילף דעם פראגרעסיווען געדאנק. מיר לעבען אין אויסערארדענטליכע צייטען. די אמעריקאנער פרייהייט ווערט געשטעלט אין געפאהר. יענע רעכטע, וועלכע זיינען פאר פילע יאהרען געווען פאררעכענט אלס אונזער אייגענס און אויף וועלכע מיר האבען די גאנצע צייט געקוקט ווי אויף אונזערע — ווערען איצט נעדראהעט פון מענער און קרעפטען, וואס האבען קיינמאל נים פארשטאנען די באדייטונג פון פרייהייט און דעמאקראטיע.

פאראייניגטע ארבייט איז נויטיג! מיר פארלאזען זיך אויף אייך! מיר זיינען זיכער אז איהר וועט טאן אייער פולע פליכט!

לייבאר יוניאן קאנפערענץ צו באקעמפפען רעאקציאן,

א. י. שיפליאקאב,
טשערמאן קאנפערענץ קאמיטע.

דזשאזעף שלאסבערג,
טשערמאן פינאנס קאמיטע.

אייברעהעם באראף,
טרעזשורער.

די אפיציעלע סובסקריפשאן־ליסטען וואס טראגען די אונטערשריפטען פון דער פינאנס קאמיטע, ווי אנגעגעבען אויבען, וועלען זיין פארטיג אין עטליכע טעג ארום. זיים גרייט ווען זיי ערשיינען, דערווייליגע ביישטייערונגען זעהר נויטיג. שיקט אייער געלט צום טרעזשורער:

אייברעהעם באראף, 7 איסט 15טע סט.
רום 501, ניו יארק.

דער מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון דער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן לאקאל 25

א ספעשעל מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד פון דער לידיעס ווייסט און דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 25 איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג, דעם 15טען אויגוסט, 1919, שוועסטער ראוז פעך, טשערליידי.

די מענעדזשערס און די קאנפערענץ־קאמיטע באריכטען, דאס זיי האבען אפגעהאלטען א מיטינג מיטוואך, דעם 13טען אויגוסט, 1919, אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, מיט בר. באראף אלס טשערמאן.

די פראגע פאר דער קאמיטע צו פארהאנדלען איז געווען די ראטזאמקייט פון פאדערען א פלעט רייז פאר אלע וואך־ארבייטער אדער פאדערען א רעוויזיאן פון די מינימום־סקיילס.

נאך א לענגערער דיסקוסיאן, האט די קאמיטע באשלאסען צו רעקאמענדירען צום באארד צו פאדערען א רעוויזיאן פון די מינימום־סקיילס, ווי זיי עקזיסטירען יעצט אין דער אינדוסטריע. לויט דיזער אראנזשמענט, וועלען די מינימום סקיילס אינדירעקט געהעכערט ווערען.

די קאמיטע רעקאמענדירט ווייטער, דאס די פאלגענדע מינימומס זאלען געפאדערט ווערען ביי די קאנפערענצען מיט די אסאסיאיישאנס:

דרייפערס, וואס קריגען יעצט 23 דאלאר, זאלען קריגען 28 דאלאר.

סעמפעל מייקערס, וואס קריגען יעצט 22.50, זאלען קריגען 26 דאלאר.

עקזעמינערס, וואס קריגען יעצט 17.50, זאלען קריגען 22 דאלאר.

פינישערס, וואס קריגען יעצט 15.50, זאלען קריגען 20.00.

אייראנערס (פרויען), וואס קריגען יעצט 20.50, זאלען קריגען 24 דאלאר.

אייראנערס (מענער), וואס קריגען יעצט 24.50, זאלען קריגען 28 דאלאר.

פרעסערס, וואס קריגען יעצט 33.00, זאלען קריגען 38 דאלאר.

קלינערס, וואס קריגען יעצט 13 דאלאר, זאלען קריגען 17 דאלאר.

דער באזיס־רייט פאר אפרייטארס זאל געהעכערט ווערען פון 50 סענט צו א דאלאר.

די קאמיטע באריכטעט ווייטער, דאס אזוי ווי דער סופליי פון ארבייטער אין אונזער אינדוסטריע איז יעצט נים גענוגענד, און אזוי ווי די אסאסיאישאנס האבען געקראגט די פארזיכערונג פון דער יוניאן, ווען דער דזשענעראל סטרייק איז געסעטעלט געווארען, דאס אזוי שנעל ווי נארמאלע קאנדיציאנען וועלען צוריקגעשטעלט ווערען אין דער אינדוסטריע, וועט זיי ערלויבט ווערען צו באשעפטיגען לערנערס אין די דרייפינג און אייראנערס דעפארטמענטס. דעקאמענדירען זיי די פאלגענדע אראנזשמענטס:

1) דרייפערס לערנערס. לערנער זאל ערלויבט ווערען אין א שאפ, וואו נים ווענינער פון 3 דרייפערס ווערען באשעפטיגט. דיעזער סארט לערנער זאלען אנפאנגען מיט 19 דאלאר א וואך און נאך צוויי מאנאטען זאלען זיי קריגען דעם סקייל פון די פולע דרייפערס.

2) אייראנערס־לערנערס. איין לערנער זאל ערלויבט ווערען אין א שאפ, וואו נים ווענינער פון 3 אייראנערס ווערען באשעפטיגט. אין שאפער, וואו צעהן אדער מעהר אייראנערס ווערען באשעפטיגט, זיינען נים מעהר ווי צוויי לערנערס ערלויבט. דיעזער סארט לערנערס זאלען אנפאנגען מיט 17.50 דאלאר א וואך און נאך צוויי מאנאטען זאלען זיי קריגען דעם רעגולאר סקייל.

3) דאס א רעדזשיסטריישאן ביורא פאר לערנערס זאל עטאבלירט ווערען. קיין לערנער, וואס צייגט נים קיין רעדזשיסטריישאן־קארד פון דער יוניאן, זאל ערלויבט ווערען אנגעשטעלט צו ווערען אין א שאפ.

4) יעדער אפליקאנט פאר א לערנער'ס רעדזשיסטריישאן־קארד זאל איינצאהלען 5 דאלאר אין דער יוניאן, און נאך דער טרייעל־פעריאדע זאל ער זיך אנשליסען אן דער יוניאן.

5) קיין באס זאל האבען דאס רעכט אנצושטעלען א לערנער, סיידען ער האט געגעבען 48 שטונדען נאטיס דער יוניאן און סיידען די יוניאן פארפעהלט איהם צו שיקען א פולען ארבייטער. דער לערנער קען דאן אנגעשטעלט ווערען לויט די רעגולייישאנס פון פאראגראף 3.

דער רעפארט פון דער קאנפערענץ־און מענעדזשערס־קאמיטע ווערט איינשטימיג אנגענומען. די מענעדזשערס ווערען אויפגעפאדערט צו אינסטרואירען אלע ביזנעס איידזשענטס צוזוגרייטען ליסטס פון אויסקיפטע פון די פארשיעדענע שעפער און פון די פארשידענע וואך־ארבייט דעפארטמענטס. די מענעדזשערס ווערען אויך אויפגעפאדערט צו מאכען אראנזשמענטס פאר די קאנפערענצען מיט די אסאסיאיישאנס.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

קלאוק מאכער יוניאן לאקאל 11

אפרייטארס, פינישערס און סקירט מאכער

אויפמערקזאם!

א ספעשעל מיטינג

וועט אפגעהאלטען ווערען

מיטוואך אבענד, דעם 27טען אויגוסט, 9191

אין לייבאר סיסעאום, 219 סעקמאן סטריט, רום 403.

יעדער מעמבער איז געבעטען צו קומען צו דיזען מיטינג וואו די פראגע פון העכערען די רייט וועט פארהאנדעלט ווערען. צוליעב די שלעכטע וועטערען וואס איז לעצטענס געווען זיינען אונזערע מיטינגען נים געווען גוט באזוכט און דיזע וויכטיגע פראגע איז אפגעלעגט געווארען פאר א גינסטיגע צייט, וואו אלע מעמבערס וועלען קאנען קומען און נעמען איין אנטייל. דארום איז די פליכט פון אלעמען צו קומען און מאכען דיזען מיטינג סוקסעספול.

מיט גרוס,

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 11

ה. בראדסקי, סעק.

א מיטינג פון טאראנטא'ער קלאוקמאכער אין ניו יארק

די טאראנטא'ער קלאוקמאכער וועלכע זיינען יעצט אין ניו יארק, האבען אפגעהאלטען א פערזאמלונג אין אפיס פון לאק. 1 פון דער אפרייטארס יוניאן, מיט דעם צוועק צו העלפען די סטרייקער אין טאראנטא. דער מיטינג איז אדרעסירט געווארען פון וויים־פרעזידענט קאלדאווסקי, וועלכער איז צופעליג געווען אין ניו יארק.

וויים פרעזידענט קאלדאווסקי האט באריכטעט וועגען די לעצטע פאסירונגען אין דעם גאנג פון דעם סטרייק אין טאראנטא און האט אפעלירט צו דער פארזאמלונג צו שטיצען די טאראנטא'ער סטרייקער.

עס איז גלייך געשאפען געווארען 211 דאלאר אויפ'ן פלאץ און די פערזאמעלטע האבען זיך פארפליכטעט צו צאהלען און אויך קאלעקטען פון אלע אנדערע טאראנטא'ער קלאוקמאכער וועלכע זיינען יעצט אין ניו יארק פינף דאלאר א וואך פון אונפארהייראטע און דריי דאלאר א וואך פון פארהייראטע.

די געלדער וועלען הארפען געבראכט ווערען צו פ. קאטלער, מענעדזשער פון לאק. 1, אין אפים 238 פיערטע עוו.